STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01930

SOLDATSHINA

Solomon Judson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. יודסאָן

שריפטן

בוך II

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ש. יודסאָן

סאָלדאַטשינאַ

בילדער און דערציילונגען
פון אַ רוסישער קאַזאַרמע

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Sz. Judson — „Sołdaczyna"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

	זייט
אין דעם קייסערס קליידער	5
אויף „אוטרעני סמאַטר"	12
סלאַוועסנאַסט	20
דעם סאָלדאַטס ווייב	25
אַ מפּלה אויפן פּאָל-ראַטנעם	28
ווי האָט בוליגאַ גענומען די קאַווע?	32
צוריק פון אַקאַלאַדאַק	37
„צוויי שעה פּאַדקאַזיראַק"	39
געהאַלט פאַר צוויי מאַנאַטן	43
ביעגאַם צום „סאַבאַטשי גאַרקים"	46
קאַזאַרמע-ליטעראַטור	52
„אובאַרקאַ"	59
אין „ראַזריאַד שטראַפּאַוואַניך"	66
סאָלדאַטן אַמוזירן זיך	73
מיטן „קאָמאַנדאָ" אין שטאָט	79
טרעוואָגאַ	86
אַ פאַרשפּעטיקטער נאָוואַבראַנעץ	93
מוז אויפגעבן זיין פּלאַן	100
אויסבראַקירט פון דער קאָמיסיע	108
דערקענט דעם בעל-דבר	114
צוליב אַ פּאָרציע פליישׂ	120
די פאַריתומטע זנאַמיע	127
ווי אַ נאָוואָבראַנעץ מאַכט פליטה	132
זיך באַגעגנט מיט אַ גענעראַל	139

	זייט
קאנקורענטן	143
ער האָט נישט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון	148
סאָלדאַטן־ליבע	155
סאָלדאַטן־ליבע, 2	161
אַ חתונה אין קאַזאַרמע	167
יאָרצײַט אין קאַזאַרמע	173
אַז עס איז באַשערט צו כאַפּן פּעטש	179
„זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!"	186
דערלעבט ערב פּסח	194
אַדיע קאַזאַרמע	200
אַנטלאָפן	260

אין דעם קייסערס קליידער

די ערשטע זאַך מיט וואָס מען האָט אונז מכבד געווען, אָנקומענ־דיק אין פּוילק, איז געווען אַ באָד, וווּהין מיר זענען אַריין פרייע מענטשן, אין ציווילע קליידער, מיט זעלבסטרעספּעקט און ערן־געפיל, יעדער נאָך זיין שטאַנד און גראַד, און אַרויס אין צעפליקטע פאַרשמוצטע „מונ־דירן" מיט פאַרזשאַווערטע „קוקאַרדעס" איבער די אויגן, אָן אַ סימן מוט און אָן אַ פונק פון האָפנונג אין די פאַרקלעמטע הערצער.

ווען אַן אַלטער סאָלדאַט האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פּאָר צעריסענע שמאַטעס, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון מיינע היימישע קליידער, האָב איך געפילט ווי אַ פינצטערע וואַנט האָט זיך מיט איין מאָל אַרונטערגעלאָזט און פאַרשטעלט פון מיינע אויגן די שיינע, פרייע וועלט, וואָס איך האָב נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און באַוווּנדערן. איך האָב אַ ווײַלע באַטראַכט די טונקל־גרינע לומפּן און האָב בשום אופן נישט געגלייבט, אַז איך וועל זיי קאָנען אויף זיך אַרויפציען. אַרום מיר זענען געשטאַנען צענדליקער אַנדערע: פּראָסטע מוזשיקעס, מיעשטשאַנעס, טאַטאַרן און באַלעבאַטישע יידישע קינדער, האָבן זיך געהאַלטן מיט פּעקלעך ענלעך צו מיינע און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיי. עס האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס זענען דעם קייסערס מלבושים, וואָס זיי וועלן דאַרפן טראָגן די ערשטע צייט פון דער „נאָוואָבראַנסטוואָ".

איין געשריי פון עפּעס אַ שטיקל „געהויבענעם", וועלכער האָט אויף אונז געוואַרט אין פאָדערשטן צימער, האָט אונז קלאָר געמאַכט, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו קלערן. מיר האָבן זיך שנעל גענומען

אָנמין, און ווען מיר זענען פּאַרטיק געוואָרן און אָנגעקוקט זיך איינער דעם צווייטן, האָט איין פאַרצווייפלטער בליק אַרויסגעבליצט פון אַלע־מענס אויגן מיט איין מאָל. בּאַ אייניקע האָבּן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און אַנדערע זענען געשטאַנען ווי פּאַראַליזירט פון שרעק.

איך האָב זיך בּאַלד איבערצייגט, אַז איך האָב נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט אָפּגעשניטן. די הויזן, וואָס איך האָב געקריגן, האָבּן געהאַט ביידע קאָלאָשעס און כאָטש זיי האָבּן אויף זיך געהאַט לאַטעס פון אַלערליי קאָלירן און דערצו אַ שיין ביסל לעכער, האָבּן זיי אין פיל הינזיכטן דאָך אויסגעזעען פיל לייטישער פון די, וואָס מיינע חברים האָבּן געקריגן. דערפאַר אָבער האָט מיין מונדיר געפעלט איין האַלבע פּאָלע און אונטער ביידע אַרבל זענען געווען שטיקער אויסגעריסן. די שליפעס, וועלכע זענען אַמאָל געווען פון רויטלעך־געלן קאָליר, זענען געווען שטאַרק שמוציק און דער נומער אויף זיי איז געווען צעשפּאָלטן און אין פיל ערטער אָפּגעשפּרונגען. מיין היטל האָט קיין פאָרם נישט געהאַט, ווייל דאָס רייפל, וואָס האַלט די רונדע דענקע אָנגעצויגן, איז געווען איבערגעבראָכן אין אייניקע פלעצער, דער איינציקער סימן, אַז דאָס איז אַ סאָלדאַטסקע היטל איז געווען, די בלעכענע קוקאַרדע אויף דער אָקאָלושקע.

ווי זויער עס איז מיר געווען אויפן האַרץ, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון שמייכלען, ווען איך האָב דערזעען אַ גרויסן, בלאָנדן מוזשיק אין אַ פּאָר הויזן, וואָס האָבּן געהאַט נאָר אַנדערטהאַלבן קאָלאָשעס. איין קאָלאָשע האָט נישט דערלאַנגט אַ שטיק צו דער קני. דער מונדיר, וואָס דער זעלבער מוזשיק האָט געקריגן, איז געווען העלפט פון זיין מאָס און ווען די אַרבל וואָלטן נישט געווען מער ווי העלפט אויפגעריסן, וואָלט ער אים בשום אופן נישט געקאָנט אַרויפשלעפּן אויף זיך. אַ יידישער יונגערמאַנטשיק, קענטיק אַ קליינשטעטלדיק סוחרל, איז אַריינגעפאַלן אין אַ מונדיר, אין וועלכן עס האָט געפעלט מער ווי אַ האַלבע פּלייצע. זיין היטל איז גראָד געווען נישקשה, די דענקע איז אָפּגעשטאַנען הויך פון פאָרנט און די אָקאָלושקע מיט דער קוקאַרדע האָבּן זיך גוט אַרויסגעזעען.

— סאַר אַ מזל אַ זשיד האָט! — האָט איין מוזשיק לעבן מיר

אריינגעשושקעט א צווייטן, קוקנדיק מיט קנאה אויף דעם יידלס היטל. — דו װעסט א ביסל א היטעלע, כמעט א נײַס?!
— און דער זשידאָק? — האָט דער צווייטער מוזשיק געזאָגט צום ערשטן, ווייזנדיק אויף מיר. — האָט געקריגן די בעסטע הויזן. זאָלן זיי גיין צום טייוול, זיי קריגן אַלע מאָל דאָס בעסטע!
קיין שטיוול האָט מען אונז נישט געגעבן און שינעלן האָט מען אונז איינגעטיילט ערשט קומענדיק אין קאַזאַרמע, נאָכדעם ווי מען האָט אונז מכבד געווען מיטן ערשטן מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון א שטיק שוואַרץ האַלב-רוי ברויט און א ביסל זופּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי שמוציקער לויג און נישט געהאַט קיין טעם.
ווען מען האָט אונז פאַרטיילט אין די ראָטעס און יעדן אַרויפגע־פירט אין זוואַד ווו ער באַלאַנגט, איז צו מיר צוגעקומען א יידישער סאָלדאַט, וואָס האָט, נישט מיט ווייניק שטאָלץ, זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר אַלס דער שניידער פון ראָטע און מיך געפרעגט, אויב איך האָב עטלעכע רובל מיט זיך.
איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט זיין פראַגע און געענט־פערט אַז יאָ, און ער האָט מיר גלייך געראָטן צו קויפן זיך א גאַנצן מונדיר. הויזן, האָט ער געזאָגט, קאָן איך נאָך טראָגן אייגענע, אויב איך האָב טונקעלע, און אויב נישט, זאָל איך קויפן אויך א נייע פּאָר הויזן, און טאַקע שוין, וואָרים דאָס וועט מיר פאַרשפּאָרן פיל צרות בײַ די „אונטערעני סמאָטרס".
די זעלבע עצה האָט דער ראָטנער שניידער געגעבן דעם צווייטן יידישן נאָוואָבראַנעץ, עפּלבוים, וועלכער איז „אריינגעפאַלן" מיט מיר צוזאַמען אין דער דריטער ראָטע, אָבער עפּלבוים איז געווען אַליין א שניידער און האָט געזאָגט, אַז ער וועט מאַכן זיין מונדיר אויסקוקן ווי א נייעם.
דער ענטפער איז דעם בעל יועץ נישט געפעלן און ער האָט זיך באַלד אָפּגערוקט פון עפּלבוימען מיט א מינע ווי ער וואָלט זאָגן: „וואַרט נאָר א ביסל, דו מיינסט טאַקע, אַז דו וועסט דאָ זיין א גאַנצער קנאַקער!"
א ביסל שפּעטער האָב איך שוין געהאַט א גוטן מונדיר. נישט קיין גאַנץ נייעם, אָבער דאָך איז קיין פּגימה אויף אים ערגעץ נישט

געווען. דער ראַטנער שניידער האָט אים מיר פּאַרקויפט פּאַר צוויי און אַ האַלבן רובל און האָט מיר געשווירן, אַז ער איז ווערט מער ווי פיר און אַז דעם „יידל", מיינענדיק עפּעלבוימען, וואָלט ער אים אפילו פאַר צען רובל נישט פאַרקויפט.

באַלד האָט מען אָפּגעבערענגט אונזערע ציווילע זאַכן, וואָס מען האָט אין באָד דיזענפעקטירט, כדי זיי זאָלן זיין ריין גענוג צו מעגן אַריינגעבראַכט ווערן אין קאַזאַרמע. און איך האָב אָנגעטון צוריק מיינע אייגענע הייזן, כאָטש עס האָט זיך פון זיי געהערט אַ ריח פון שוועבל און זיי זענען געווען שרעקלעך צעקנייטשט. אויף קנייטשן, האָט דער ראַטנער שניידער מיר געזאָגט, איז מען נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד, דער עיקר — עס זאָל זיין גאַנץ.

מיר זענען געווען צוזאַמען פיר און פערציק נאָוואָבראַנצעס און מען האָט אונז פאַרטיילט צו עלף אין אַ זוואָד. איך בין אָנגעקומען אין ערשטן זוואָד, ווייל איך בין געווען פון די העכערע.

אַזוי גיך ווי מען האָט אונז אָנגעוויזן אויף אונזערע פּלעצער, האָבן מיר אַרונטערגעשטעלט די קעסטלעך אונטער די „קאַיקעס" און זיך אַרומגעקוקט איבער דער קאַזאַרמע, וואָס האָט געזאָלט זיין אונזער היים פאַר גאַנצע פיר יאָר.

מיינע חברים אין זוואָד זענען אַרומגעגאַנגען אין די צעריסענע שמאַטעס, וואָס זיי האָבן אין באָד געקריגן און עס איז געווען אַ הארץ-ברעכעניש אויף זיי צו קוקן. די גרעסטע טייל פון זיי איז געווען מו-זשיקעס, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין „סערמיאַגעס" און „לאַפּטשעס", דאָך האָב איך געפילט, ווי דערנידעריקט און נידערגעשלאָגן זיי פילן זיך אין דעם דעם קייסערס מלבושים, אין וועלכע מען האָט זיי נאָר-וואָס אַריינגעוואָרפן.

עטלעכע אַלטע סאָלדאַטן, צווישן זיי אַ פּאָר מיט בענדלעך אויף די שליפעס, וועלכע איך האָב אויף מאָרגן געהאַט די ערע צו קענען מיט די נעמען, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך מיט אונז. זיי האָבן אונז געטרייסט און געזאָגט, אַז די קליידער זענען נאָר אויף עט-לעכע וואָכן. שפּעטער וועט מען אונז געבן מונדירן פון צווייטן „סראָק", דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זענען פריער געטראָגן געוואָרן נאָר איין מאָל, די קליידער, וואָס מען האָט אונז געגעבן אין באָד, האָבן מיר דערפאַרן,

זענען אַלט אפשר צוועלף יאָר און האָבן שוין דורכגעמאַכט מערערע סלוזשבעס.

פאַר „פּאָוויערקע" האָט מען אונז נאָוואָבראַנצעס אויסגעשטעלט אין אַ רייע און דער וואַדנער און די איבעריקע „געהויבענע" פון זוואָד האָבן גענומען באַקוקן אונזערע מלבושים מיט אַ שטרענגער ערנסטקייט.

איך בין געווען דער פערטער אין דער רייע, צו דער רעכטער האַנט, ווייל פאַר מיר זענען געווען דריי העכערע ווי איך. דער ערשטער איז געווען בוליגאַ, אַ זעקספּיסיקער אָקסן-טרייבער פון קאַזאַן, מיט אַ אַ געשטופּלט פּנים און אַ פּאָר איינגעגראָבענע אומעטיקע גרויע אויגן.

ווען דער וואָדנער האָט געזאָגט בוליגאַן, אַז ער מוז זען, אַז זיין מונדיר זאָל זיין גאַנץ, האָט דער שייגעץ געעפנט דאָס מויל און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער וואָדנער האָט אים נישט געגעבן קיין געלעגנהייט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

— נישט גערעדט! — האָט דער וואָדנער אויסגערופן אין אַן ערנסטן טאָן, וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער גאַנצער רייע. — אַ סאָלדאַט דאַרף נאָר אויסהערן, וואָס מען זאָגט אים און ענטפערן, ווען מען פרעגט אים וואָס, מיט „טאַק טאָטשנאָ" אָדער „ניע קאַק ניעט" יאָ, אָדער ניין, אָבער קיין אַנדערע דבורים, דו הערסט?

דאַן האָט דער וואָדנער גענומען גענוי באַטראַכטן בוליגאַס מונדיר.

אַז ער איז פּראַקטיק געוואָרן מיטן פראָנט, האָט דער וואָדנער דעם אויבנאָניקן באַפוילן זיך אויסצודרייען מיט דער רעכטער זייט צו אים, דאַן מיט דער פּלייצע און דאַן, ווידער, מיט דער לינקער זייט. ער האָט אומעטום געפונען עפּעס, וואָס עס פאָדערט „פּאָטשינקע"; דאָ אַ ריס, דאָ אַ לאָך, דאָ אַ הענגנדיקע לאַטע, דאָ שלעכט פאַר-שטשאָבעט א. אַז. וו.

ווען ער איז געקומען צום צווייטן, צו פּוליאַיעוון, אַ בילד-שיינער „שייגעץ" מיט אַ פּאָר רויטע באַקן, האָט זיך די זעלביקע סצענע ווידער-האָלט אַ צווייט מאָל. פּוליאַיעוו האָט וואָס געוואָלט ענטפערן און דער וואָדנער האָט, מיט מער ערנסט ווי בײַ בוליגאַן, אים אונטערבראָכן מיט

וואָרנונג „ניע גאַוואָריט!“ האָסט נישט געהערט, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט צו בוליגאַן? דאָס איז געווען געמיינט נישט פאַר אים אַליין. עס איז געווען געמיינט פאַר אַלעמען. דערביי האָט דער זוואָדנער געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף אונז און איך האָב דערפילט, ווי אַ שניט פון אַ שאַרף מעסער איבערן האַרץ.

אַז עס איז געקומען צו מיר, האָט דער זוואָדנער אַ שמייכל געטון אונטער זיינע דיקע שוואַרצע וואָנסעס, די אַנדערע געהויבענע זענען צוגעטרעטן נענטער און איראָניש געקוקט אויף מיר.

— איר זעט, ווי אַ זשיד גיט זיך אַן עצה? — האָט אַן „איינ-בענדלדיקער“ זיך אָנגערופן. — דאַכט זיך, נאָך קיין איין פּאַטש נישט געכאַפּט און טראָגט שוין אַ נייעם מונדיר?

דער זוואָדנער האָט מיך עקזאַמינירט פון אַלע זייטן. ער האָט אָבער אויף מיין מונדיר קיין איין פּגימה נישט געקאָנט געפינען.

— ווער האָט דיר דעם מונדיר פאַרקויפט? שליאָמקע? — האָט דער זוואָדנער מיך געפרעגט נאָכדעם, ווי ער האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט פון מיר.

— „טאַק טאָטשנאָ“, — האָב איך געענטפערט, קוקנדיק מיין „הע-כערן“ גלייך אין די אויגן. איך האָב געוווסט, אַז ער מיינט דאָס דעם ראָטנעם שניידער.

— אָט איז אַ סאָלדאַט! — האָט דער זוואָדנער אויסגערופן. — מיטן ערשטן מאָל און ער ווייסט שוין, ווי מען דאַרף ענטפערן. — מאָ-לאָדיעץ, דאָטשקין! — האָט דער געהויבענער אויסגערופן, נאָך אַ קורצער פּויזע מיר אַ קלאַפּ טוענדיק איבער דער פּלייצע.

איך האָב געקוקט דעם זוואָדנעם אין די אויגן און געשוויגן.

— ווען מען זאָגט „מאָלאָדיעץ“, דאַרף דער סאָלדאַט ענטפערן „ראַד סטאַראַטסיאַ“ — האָט דער זוואָדנער אין אַ האַלב אָפיציעלן טאָן צוגעלייגט.

ווען עס איז געקומען צו די איבעריקע נאָוואָבראַנצעס, האָט דער זוואָדנער אַ פּאָר מאָל געמוזט ווידערהאָלן, אַז ענטפערן אויף יאָ און ניין מוז מען נאָר מיט „טאַק טאָטשנאָ“ און „ניע קאַק ניעט“ און האָט אַלעמען אָנגעזאָגט עס גוט איינצוחזרן.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די מונדירן, האָט דער זוואָדנער

געקומען עקזאמעניר'ן אונזערע הויזן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן פון בוליגאַן און אַזוי געגאַנגען כסדר אַרונטער. ווען ער איז געקומען צו מיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַנשטאָט דער ספּראַנדושקע מוז איך איינניייען אַ פּאָר רינגעלעך פון הינטן. דער פּאָיעס זאָל האָבן אָן וואָס זיך צו האַלטן, מער האָט ער גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן.

ווען מיר זענען באַפרייט געוואָרן פונם „סמאָטר", וועלכער איז געווען נאָך האַלב אָפיציעל און דער מילדסטער, וואָס מיר האָבן ווען געהאַט, האָב איך געפילט ווי מיינע „חברים" שטעכן מיך דורך מיט זייערע בליקן.

„אָ, די זשידעס, זיי האָבן עס מזל!

אויף „אוטרעגני סמאָטר״

עס איז געווען קוים פיר אַ זייגער פאַרטאָג, ווען אַ הילכיקע שטימע האָט פאַרקלונגען די קאַזאַרמע: „סטאַוואַי נאָוואָבראַנצי, סטאַוואַי!״

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט נישט טויט, נישט לעבעדיק, און זיך גענומען אָנטון.

מיינע חברים האָבן גענומען אַרויסקריכן פון אונטער די גרויע דעקעס און עס איז באַלד געוואָרן אַ גערודער און אַ קלאַפּעריי. אייניקע פון די אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פון גערודער זיך אויפגעכאַפּט, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון אונטער די דעקעס און געקוקט בייז אויף די נאָוואָבראַנצעס, פאַרוואָס זיי שטערן זיי פון שלאָף. מיין שכן צו דער לינקער זייט האָט זיך אויפגעזעצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט אַרויסגעמורמלט אַ פּאָר קללות, זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און באַלד האָט זיך זיין כראָפּען ווידער געהערט.

אינדרויסן האָט אַ מוראדיקע פינצטערניש אַלץ איינגעוויקלט. אַ קאַלטער ווינט האָט געריסן די פענצטער און שווערע קרעכצן פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך געטראָגן פון אַרום וואָקזאַל, וואָס איז געווען נישט ווייט, אַנטקעגן דער קאַזאַרמע.

דער לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונזער זוואָד פון צווייטן, האָט קוים באַלויכטן אַ ווינקל פון קאַזאַרמע און ווען עס איז געקומען צו פוצן די שטיוול, האָבן מיר אַלע, עלף נאָוואָבראַנצעס, זיך פאַרקליבן אין יענעם ווינקל, צו קאָנען זעען וואָס מיר טון. יעדער איינער פון אונז האָט געהאַט, אויסער זיינע אייגענע שטיוול אויך אַ פּאָר פון עפּעס אַ געהויבענעם צו פוצן. דער

„יעפרייטער“. וואָס האָט אונז אויפגעוועקט, האָט אונז געטריבן צו טון די אַרבעט וואָס גיכער און ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט די׳ שטיוול, האָט ער אונז געצייגט ווי די קאַיקעס צו פאַרבעטן און ווי צו ריייניקן מיט וואקס די ראַמען פון די פענצטער און די שאַפקעס. וואָס זענען געשטאַנען צווישן יעדע צוויי קאַיקעס.

דאַן האָט דער יעפרייטער אונז אויסגעטיילט „גאַלזסטוקס“ אויף אָנצוטון אויפן האַלז אונטער דעם מונדיר און ווען דער זוואַדנער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אָנטון זיך, האָט מען אונז געהייסן זיך אויסשטעלן אין דעם ליכטיקן ווינקל, אויפן זעלבן פּלאַץ ווו מען האָט פאַרן שלאָפן גיין דאָס ערשטע מאָל באַקוקט אונזערע מלבושים.

אַז איך האָב באַמערקט די הכנות פון זוואַדנעם, פון אונטעראָפי־ציר און די פּאָר יעפרייטערס, האָב איך גלייך געזען, וואָס מיר וועלן זיך באַם „סמאָטר“ אויסריכטן. דער אונטעראָפיציר האָט זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און זיך איבערגעקוקט מיט די יעפרייטערס, צושמייכ־לענדיק אונטער די וואָנסעס. דעם זוואַדנעמס מינע איז געוואָרן ערנסטער מיט יעדער מינוט און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוויסנ־האַפטן כירורג פאַר אַן ערנסטער אָפּעראַציע.

ווען מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט נאָכן זעלבן סדר, ווי מיר זענען געשטאַנען לעצטע נאַכט, אָנהייבנדיק מיט בוליגאַן פון דער רעכ־טער זייט און ענדיקנדיק מיט כאַבידולין, איז איינער פון די יעפריי־טערס געגאַנגען אונז פאַרביי און אויסגעגלייכט אונז די פיס. האָט ער באַמערקט עמעצנס אַ פוס אַרויסגערוקט אַ ביסל צו פיל אין פראָנט, האָט ער אים מיט זיין פוס אַריינגעקלאַפּט, גאַרנישט צו העפלעך, ביז ער איז געוואָרן גלייך מיט די אַנדערע, און ווידער פאַרקערט, איז עמעצנס אַ פוס געווען אַרויסגעריקט אויף הינטן, האָט דער יעפרייטער זיך נישט גע־פוילט, איז אַריבער אויף יענער זייט און דערלאַנגט אַ זעץ אין דעם פוס, אַז ער איז באַלד אַרויסגעפלויגן אין פראָנט. און ווו צו טרעפן מיט זיין שווערן שטיוול, האָט דער יעפרייטער אויך נישט צו שטאַרק זיך גע־היטן.

מיר זענען אַלע געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און האָבן זיך צוגעגרייט פאַרן ערגסטן.

און ענדלעך האָט דער „סמאָטר“ זיך אָנגעהויבן.

דער אָרימער בוליגאַ, וועמען עס איז, צוליב זיין ריזיקן וווּקס, געווען באַשערט צו זיין אויפן „פּראַווי פלאַנק" אָדער ריכטיקער געזאָגט, אויפן רעכטן פייער, איז געווען דער ערשטער קרבן.

ווען דער זוואָדנער האָט גענומען עקזאַמענירן דאָס ערשטע לאָך אין בוליגאַס מונדיר — און דאָס איז געווען איינס פון דעם קלענסטן — האָט ער פאַרדרייט זיינע גראָבע ליפּן און אים אָנגעקוקט ווי אַ הונגעריקן וואָלף, אַז אַ מורא איז אָנגעפאַלן אויף יעדן איינעם פון אונז. ער האָט אַריינגעטון אַ פינגער אין דעם אָפענעם פלאַץ, און ביסלעכווייז מיט אים אַזוי אַרומגעפאָרן, ביז עס איז געוואָרן פלאַץ פאַר נאָך איינעם.

אַז ער איז ענדלעך אַריינגעקראָכן מיט דער גאַנצער האַנט אין דעם צעריסענעם פלאַץ, האָט דער געהויבענער באַטראַכט בוליגאַן מיט אַ דורכשטעכנדיקן בליק און געזאָגט:

— האָב איך דיר לעצטע נאַכט נישט געזאָגט, אַז די אַלע לעכער מוזן פאַרריכט ווערן?

— טאַק טאָטשנאָ, — האָט דער נידערגעשלאָגענער שייגעץ געענטפערט, — אָבער —

— שווייג, דו מוזשיק איינער! — האָט דער זוואָדנער אַרויסגעדונערט. — רעדסטו נאָך אַ וואָרט, צעפּראַסקע איך דיר די צורה. האָב איך אייך נעכטן נישט אָנגעזאָגט, אַז איר מוזט שטימען, ווען מען רעדט צו אייך?

די רציחה האָט אין דעם געהויבענעם זיך שרעקלעך געקאָכט און אום אָפּצוקילן זיך, נישט צו דאַרפן געברויכן זיינע הענט דערביי, האָט ער געמוזט מאַכן אַ כפל-שמונהדיקן „מי שברך" בוליגאַס מאַמען, הין און צוריק עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

בא דעם צווייטן לאָך האָט דער זוואָדנער זיך שוין נישט באַנוגנט מיטן „מי שברך" און האָט דערלאַנגט בוליגאַן אַ פּאַטש, אַז די גאַנצע קאַזאַרמע האָט פאַרקלונגען. דער אָרימער מוזשיק האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן דעם שלעגער גלייך אין פּנים אַריין, מיט אַ מינע ווי ער וואָלט זאָגן: קאָנסט מיט מיר טון וואָס דו ווילסט, איך האָב זיך סיי-ווי-סיי שוין מפקיר געווען.

פאַרטיק געוואָרן מיט בוליגאַס מונדיר, האָט דער זוואָדנער זיך גענומען צו פּאָליאַיעוס.

פּאָליאַיעוון האָט דער געהויבענער, קענטיק, נישט פאַרגונען דאָס שיינע בנים און די פיינע אָסאָבע און ער האָט אים די ערשטע זאַך דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער פויסט אונטער דער מאָרדע, זיך גלאַט אַזוי, מיטן אויסרייד, אַז ער האַלט דעם בויך צופיל אַרויסגעשטעלט. דאַן האָט ער גענומען באַקוקן זיין מונדיר, אָנהייבנדיק מיט די העקעלעך פון קאָלנער.

— די העקעלעך מוזן זיצן פעסט, זיי טאָרן זיך נישט שאָקלען — האָט דער זוואָדנער איינגעטענהט מיט פּאָליאַיעוון, קלאַפּנדיק אים מיטן צייג־פינגער איבער דער נאָז. דאַן האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון צו אַ האַלב העגנענדיקע לאַטע אויף דער פּאָלע און האָט פּאָליאַיעוון געגעבן צו פאַרשטיין, מיט אַ פּאָר קלינגנדע פּעטש, אַז ער וועט ווייטער אַזעלכע זאַכן נישט דולדן.

— טענה מיט מוזשיקעס! — האָט דער זוואָדנער גערעדט מיט אַן ערנסטקייט, ווי ער וואָלט זיך גענומען שטאַרק צום האַרץ, ווען ער איז געקומען צו לאַזאָווסקין.

לאַזאָווסקי האָט געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אויפן געהויבענעם און האָט אָנגעשטעלט זיינע באַקן גרייט פאַר די פּעטש, וואָס ער האָט דערוואַרטעט, אָבער דער זוואָדנער האָט מיט אים גראָד געהאַט איינ־זעעניש און האָט אים באַ דער ערשטער הפסקה מכבד געווען נאָר איין מאָל, מיט דער קני אין בויך.

דאַן האָט דער זוואָדנער זיך גענומען צו מיר און אַזוי ווי מיין מונדיר איז געווען אַזוי גוט ווי ניי, האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין „פּריטשעפּקע“ און האָט מיך אָפּגעלאָזט גאָר לייכט, ד. ה. מיט אַ פּאָר מאָל „אין דער מאַמען אַריין“.

אין דער צייט, וואָס דער זוואָדנער איז געווען באַשעפטיקט אויפן „פּראַווי פלאַנק“, האָט דער אונטעראָפּיציר און די צוויי יעפרייטערס עקזאַמענירט דעם „לעווי פלאַנק“, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען צוויי טאָטאַרן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט רוסיש.

פּעטש זענען אויף דער לינקער זייט געפלויגן מער ווי אויף דער רעכטער און „מי שברכס“ אויף פאַרשידענע נוסחאות זענען געטיילט גע־

וואָרן מיט יעדן פּאַטש באַזונדער. איינער פון די טאַטאַרן האָט זיך צעווינט פון די קלעפּ, וואָס אַ יעפרייטער האָט אין אים אַרייַנגעלייגט און דער זוואָדנער האָט געפונען פאַר נייטיק אים מפצה צו זיין — מיט אַ פּאָר פּעטש פון זיינע הענט.

באַלד האָט מען אונז אַ קאָמאַנדע געטון זיך אומצודרייען מיט דער רעכטער זייט און אויפהייבן די רעכטע האַנט אינדערהייך.

עלף הענט האָבן זיך אויפגעהויבן מיט איין מאָל אינדערהייך און דער זוואָדנער האָט ווידער אָנגעהויבן פון בוליגאַן און אַזוי געגאַנגען כסדר און באַקוקט גענוי די אַרבל, צי איז חלילה נישטאָ דאָרט ווו אַ לאַך אָדער עס איז ערגעץ-ווו אַ נאָנט נישט אָפּן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, זענען אַלעמענס אַרבל, אויסער מיינע, געווען צעריסן אָדער נישט געווען איינגענייט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און פרישע פּעטש זענען געפלויגן רעכטס און לינקס.

נאָכדעם האָט מען אונז באַפוילן אומקערן זיך מיט די פּלייצעס און דאַן, ווידער, מיט דער לינקער זייט. בעת די אונטערזוכונג איז פאַרגעזעצט געוואָרן אונטער דער באַגלייטונג פון פּעטש און טרוקענע קלעפּ.

ווען מיר האָבן זוכה געווען צו בלייבן שטיין ווידער מיט די פּנימער צו די געהויבענע, האָט יעדער פון אונז שוין געהאַט אַ שטיקל באַגריף, וואָס עס מיינט אַן „אוטרענני סמאָטר“.

פון צווייטן זוואָד, ווי אויך פון דריטן און פערטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דעם זעלבן עטאַזש, אָפּגעטיילט דורך ווענט, וואָס האָבן געהאַט ברייטע אָפענע טירן פון ביידע ענדן, האָט זיך געטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון פּעטש און זידל-ווערטער. דאָרט האָט די אינקוויזיציע פון ערשטן „אוטרענני סמאָטר“ זיך אָנגעהויבן עטלעכע מינוט שפּעטער, ווי באַ אונז, און ווען באַ אונז האָט מען געהאַט אָפּגעקומען פאַר די מינדירן, האָט עס דאָרט געהאַלטן נאָך גאָר באַם אָנהייב.

נאָך אַ קורצער פויזע האָבן די געהויבענע זיך איבערגעקוקט און זיך גענומען צו אונז אויף דאָס ניי. דאָס מאָל איז עס געווען אַ סדרה פון הויזן.

בוליגאַ איז מיט די הויזן געווען נישט אַ האָר מער מזלדיקער ווי מיטן מונדיר, באַ דער ערשטער אונטערזוכונג האָט ער געכאַפּט פון

וואָדנעם אַ פּייערדיקן פּאַטש, אַז מיר האָט אוש דאָס האַרץ פאַרדריקט. פּיליאַיעוו און לאַזאָווסקי האָבן אויך געקריגן פּעטש, אָבער נישט אַזעלכע שטאַרקע, ווי בוליגאַ.

אַז עס איז געקומען צו מיר, האָט דער וואָדנער זיך גלייך דערמאַנט אָן די רינגעלעך, וואָס ער האָט מיר געהייסן איינבייען פון הינטן און וואָס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איך האָב נישט געהאַט די צייט צו טון, פּונקט אַזוי ווי מיינע חברים האָבן די לעכער פון זייערע מונדירן און הויזן נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרריכטן.

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דו מוזסט האָבן רינגעלעך אין די הויזן! — האָט דער וואָדנער געערעדט מיט גיפט און האָט מיר דערלאַנגט מיט דער פויסט אַ שטייפן זעץ אין מאַרדע.

איך האָב זיך קוים-קוים באַהערשט נישט צו זאָגן אים אַלץ, וואָס מיר האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרץ.

דער וואָדנער האָט אָן מיין בליק פאַרשטאַנען, אַז דער קלאַפּ, וואָס ער האָט מיר געגעבן, וועט נישט פאַרגעסן ווערן אַזוי גיך, ווי די אַנדערע, וואָס ער האָט אויסגעטיילט אין די צענדליקער, און האָט, אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט, געזאָגט:

— אין קאַזאַרמע זענען אַלע גלייך, מוזשיק צי מיעשטשאַנין, טאַטאַר אָדער ייד. אַלע מוזן פאָלגן, וואָס דער נאַטשאַלניק זאָגט.

— דער זשידאָק האָט אוודאי געמיינט, ער וועט דאָ זיין אַ גאַנצער יחסן — האָט דער אונטעראָפיציר געזאָגט צום וואָדנעם מיט אַ חניפהדיקער מינע. — איינער אין זוואָד, עפּעס אַ קלייניקייט! — ער איז דאַן צוגעקומען צו מיר און מיך באַקוקט ווי איך שטיי.

— אַרויס מיטן גרוד! — האָט ער אויסגעריפן מעשה נאַטשאַלניק, אָנגעמענדיק מיך פאַר די שולטערס. — הייב אויף דעם רעכטן שולטער! דעם קאָפּ אַ ביסל מער אויף הינטער, שטיי ווי אַ סאָלדאַט דאַרף שטיין. אָט אַזוי!

דער וואָדנער האָט אים צוגעוואָרפן אַ בליק, וואָס האָט געמיינט: ער זאָל נישט קריכן אין זיין טעריטאָריע. און דער אונטעראָפיציר האָט זיך גענומען אויפדאָסגיי צו כאַבידולין.

מיט די הויזן האָט דער „אויטרעגני סמאָטר“ זיך נישט געענדיקט. נאָכדעם איז געווען אָן עסק מיט די היטלען און דאַן האָבן מיר אַלע

געמוזט אויסטון די שטיוול צו לאָזן אונטערזוכן די טיכלעך פון די פיס (קיין זאָקן איז אַ סאָלדאַט נישט דערלויבט צו טראָגן). מען האָט אונז באַקוקט די נעגל פון די הענט און די האָר אויפן קאָפּ און אונז פאַרזאָגט, אַז אויף מאָרגן מוזן מיר אַלע זיין קורץ אָפּגעשוירן, מען זאָל די האָר מיט קיין פינגער נישט קאָנען אָנגעמען, ווען נישט וועט זיך עקן די וועלט פאַר אונז.

מען האָט אונז אויך דערמאַנט נאָכאַמאָל וועגן די צעריסענע קליידער, וואָס מוזן ביז מאָרגן פאַרריכט ווערן, און אום צו געדענקען גוט וואָס מיר האָבן צו טון, האָט מען אונז דערלייגט, ווען מען אַ פּאַטש, ווען מען אַ קלאַפּ און ווען נאָר אַ „מי שברך" דער מאַמען.

ווען מען האָט אונז פריגעלאָזט פון „סמאָטר" האָט אַ גרויער פרימאָרגן אַריינגעקוקט טרויעריק אין קאַזאַרמע, עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט באַדויערט אונזער ביטערן שיקזאַל.

סלאָוועסנאָסט

שוין היפשע עטלעכע וואָכן, אַז מען לערנט אונז „סלאָוועסנאָסט" און די גרעסטע טייל פון די נאָוואָבראַנצעס ווייסט נאָך נישט ווו אַיין און וווּ אויס אין הלכות סאָלדאַטסטוואָ. פרעגט קיריקן, ווייסט ער נישט, וואָס עס באַדייטן צוויי שטערנדלעך אויף אַן אָפיצירס שליפעס. פּוליאַ- יעווין פרעגט בחרם, וואָס די פליכט פון אַ דיזשורנעם איז, און לאַזאָוו- סקי האָט נאָך נישט אויסגעחזרט דעם נאָמען פון זיין אייגענעם ראָטנע- קאָמאַנדיר.

אייגנטלעך ווייסט לאַזאָווסקי יאַ דעם נאָמען פון ראָטנע-קאָמאַנדיר, נאָר אַז ער דאַרף עס אויסרעדן מיט דער גאַנצער מורנו, ווערט ער מבולבל און ווייסט נישט ווי אַרויסצוקריכן. אַמאָל וועט ער אַ זאָג טון: „יעווואָ וויסאָקי בלאַגאָראָדי גאָספּאָדין סטעפּאַנסקי", אַמאָל — „יעווואָ ווי- סאָקי פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי" און גאָר אַמאָל „יעוואָ סיאַטעלסטוואָ פּאָדפּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי". ער ווייסט שוין פריער, אַז וואָס ער וועט זאָגן וועט נישט טויגן, און ער וועט סיי-ווי- סיי קריגן קלעפּ, זאָגט ער, וואָס עס קומט אים פריער אויף דער צונג.

פיל מאָל פלעגט דער אַנגעגאָסענער לאַזאָווסקי וויינען פאַר חברים נאָוואָבראַנצעס מיט ביטערע טרערן, פאַרוואָס ער האָט אַזאַ „פּאַסקודנע" נאַטור, וואָס ער ווערט אַזוי פאַרציטערט פאַר אַ געהויבענעם. פאַר זיך אַליין, אָדער צווישן אַנדערע נאָוואָבראַנצעס, איז ער, דאַכט זיך, גאָר- נישט געווען אַזאַ לא יצלח. ער האָט געקאָנט גאָר אַ היפש ביסל סלאָ- וועסנאָסט און האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז דער פולער נאָמען פון ראָט- נעם איז „יעוואָ בלאַגאָראָדי פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי", אָבער קוים דאַרף

ער דאָס ענטפּערן דעם יעפּרייטער, ווערט ער אַן אויפגעציטערטער און פלוידערט נישט געשטויגנס און נישט געפלויגנס.

אַזוי איז געגאַנגען מיט אַ גרויסן טייל פון די נאָוואָבראַנצעס, אין אונזער זוואָד, ווי אויך אין די אַנדערע. די מורא פאַר די „געהויבענע" פלעגט זיי פשוט צעטומלען, זיי פלעגן זיך פיל מאָל פּלאָנטערן מיט זייערע אייגענע נעמען.

יעדעס מאָל, וואָס מען האָט זיך געדאַרפט זעצן צו סלאָוועסנאָסט, האָבן די יונגע סאָלדאַטן געפילט, ווי פאַר אַ „שאַרענס טרייבן". זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס מיינט צוויי שטונדן קאָפּ ברעכעניש, אַ הוץ די קלעפּ, וואָס געהערן דערצו און די „פּריזשקי", וואָס מען פלעגט תמיד געבן צו פאַרבייסן.

„פּריזשקי" איז אַזאַ מין טאַנץ, וואָס די פיס נעמען דערפון אָפּ איידער מען רירט נאָך גוט אָן די פּאַדלאָגע.

צוערשט פאַרלייגט מען ביידע הענט אויף די זייטן און מען לאָזט זיך לאַנגזאַם אַרונטער, שטייענדיק אויף די שפּיץ-פינגער מיט די פּיאַטעס אינדערהייך און אַזוי לאָזט מען זיך אַרונטער נידעריקער, נידעריקער, מען בלייבט זיצן אויף די פּיאַטעס. מען מוז זיך גוט באַלאַנסירן, כדי נישט אומצופאַלן אויף פאָרנט אָדער הינטן, און ווען מען זעצט זיך אַזוי איין, פון וואָס די קני ברעכן און די אָדערן פון די פיס ציען און קרעמפּן, מוז מען אין דער פּאָזיציע אַרומשפּרינגען ווי אַ פראָש איבער דער קאַזאַרמע ביז מען בלייבט ממש אָן פיס.

עס פּאַסירט אָפט, אַז אין דער צייט פון סלאָוועסנאָסט קאָן מען זעען מער נאָוואָבראַנצעס אַרומשפּרינגען איבער דער קאַזאַרמע, זיצנדיק אויף די פּיאַטעס, ווי אויף די בענק באַם שיעור. פאַרזינדיקט זיך איינער צו שטאַרק, אַז אַ פּאַטש איז פאַר אים צו ווייניק, איז מען אים מכבד מיט „פּריזשקי" און טאָמער פאַלט איינער אוּם, נישט האָבנדיק מער קיין כוח צו טאַנצן, לויפט צו אַ געהויבענער און גיט אים אַ זעץ מיטן פוס ווו ער טרעפט נאָר, אַז עס פאַרגייט אַזש ביזן האַרץ.

באַ אונז אין פּולק פלעגט מען זיך נוהג זיין יעדעס מאָל נאָך סלאָוועסנאָסט אויסקוועצן אַלע נאָוואָבראַנצעס אויף „פּרישקי" — צי זיי ווייסן נישט דעם שיעור — און לאָזן זיי אַרומטאַנצן, אַלע אין איין

דייע, איינער הינטערן אנדערן אייניקע מאָל אַרום די ווענט פון דער קאַזאַרמע.

באַשקאַ, וועלכער האָט דורך זיין „געמבע״ און גבורה אין סלאָ־וועסנאָסט זיך קונה שם געווען פאַר אַ חכם אין קאַזאַרמע, האָט איינ־מאָל געזאָגט, אַז סלאָוועסנאָסט איז אויסגעקלערט געוואָרן נאָר מיטן צוועק צו מוטשען די נאָוואָבראַנצעס.

און געמיינט האָט עס באַשקאַ מיט זיין גאַנצן ערנסט.

— וואָס געווינט אַ סאָלדאַט פון סלאָוועסנאָסט ? — האָט ער גע־זאָגט, — צי דען אַז מען ווייסט, ווי עס הייסט יעדער טייוול און שוואַרץ יאָר, וואָס טראָגט גאָלדענע עפּאָלעטן, קאָן מען דערמיט בעסער שלאָגן דעם שונא ? אַ נעכטיקער טאָג ! ווען מען זאָל אונז נישט אַזוי מוטשען מיט די פּוסטע זאַכן, וואָלטן מיר געהאָט מער כּוח צו טראָגן דעם ראַניעץ און ביקס.

די נאָוואָבראַנצעס האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף באַשקאַס רייד און קיריק האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט :

— ביזט גאַנץ גערעכט, ברודער, אָבער טו, מאַך, אַז אַלץ, וואָס מען טוט מיט אונז, איז בלויז אונז צו מוטשען און פאַרזאַפּן אונזער בלוט !

איין טאָג איז דאָס וועטער געווען אַזוי שלעכט, אַז דער פעלד־פעבל האָט באַשלאָסן נישט צו פירן אונז אויף „פראָגולקע״. אַנשטאָט דעם האָט ער געהייסן אונז לאָזן מאַכן מער גימנאַסטיק און זיצן אַ שעה עקסטראַ אויף סלאָוועסנאָסט.

ווען מען גיט אונז, נאָוואָבראַנצעס, די ברירה, וואָלט יעדער איי־נער ליבערשט געקראָכן איבער די קני אין די ליימיקע בלאָטע אַרום קאַזאַרמע דריי שעה נאָכאַנאַנד, איידער זיצן אַן עקסטרע שעה בּאַ סלאָ־וועסנאָסט, אָבער...

האָבן מיר זיך אָנגעטון אין די „פופאַיקעס״ (אַזעלכע בלויע שוויץ־קאַפּטלעך, וואָס מיר פּלעגן טראָגן צו סלאָוועסנאָסט) אַזוי גיך, ווי מען האָט אונז באַפרייט פון די גימנאַסטיק און זיך אויסגעזעצט אויף די בענק, אויף דער רעכטער זייט פון קאַזאַרמע. דער יעפרייטער שעסטאָ־קאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער אונז און גענומען מיט אונז קנעלן.

— לאַזאָווסקי! — האָט דער יעפרייטער זיך געווענדט צו זיין ערשטן קרבן.

דער געלער, בייכיקער מוזשיק מיט דעם אָנגעגאָסענעם, זון־געשפרינקלטן פנים, האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, האָט אַרויסגעשטעלט זיין אַריבערהענגדן גרוד, האָט צוגעדריקט זיינע לאַנגע גראָבע הענט צו די פאָלקעס און געקוקט, ווי אַ פאַרמשפּטער אויפן געהויבענעם.

— זאָג מיר, לאַזאָווסקי, — האָט דער יעפרייטער געזאָגט, אָנשטעלנדיק אַ נעבעך פנים, — וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ סאָלדאַט?

— די אויפגאַבע פון אַ סאָלדאַט — האָט לאַזאָווסקי גענומען שטאַמלען מיט אַ פאַרכריפּעט קול — „איז־איז־איז”, ווייטער ווי דער „איז” האָט דער יונגער מוזשיק אָבער נישט געקאָנט קומען.

קודם־כל איז געפלויגן אַ פּאַטש, אַז די גאַנצע קאַזאַרמע האָט פאַרהילכט, דאַן האָט דער יעפרייטער גענומען זאָגן לאַזאָווסקין מוסר און באַ יעדן צווייטן וואָרט האָט ער אויף זיין קוויטשיק קול געמאַכט אים אין דער „מאַמען אַריין” אַזוי גאָר קונציק.

— סטייטש, אַזאַ מוזשיק? — האָט שעסטאַקאָוו אויסגערופן מיט אויפרעגונג. — שוין זעקס וואָכן אין קאַזאַרמע און ווייסט נאָך נישט, וואָס די אויפגאַבע פון אַ סאָלדאַט איז?

— כאַבידולין, זאָג מיר דו, וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ סאָלדאַט, — האָט דער יעפרייטער זיך געווענדט צום קדר באַם ברעג פון דער פאָדערשטער באַנק. — זאָג עס צו לאַזאָווסקין, דעם מוזשיק, דעם באָלוואַן! ממילא וועל איך אים, אויב ער וועט מיר אַ צווייט מאָל נישט ענטפערן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

כאַבידולין האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען קנייטשן דעם שטערן, קוקנדיק מיט מורא דעם יעפרייטער גלייך אין פנים.

— וואָס קוקסטו אויף מיר? — האָט דער געהויבענער אויסגעשריגן, — קוק אויף לאַזאָווסקין, זאָג אים דעם באַלוואַן, וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ סאָלדאַט!

דער קדר, וואָס איז געווען דער טעמפּסטער אויף סלאָוועסנאָסט אין דער גאַנצער ראָטע, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער געהויבענער מאַכט פון אים חוזק און צו ווייזן אים, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף אַ וויץ, האָט ער אויסגעשטעלט זיינע גרויסע ציין און גענומען שמייכלען.

דער יעפרייטער איז אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט רציחה און אים דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט דער פויסט אין מאַרדע.

— ווילסט גאָר לאַכן פון מיר? — האָט ער אויסגערופן מיט אַ שאַפרן קוויטש. — איך וועל דיר ווייזן, ווי צו לאַכן. שוין אויף „פּריזשקי" דו און לאַזאַווסקי צוזאַמען, ביז די סלאָוועסנאָסט וועט זיך ענדיקן.

דאָס פּאָר האָט זיך באַלד אַרונטערגעלאָזט אויף די פּיאַטעס און גענומען אַרומטאַנצן איבער דער קאַזאַרמע, האָפּ, האָפּ!

שעסטאַקאָוו האָט זיך דאַן געווענדט מיט דער זעלבער פראַגע צום צווייטן קדר, גאַמידולין, און דאַן צו פּוליאַיעוון און אַזוי ווי זיי האָבן אויך נישט געקאָנט געבן קיין צופרידנשטעלנדן ענטפער, האָט ער זיי אוועקגעגעבן זייער חלק און אַוועקגעשיקט „טאַנצן" צוזאַמען מיט דער ערשטער פּאָר.

דראַגנין און פּאָפּאָוו האָבן אויך קענטיק זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע און ווען שעסטאַקאָוו איז געקומען צו זיי, האָבן זיי נישט געקאָנט ענטפערן מער ווי די פריערדיקע. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אָנשטאָט צוויי, האָבן באַלד דריי פּאָר געהאָפּעט איבער דער קאַזאַרמע.

באַשקאַ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם יעפרייטער צופרידנגעשטעלט מיט זיין ענטפער.

אין די אַנדערע זוואָדן איז נישט צוגעגאַנגען אַנדערש, ווי בײַ אונז. מיר האָבן נישט געקאָנט וויסן גענוי וועגן וואָס פּאַר אַ פראַגן עס האָט זיך דאָרט געהאַנדלט, אָבער די פּעטש און דאָס „האָפּען" פון די „טענצער" האָט מען געקאָנט הערן פון יעדן זוואָד באַזונדער.

אַז עס איז אַוועק אַ האַלבע שעה, זענען אין קיין זוואָד מער ווי צו צוויי דריי נישט געבליבן זיצן אויף זייערע פּלעצער. די איבעריקע האָבן אַרומגעטאַנצט מיט צונויפגעבויגענע פיס און מיט די הענט אויף די זייטן, אַרום די ווענט. די, וואָס האָבן אָנגעהויבן פריער, האָבן שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט און זענען בײַ יעדע פּאָר שפּרינג געפאַלן אויף די קני.

דער פעלדפעבל האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין קאַזאַרמע. ער האָט אַ צופרידענער באַטראַכט די אַרומהאָפּענדיקע גאָוואַבראַנצעס און מיט אַן איראָנישן שמייכל געזאָגט:

— זיי האָבן געמיינט, אַז מען וועט זיי שענקען פּראָגולקאַ! אַז

נישט דערלעבן װעלן זײ דאָס. אַז מיר װילן האָבן מיר פּראָגולקאַ טאַקע אין קאַזאַרמע אַלײן. — ער האָט דאַן באַטראַכט די עטלעכע, װאָס זענען געבליבן זיצן אויף די בענק און האָט געהײסן זײ אויך לאָזן אַ ביסל האָפּען איבער דער קאַזאַרמע.

מער קײן פּראַגן האָט מען אונז דאַן שוין נישט געשטעלט. מען האָט אונז געלאָזט „טאַנצן" פון אײן װוּאָד אין צװײטן, פאַרבײ די װענט און צװישן די דורכגענג, ביז מען האָט גענומען טרובען פאַר „אַביעד".

אַ העלפט פון אונז האָט זיך קוים געקאָנט אויפהײבן און האָט נישט געהאַט קײן כוח אין די פיס אַרונטערצוגײן די צװײ עטאַזשן אין „סטאָלאָװאַ".

דעם סאָלדאַטס ווייב

באַם אויסטיילן די ביקסן האָט אַ מאָדנע שווערע שטימונג געהערשט אין קאַזאַרמע. דער אָנבליק פון די בלישטשענדיקע שטיקעס און די לאַנגע שטאָלענע „סטוואָלס", האָבן אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט קאַלטן שוידער און דער אָפּקלאַנג פון דעם קאַלטן מעטאַל באַם באַרירן עס, האָט געוואָרפן אַן אימה אַרום. אינדרויסן איז געווען כמאַרנע. דאָס גרויע ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין קאַזאַרמע, האָט אויסגעזען געדיכטלעך. די ווייסגעקאַלעכטע ווענט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש-קאָליר און די רויטע אויפשריפטן אויף זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון לאַנגע, אויסגעצויגענע בלוט-פלעקן. די פייכטע לופט פונדרויסן האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די קוים זיכטבאַרע פענצטער-שפּאַלטן און אַ סקרוך איז איבערן לייב געגאַנגען.

דער ראָטנע-קאָמאַנדיר איז געשטאַנען לעבן די הילצערנע געשטעלן, וואָס זענען געווען אָנגעזעצט מיט ביקסן און מיט אַ זייער ערנסטער מינע באַטראַכט דאָס געווער. אַרום אים האָבן זיך אַרומגעשטעלט די איבעריקע „געהויבענע" פון ראָטע, פונם פעלדפעבל ביזן „דיאַטקאָ", און מיט פיל אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון דעם קאָמאַנדיר.

נאָך אַ קורצע באַטראַכטונג פון די ביקסן, האָט דער ראָטנער אויסגעגלייכט זיין שיינע, שלאַנקע פיגור, האָט פאַרשאַרט בנעימות די בלאָנדע לאַנגע וואָנסעס און אַ ווײלע געגלעט די שפּיצן פון זיין „סקאָבעליעוו" באָרד. זיינע בלויע אויגן האָבן אויסגעדרוקט הייטערקייט און פולשטענדיקע צופרידנהייט מיט זיך אַליין. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פריינדלעכע מינע און מיט אַ שעלמישן שמייכל זיך געווענדט צו די נאָוואָבראַנצעס:

— רעביאַטאַ, היינט מאַכט מען אייך אַלעמען חתונה! (מיט מער ערנסט) די ביקס איז דעם סאָלדאַטס ווייב און איר מוזט זי אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. קיין זאַך דאַרף אייך אַזוי נישט ליגן אין זינען ווי די ביקס. איר דאַרפט פון איר טראַכטן בײַם שלאָפן גיין און בײַם אויפשטיין. אָן דער ביקס איז דער צאַר באַטיושקאַ און דאָס פאָטערלאַנד נישט זיכער און אייער גאַנצע דינסט האָט נישט קיין ווערט.

דער פעלדפעבל האָט דאַן אויסגעטיילט די ביקסן און האָט פאַרזאָגט, די ערשטע זאַך איבערצוחזרן דעם נומער, וואָס זעט זיך בולט אויפן אייזנדל בײַם פריקלאַד.

נאָכמיטאָג האָבן די געהויבענע אין יעדן זוואָד באַזונדער געלערנט מיט די נאָוואָבראַנצעס די ראשי פרקים פון הלכות ביקס.

איין זוואָדנער האָט דעם „סטראַשאַק" וועגן דער ביקס געמאַכט אַזוי גרויס, אַז די גרעסטע טייל פון מיינע חברים האָבן אין זיך געציטערט. גאַמידולין האָט פאַרצווייפלט געקנייטשט דעם שטערן און געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען זיך גוט אַרייַנצונעמען אין מוח, וואָס דער זוואָדנער זאָגט. לאַזאָווסקיס וואַסערדיקע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט ווי גלעזער און זיינע גראָבע ליפּן האָבן זיך צוגעפּרעסט איינע צו די אַנדערע פון אַ שטאַרק קלעמעניש אין האַרץ. אויף מאָרגן — האָט דער זוואָדנער געזאָגט — מוז יעדער איינער געדענקען דעם נומער פון זיין ביקס און ווען נישט, וועט ער קריגן, אַז דער שוואַרץ יאָר וועט כאַפּן.

מען האָט אונז געוויזן, ווי צו פונאַנדערנעמען און צונויפשטעלן די ביקס און ווי צו רייניקן יעדע טייל באַזונדער. פאַר האַלטן נישט ריין די ביקס, האָט מען אונז פאַרזיכערט, קאָנען מיר קריגן די גרעסטע שטראָף. עס איז רעכט, אַז מען קאָן אָוועקשיקן פאַר סוד פאַר אַזאַ זאַך.

נאָך דער לעקציע האָבן זיך אַלע יונגע סאָלדאַטן אַ כאַפּ געטון צו זייערע ביקסן און גענומען פלייסיק איינשטודירן די נומערן און די נעמען פון יעדער טייל באַזונדער. די טעמפּערע האָבן זיך צוגערוקט צו די פּעיקערע און האָבן ווי אַפן זיי נאָכגעטון. באַשקאַ, וועלכער איז געווען אַ קאַלטער שמיד, האָט מיטן ערשטן מאָל איבערגענומען די גאַנצע תורה און האָט איינס, צוויי די ביקס פונאַנדערגענומען און אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט אַן אַלטער סאָלדאַט געווען. זיינע חברים האָבן אויף אים

געקוקט מיט גרויס קנאה און דער אונטעראָפיציר, וואָס האָט פונדייטנס באמערקט, וואָס פאַר אַ בריהשקייט באַשקאַ ווייזט, האָט פון פולן האַרץ אויסגערופן: „מאָלאָדיעץ, באַשקאַ!"

דערמונטערט פון דעם צורוף, האָט באַשקאַ גענומען די עפנונג פון „סטוואָל" צום אויג און באַטראַכט דאָס שמאָלע גלאַנציקע שטעגל, וואָס דרייט זיך ווי אַ שרויף, פון איין עק ביזן צווייטן. ער האָט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע חברים און זיי דערקלערט, אַז די קויל פליט איבער דעם שרויפאַרטיקן שטעגל און דרייט זיך אַרום אין סטוואָל אפשר מער ווי הונדערט מאָל איידער זי גייט אַרויס אין דער פרייער לופט. דער אונטעראָפיציר איז צו אונז צוגעקומען און דערקלערט, אַז ווען דער סטוואָל זאָל אינעווייניק זיין נישט ריין, פון זשאַווער אָדער אַנדערן שמוץ, קאָן דער גאַנצער סטוואָל פּלאַצן באַם אויסשיסן. ער האָט דערציילט, אַז עס האָט אַמאָל אַזאַ געשיכטע פּאַסירט, טאַקע אין ג. גופא, בא וועלכער. אַ סך סאָלדאַטן זענען פאַרווונדעט געוואָרן.

באַשקאַ און קיריק זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען יענעם טאָג געווען גוט אויפגעלייגט. דאָס „סאָלדאַטסקע ווייב" האָט נישט נאָר זיי נישט אָפּגעשראָקן, נאָר עס האָט זיי נאָך אַ ביסל אויפגעמונטערט. „ניטשעוואָ", האָבן זיי מוטיק אויסגערופן צו די איבעריקע, וואָס האָבן אויסגעזעען שטאַרק נידערגעשלאָגן, „פאַר דער ביקס איז שוין גאָרנישטאָ וואָס צו שרעקן זיך".

דעם גאַנצן אָוונט צווישן „סלאָוועסנאָסט" און „פּאָווערקע" האָט מען אין יעדן זוואָד געקאָנט זעען נאָוואָבראַנצעס, זיצנדיק אין די ווינקעלעך מיט דער ביקס אין די הענט, קניישנדיק די שטערנס, אייניקע האָבן געחזרט די נעמען און די נומערן אויפן קול, אָבער די מערסטע האָבן געשעפּטשעט אין זיך מיט אַ מינע פון קאָפּ-ברעכעניש.

ווען איך האָב אינמיטן נאַכט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען זיך איבערקערן אויף דער צווייטער זייט, האָט אין דעם בלאַס-רויטן שיין פון לאָמפּ, וואָס איז אין ווינקל געהאָנגען, עפּעס אַ בליץ געטון פאַר מיינע אויגן פון דער קעגנאיבערדיקער קאָיקע. איך האָב מיינע אויגן פול פונאַנדערגעעפנט און צו מיין שטוינען דערזעען, ווי גאַמידולין האַלט די ביקס אונטער דער קאָלדרע און חזרט פאַרצווייפלט דעם נומער.

אַ מפּלה אויפן פּאָל־ראָטנעם

קיין גרעסערער יחסן ווי אַ דיזשורני איז אין ראָטע נישטאָ. ער איז פּשוט דער באַלעבאָס פון קאַזאַרמע אין צייט פון זיין „אָטשערעד״ און מעג ער זיין ווער ווייסט ווער, קוים טראָגט ער די שטיקע אויף דער זייט און איז אָנפאַרטרויט מיט דער השגחה איבער דער קאַזאַרמע, צייגט אים יעדער איינער רעספּעקט, אפילו זיינע אייגענע פאָרגעזעצטע און געהויבענע.

די פליכט פון דעם דיזשורנים איז, אויפצופּאַסן אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אין קאַזאַרמע, אין פאַרלויף פון דעם מעת־לעת, וואָס זיין אָטשערעד געדויערט, און ראַפּאָרטירן צום קאָמאַנדיר. וואָגט חלילה ווער פּוגע בכבוד זיין אַ דיזשורנים, איז ער זיכער, אַז ער וועט גלאַט נישט אָפּשניידן.

ווער רעדט נאָך פון אַ פּולק־דיזשורני, דאָס איז אַ זכיה פון די סאַמע גרעסטע, און נישט קיין אָפיציר קאָן דאָס קיינמאָל נישט טרעפן.

איינמאָל, עפּעס אַ גאַלאַ טאָג איז אויסגעקומען, אַז אונזער פּאָל־ראָטנער קאָמאַנדיר, פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי, איז געווען באַזונאַכשעט דיזשורני פון פּולק, בעת דער יעפרייטער מומין, פון דריטן ווזואָד, איז געווען דיזשורני אין ראָטע.

אין די בעסטע צייטן האָט מומין פיינט געהאַט קאַמינסקין, ווי אַ שפּין און קאַמינסקי האָט מומינען נישט געקאָנט אָנקוקן, ווי ער האָט נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן קיינעם אַנדערש, וואָס זעט אויס

געזונט און פריש. נישט איין מאָל האָט מומין געליטן דורך דעם פּאָל־ראַטנעס „פּריטשעפּקעס" און עס האָט שוין אַמאָל אויך געטראָפן, דאָס ער איז צוליב אים געווען פּאַרפּאַקט עטלעכע טעג אין קאַרצער פּאַר אומזיסט און נישט אומנישט.

מומין האָט יענעם טאָג אויסגעזען זייער יום־טובדיק. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין אַן „ערשטן סראָק־מונדיר" און זיין רונד בלוט־און־מילך־פּנים האָט געשפּריצט מיט לעבן.

ווען מיר זענען נאָך פּאָוויערקע געגאַנגען שלאָפן, האָב איך אַ לענגערע צייט געהערט מומינען אַרומשמאַיען איבער דער קאַרזאַרמע. ער איז געגאַנגען פון וואַנט צו וואַנט און נאָכגעזען, אויב אַלץ איז אין אָרדנונג.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין געשלאָפן, ווען עפּעס אַ גערוי־דער האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און אָנגעשטעלט די אויערן צו הערן, וואָס עס קומט פּאָר. איך האָב אָבער קלאָר נישט געקאָנט הערן. אַ געמיש פון שטימען האָט זיך געטראָגן פון פּערטן וואָד, ווו דער הויפּט־דורכגאַנג איז געווען. איך האָב באַלד דערקענט צווישן אַנדערע דאָס צעדריפּעטע קול פון פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי, וואָס איז געקומען מער פון דער נאָז, ווי פון האַלז, מאַכנדיק כפל־שמונהדיקע מי־שברכס דעם דיזשורנים פון דער ראָטע.

וואָס מומין האָט געענטפערט, האָב איך נישט געקאָנט הערן, ווייל ער האָט גערעדט זייער שטיל און איינגעהאַלטן. נאָר באַלד איז די קאַ־זאַרמע פּאַרקלונגען פון צוויי הילכיקע פּעטש, אַז העלפּט פון די סאָלדאַטן האָבן זיך אַזש אויפגעכאַפּט. די נאָוואָבראַנצעס האָבן נישט געוואַגט זיך צו רירן פון אָרט, זיי האָבן נאָר פון אונטער די גרויע דעקעס אַרויס־געקוקט און זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין פּערטן וואָד. נאָך די פּעטש איז דאָס גערודער אַ ווייליע פּאַרגעזעצט געוואָרן, ביז עס איז ענדלעך געוואָרן שטיל און מיר זענען אַלע צוריק איינגע־שלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון „פּראָ־גולקע", האָט אין קאַזאַרמע זיך שטאַרק גערודערט וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי האָט לעצטע נאַכט געמאַכט. די קלענערע געהויבענע האָבן זיך „פּאַסמאַקעוועט", רעדנדיק וועגן דעם, און עס

איז נישט געווען איינער, וואָס זאָל האָבן אַ גוט וואָרט פאַרן פּאָל־ראַטנעם.

— ס׳טייטש, אַזאַ סקאַנדאַל, דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן! — האָבן אַלע אין איין קול גערעדט. — אַ דיזשורני פון פּולק זאָל קומען אַ שכורער און מאַכן אַן אַטאַקע אויף אַ דיזשורני פון ראַטע! אַ סך האָבן געפּרוווט פּאָרויסזאָגן, וואָס פאַר אַ שטראָף קאַמינסקי קאָן קריגן און מען האָט געקאָנט זעען, אַז זיי זענען זיך אַלע מחיה, וואָס זיי האָבן דערלעבט אַ מפּלה אויפן פּאָל־ראַטנעם, פון וועלכן אַלע זענען די גרעסטע צרות אויסגעשטאַנען.

דער ראַטנע־קאָמאַנדיר איז יענעם טאָג געקומען אין קאַזאַרמע פּיל פריער ווי אַלע מאָל. די געהויבענע האָבן אים באַלד אָרומגערינגלט און מומין האָט איבערדערציילט די גאַנצע געשיכטע ווי זי האָט פּאַסירט. גליעבאָוו, אַן אַלטער סאָלדאַט, לעבן וועמענס געלעגער קאַמינסקי האָט מומין אַטאַקירט און יעפרייטער ראַזמוכין, וואָס איז געווען אויף און האָט געזעען דעם סקאַנדאַל, האָבן באַשטעטיקט, וואָס מומין האָט געזאָגט.

דער ראַטנע־קאָמאַנדיר האָט שוין געוווסט פון דעם סקאַנדאַל, איידער ער איז אין קאַזאַרמע געקומען. פון זיינע רייד האָט אויסגעזען, אַז די געשיכטע האָט זיך שוין דערטראָגן צום באַטאַליאָנעם קאָמאַנדיר און עס האָט דעם זעלבן טאָג געדאַרפט אָנקומען צום פּולקאָווניק, אויב מומין וועט נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד אַלס דיזשורני. דער ראַטנער האָט כלומרשט געפּרוווט איינרעדן דעם געשלאָגענעם דיזשורני, ער זאָל „דורכקומען" מיטן אָפיציר. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן קריגן דערפאַר אַ הונדערטער פון קאַמינסקין. ער האָט אפילו צוגעגעבן, אַז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן און ער ווייסט, אַז קיינער וועט זיך נישט באַקימערן וועגן דעם פאַרהאַסטן קאַמינסקי, אָבער עס וועט זיין אַ שאַנדע פאַר דער ראַטע.

דער פעלדפעבל און די זוואָדנע האָבן גענומען מומינען אָן אַ זייט און מיט אים איינגעטענהט ער זאָל זיך „מירען" מיט זיין פאַרגעזעצטן נאַטשאַלניק. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז קאַמינסקיס קאַריערע איז שוין סיי־ווי־סיי געבראָכן און פון איצט אָן וועט ער האָבן אַ פּנים פון אַ געשלאָגענעם הונט. מומין איז אָבער געווען איינגעעקשנט און האָט זיך

נישט געלאָזט רירן, ווי אַ שטיין. ער האָט געזאָגט, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל וועט ער מיטן פוילישן „מערזאָוויעץ" זיך אָפּרעכענען, אַזוי אַז ער וועט שוין קיינמאָל קיין סאָלדאַטן קיין צרות נישט אָנטון. און אפילו דאַן, ווען דער ראָטנע-קאָמאַנדיר האָט אים דערקלערט, אַז קאַ-מינסקי קאָן פאַר אַזאַ זאַך פאַרלירן אַלע אָפּיצערסקע רעכט און דערצו נאָך קריגן עטלעכע יאָר אַרעסטאַנטסקע ראָטע, האָט דער יעפרייטער נישט געוואָלט נאָכגעבן.

דעם זעלבן טאָג איז דער סקאַנדאַל „דאַלאָזשעט" געוואָרן צום קאָמאַנדיר פון פולק און אונזער פאָל-רעטנער איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַרעסט.

ווי האָט בּוליגאַ גענומען די קאַווע?

פון אַלע נאָוואָבראַנצעס אין ראָטע איז בּוליגאַ געווען דער גרעס־טער שלימזל. אים איז אין קיין זאַך נישט געגאַנגען און וואָס ער האָט געטון אָדער געזאָגט, איז בּאַ אים אַרויסגעקומען שטענדיק „מיטן קאָפּ אַראָפּ". אויסער דעם איז ער געווען אַ „בּעזגראַמאָטנער" און אַזוי אַ בּיסל „נישט דערפאָרן", צוליב וואָס ער איז גלייך פון דער ערשטער וואָך אָן געוואָרן דער קהלשער בּאָק פון דער קאַזאַרמע; ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט זיך געשאַפּט מיט בּוליגאַן. האָט אַן אַלטער סאָלדאַט געוואָלט האָבּן זיינע שטיוול געגלאַנצט, האָט ער זיי פאָרן שלאָף אַוועק־געשטעלט לעבּן בּוליגאַס קאָיקע. האָט ווער געוואָלט האָבּן געפּוצט זיין פּאַיאַס, איז ער געגאַנגען צו בּוליגאַן. דער אָרימער „שייגעץ" האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן זיך אַליין: „פאַרוואָס עפּעס אַלץ איך? איז נישט גענוג די „אָטשערעדעס", וואָס איך קריג אויסגעטיילט יעדער נאַכט בּאַ פּאָווערקע, צוליבּ וועלכע איך מוז אויפשטיין מיט אַ שעה פריער פאַר אַלעמען?" ער האָט געמיינט, אַז ער דאַרף אַלץ צונעמען פאַר ליבּ.

דערפאַר האָט בּוליגאַ אָבּער אויך געהאַט זיינע גליקלעכע מאָ־מענטן.

אַז מען האָט אים אַנגעקוקט בּאַם עסן, האָט מען געקאָנט זעען, אַז זיין לייבּ און לעבּן ווערט צעגאַנגען פון תענוג. ער פלעגט דאָס שטיק בּרויט קערן אויף אַלע זייטן און עס בּאַטראַכטן מיטן טיפסטן ערנסט אויסצוקלויבּן דעם ריכטיקן פּלאַץ ווו אַריינצובּייסן, און בּאַם קייען פלעגט ער מאַכן אַזעלכע העוויות, ווי ער וואָלט געווען דער צופרידנסטער

מענטש אויף דער וועלט. איבערהויפּט גליקלעך האָט בוליגאַ אויסגעזען צו זיין, עסנדיק די קאַשע באַם „אָביעד". ער האָט זיך פּשוט געשמאָלצן פון נחת, ווען ער פלעגט אַריינשטופּן אַ לעפל פון די גליטשיג־פעטע גערשטן אין מויל, און ווען אַלע סאָלדאַטן פלעגן שוין האָבן אַריינגע־טון די הילצערנע לעפל אין די כאָליעוועס, פלעגט ער נאָך שטיין באַם קופּערנעם „באַק" און זוכן שיריים פון דער קאַשע אַרום די ברעגעס פון דעק.

נישט ווייניקער צופרידן האָט בוליגאַ זיך געפילט באַ די הייסע קאַווע, וואָס מען פלעגט ווען־נישט־ווען טיילן פאַר דער „פּראַגולקאַ". ווען ער פלעגט זופּן דאָס שוואַרצע געטראַנק, וואָס איז געווען געמאַכט פון איבערגעברענטן גערשטן, האָט קיין זאַך פאַר אים נישט עקזיסטירט. אפילו אָן דער קאַזאַרמע אַליין פלעגט ער פאַרגעסן.

נישט איין מאָל האָט בוליגאַ אין דער שטיל באַדויערט פאַר לאַזאַוו־כקין, וואָרים מען גיט נישט קיין קאַווע יעדן טאָג און יענער פלעגט אים טרייסטן מיט דעם, וואָס די אַלטע סאָלדאַטן קריגן דאָס אויך נישט, כאָטש לויטן פּריקאַז, דאַרף יעדן פרימאָרגן געטיילט ווערן קאַווע פאַר סאָלדאַטן.

ווי באַשעפטיקט ער זאָל נישט געווען זיין, האָט בוליגאַ שטענדיק נאָכן „אוטרעננני סמאָטר" אָפּגעריסן אַ מינוט צייט און זיך אַרונטערגע־כאַפּט אין קוכניע אויסצוגעפינען, אויב מען האָט געקאָכט קאַווע, און האָט ער אויסגעפינען אַז יאָ, איז באַ אים געווען אַ גאַנצע שמחה.

מיטן אָנקומען פון די גרויסע פרעסט, אַרום „ראָזשדעסטוואָ", האָט מען קיין קאַווע מער אינגאַנצן נישט אָנגעזען אין קאַזאַרמע. מען האָט קיין צוקער שוין פון צוויי וואָכן נישט געטיילט און די „קיפּיאַ־טאָק", וואָס מען פלעגט ווען־נישט־ווען ברענגען פון דעם פאָלקאָוואָיער באָד, איז אויך נישט געווען מיט וואָס צו טרינקען. בוליגאַ האָט שוין אויפגעהערט צו לויפן אין קוכניע אינדערפרי און האָט אינגאַנצן זיך שוין מיאש געווען פון דעם פּקוח נפש, וואָס די קאַווע פלעגט פאַר אים זיין, און אַז אים האָט זיך שטאַרק געדורשט נאָך דעם טרוקענעם ברויט מיט וועלכן ער פלעגט זיך אָנשטאָפּן אינדערפרי, האָט ער אונטערגעשטעלט דאָס מויל אונטערן קראַן פון „רוקאָמאָיניק" און געזופּט מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך פאָרשטעלנדיק, אַז דאָס זופּט ער קאַווע פון „באַק".

איין פרימאָרגן, אַן אויסערגעוויינלעך קאַלטער און ווינטיקער,

זענען מיר צוריקגעקומען פון דער פערעגולקאַ מיט האַלב אָפּגעפּרווירענע אויערן און נעזער. מיר האָבן קוים דערלעבט צו קומען אין קאַזאַרמע-הויף און האָבן געהאַפּט, אַז אָט, אָט לאָזט מען אונדז אַריין אינעווייניק. דער פעלדפעבל האָט אונדז געלאָזט שטיין אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער רייע, ווי ער וואָלט אָן אונדז אינגאַנצן פאַרגעסן און איז צוגעגאַנגען צו דער אַנדערער זייט הויף, וווּ דער פעלדפעבל פון דער צווייטער ראָטע האָט געמוּשטירט זיינע נאָוואָבראַנצעס און באַלד האָבן ביידע געהויבענע זיך אָוועקגעשטעלט רעדן. קיין „וואָלנאָ" האָט ער אונדז פאַרן אַוועקגיין אויך נישט געזאָגט און קיינער פון אונדז האָט נישט געוואַגט אַ ריר צו טון זיך מיט אַ גליד. דער פראָסט האָט געברענט און דער ווינט האָט געיאָגט אין די פּנימער און די פינגער פון די הענט האָבן זיך געקאָר-טשעט פון קעלט. אין דער שטיל האָט ווער-נישט-ווער צוגעמורמלט און האַלב אַרויסגעזאָגטע קללות זענען געפלויגן אויפן פעלדפעבלס קאָפּ, אָבער רירן זיך — פון אָרט נישט. מיר זענען אַלע געשטאַנען מיט אַרויסגע-שטעלטע גרודיעס, מיט אָנגעשטרענגטע גלידער און זיילן פאַרע האָבן געשלאָגן פון אונזערע מיילער און נעזער און צעגאַנגען אין דער פראָס-טיקער לופט.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט דאָס טירל צו דער לינקער זייט פון הויף און אונזער ראָטנע-קאָמאַנדיר איז אַריין.

— „זדאַראָווי רעביאַטאַ!" — האָט דער ראָטנער אונדז באַגריסט מיט זיין קלינגענדע שטימע.

— „זדאַראַוויאַ זשעלאַיעם וואַשי בלאַגאָראָדי!" — האָבן מיר אַלע אין איין קול אָפּגעענטפערט.

— „מאַלאַדצי רעביאַטאַ!" — האָט אונזער קאָמאַנדיר ווייטער אויסגערופן, אַלס צייכן אַז אונזער ענטפער איז אים געווען געפעלן.

— „ראַד סטאַראַטסיאַ, וואַשי בלאַגאָראָדי!" — האָבן אונזערע שטימען באַלד ווידער פאַרקלונגען דעם קאַזאַרמע-הויף.

דער ראָטנע האָט דאַן אַ קאָמאַנדע געטון „וואָלנאָ" און יעדער איינער פון אונדז האָט די ערשטע זאַך אַ כאַפּ געטון זיך מיט די הענט, ווער צו דער נאָז, ווער צו די אויערן. אַנדערע האָבן געבלאָזן אין די הויפנס און ווידער אַנדערע האָבן געריבן די פאַרפרווירענע פינגער אָן די האָר פון קאָפּ. פון אָרט האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך קיינער נישט גע-

דירט. יעדער איינער האָט אָבער געהאַלטן זיינע פיס פריי, נישט אָנגע־צויגן ווי סטרונעס, און ווער עס האָט געפילט שטאַרק קאַלט אין די פיס, האָט צוגעטופּעט שטילערהייט אויפן אָרט.

דער פעלדפעבל איז באַלד צוריק צוגעקומען און דער קאָמאַנדיר האָט אים אויסגעפרעגט, ווי די פּערעקוליקע איז געגאַנגען און ווי דער „מאַלאַדיאָזש" נעמט זיך אין אַלגעמיין צו דער סלוזשבע. דער פעלדפעבל האָט אונז באַטראַכט מיט אַ צופרידענעם שמייכל און געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך און אַלץ גייט כּשורה.

דער קאָמאַנדיר איז דאַן צוגעקומען נענטער און אונז באַטראַכט יעדן איינעם באַזונדער, אייניקע האָט ער אָנגערופן מיטן נאָמען און בײַ אַנדערע האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שולטער, אַנשטעלנדיק אַ מילד פּנים.

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו פיל פון אונז מיט דער פראַגע, ווי די באַהאַנדלונג איז אין קאַזאַרמע; צי מיר זענען צופרידן מיט די „מאַל־ציייטן", צי די נאַטשאַלניקעס זענען צו אונז פריינטלעך א. אַז. וו. אויף וועלכעס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, יעדער איינער פון אונז האָט געענט־פערט מיטן „טאַק טאָטשנאָ, וואַשי בלאַגאָראָדי".

מיטאַמאָל איז דער קאָמאַנדיר צוגעגאַנגען צו איינעם אויפן לינקן פלאַנק און אים אַ פרעג געטון, אויב ער האָט געהאַט קאַווע אינדערפרי? „ני קאַק ניעט, וואַשי בלאַגאָראָדי!" איז דער ענטפער געווען.

דער קאָמאַנדיר האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן פעלדפעבל און האָט זיך געווענדט מיט דער זעלבער פראַגע צו אַ צווייטן.

— „ני קאַק ניעט, וואַשי בלאַגאָראָדי" — איז אויך דעם צווייטנס ענטפער געווען.

דער קאָמאַנדיר איז דאַן אַריבער צום רעכטן פלאַנק און גענומען ווידערהאָלן די זעלבע פראַגע, אָנהייבנדיק מיט בוליגאַ.

בוליגאַן האָט געוואָרפן אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט געמיינט, אַז דער פעלדפעבל וועט אויסגעריסן ווערן פאַרוואָס עס איז קיין קאַווע נישט געווען, און כאָטש אים האָט די קאַווע געפעלט מער ווי אַלעמען, איז ער געווען זיכער, אַז ווען ער שטייט אויך צו מיטן ענטפער צו די אַנדערע באַוואָבראַנצעס וועט ער סוף־כּל־סוף דאַרפן ליידן דערפאַר מער ווי אַלע, ווייל ער איז דאָך פאָרט דער שלימזל.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען צעטומלט און ווען דער קאָמאַנדיר האָט אים געשטעלט די פראַגע אַ צווייט מאָל, האָט זיך אים פון מויל אַרויסגעכאַפּט אַ הייזעריקער ענטפער: „טאַק טאַטשנאָ, וואשי בלאַגאָראָדי!“

— וואָס! ? — האָט דער קאָמאַנדיר אויסגערופן מיט אַ שטרענגע מינע. ער האָט אָנגעקוקט אַ ווײַלע בוליגאַן און אַ ווײַלע דעם פעלדפעבל. דאַן האָט ער זיך געווענדט צום געכסטן נאָוואָבראַניעץ און איז אַזוי ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע רייע. יעדער איינער האָט געענטפערט, אַז ער האָט קיין קאַווע נישט געהאַט.

— זאַגסטו, הייסט עס, אַז דו האָסט יאָ געטרינקען קאַווע? — האָט דער ראָטנער מיט ערנסט גענומען רעדן צו בוליגאַן ווען ער איז ווידער צו אים צוגעקומען. — עס איז זייער פײַן, אָבער זאָג מיר, בוליגאַ, מיט וואָס האָסטו עס אַזוי נושא חן געווען, אַז דיר גיט מען קאַווע און די אַנדערע נישט?

בוליגאַ איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער. זײַן איבערגעפרוירן פּנים איז געווען באַצויגן מיט אַ טויטער בלאַסקייט און זײַנע נאַריש-אומעטיקע אויגן האָבן נאָך פיל נארישער און אומעטיקער אויסגעזען.

— האָט מען הײַנט געקאָכט קאַווע? — האָט דער קאָמאַנדיר זיך געווענדט צום פעלדפעבל.

— ניין, — האָט דער פעלדפעבל געענטפערט. — מיר זענען שפּעט פאַרטיק געוואָרן מיטן „סמאָטר“ און דער פרימאָרגן איז געווען אַזוי שיין און איך האָב זיך געאײַלט זיי אַרויסנעמען אויף דער פּערעגולקע וואָס פריער.

דער קאָמאַנדיר האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט בוליגאַן און האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער פויסט אין זײַן פּנים אַרײַן. ער האָט אָבער פאַרביסן מיט די ציין און זיך צוריקגעהאַלטן.

אַזוי גיך ווי מיר זענען אַרײַן אין קאַזאַרמע, נאָך איידער מיר האָבן געהאַט צײַט אָראָפּצונעמען פון זיך די שינעלן, איז דער פעלדפעבל צוגעקומען צו בוליגאַן און מיט אַ סאַרקאַסטישער מינע אים געפרעגט, וווּ ער האָט גענומען די קאַווע? דאַן האָט ער אײַנגעלאַדן דעם אָרימען מוזשיק אין אַ ווינקל און איבער דער קאַזאַרמע האָט זיך גלייך צעטראָגן דער אָפּקלאַנג פון פּעטש.

צוריק פון אָקאָלאָדאָק

אין דער ערשטער צייט איז אין אָקאָלאָדאָק (מיליטערישע דיס־פענסערי) געווען נישט צוצוקומען. יעדן פרימאָרגן האָט מען געפירט אַהין פּאַרטיעס נאָוואָבראַנצעס פון יעטווערער קאַזאַרמע באַזונדער און עס האָבן געדויערט שעהן, ביז מען האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן צו אַ פעלד־שער. ווער רעדט צום ווראַטש (דאָקטאָר) — דאָס איז אָנגעקומען ווי קריעת ים סוף, ווייל אום צוגעלאָזט צו ווערן צו אים, האָט מען געדאַרפט דורכגיין פריער דורך די הענט פון די צוויי פעלדשערס.

די מערסטע חולאים פלעגן זיך באַקלאָגן אויף אַ ברעכונג אין די ביינער, אַ ווייטיק אין די פיס, אַ שוואַכקייט אין האַרץ, אַ קרעמפּן אין בויך, וואָס זיי פלעגן קריגן פון דער „גימנאַסטיק", „מאַרשיראָוועקעס" און „פּראָגולקעס", וואָס האָבן געדינט מער צו מוטשען די נאָוואָבראַנצעס, ווי זיי צו אַנטוויקלען, אָבער די פלעגן כמעט אַלע צוריקגעשיקט ווערן אין קאַזאַרמע, מיט דער באַמערקונג, אַז זיי זענען נישט קראַנק, נאָר פויל. דער, וואָס האָט נישט געקאָנט איבערצייגן, אַז ער איז קראַנק, צ. ב. ש., דורך אַ געשוואָלענער באַק, אַ געשוויר אויפן לייב אָדער אַזוי עפּעס אַ ווונד, וואָס מען קאָן זעען אָדער אָנטאַפּן, האָט נישט געהאַט קיין שאַנסן צו קריגן אַ טאָג רו.

דער קבלת פנים, וואָס אַ צוריקגעוויזענער חולה קריגט אין קאַזאַרמע, איז גאָרנישט קיין צו פריינטלעכע. יעדע עטלעכע מינוט קומט אָן אַנדערער געהויבענער אים פרעגן, וואָס ער מאַכט און די גיפטיקע איראָניע, און אַמאָל טאַקע אויך אַ קלאַפּ, וואָס אַזאַ נאָכפראַגע ברענגט מיט זיך, מאַכט אים פילן הילפלאָז און פאַרצווייפלט און ער פאַרשעלט זיך די מינוט, וואָס ער האָט זיך געמאָלדן קראַנק.

און צוליב דעם אַליין איז מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער געוואָרן די צאָל חולאים און ווען דער יעפרייטער פלעגט נאָכן „אויטרענני סמאָטר" אויסרופן: „פילט זיך ווער קראַנק?", האָט כמעט קיינער זיך נישט אָנגערופן, כאָטש די גרעסטע טייל פון אונז האָט קוים געקאָנט האַלטן זיך אויף די פיס.

איין פאַרטאָג, אויף מאָרגן נאָכן צוויי שעהדיקן „ביעגאָם", פון וועלכן מיר זענען מער טויט ווי לעבעדיק צוריקגעקומען, האָבן מער ווי אַ העלפט נאָוואָבראַנצעס אין אונזער ראָטע זיך געמאָלדן קראַנק. דער ביעגאָם האָט אויף זיי געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז פיל האָבן געגומען שטאַרק הוסטן, אַנדערע האָבן געהאַט היץ און ווידער אַנדערע האָבן געקריגן אַ ברעכונג אין די ביינער, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איך האָב זיך אויך געפילט שטאַרק קראַנק און צעבראָכן, אָבער איך האָב זיך אָנגעטון אַ כוח און געבליבן אין קאַזאַרמע.

צוויי יעפרייטערס און עטלעכע אַלטע סאָלדאַטן האָבן די חולאים באַגלייט אין אָקאָלאָדאָק, אָבער עס איז נישט אַוועק קיין שעה און מען האָט אַלעמען, אויסער צוויי, צוריקגעבראַכט צו זאַניאַטיע. די צוויי גליקלעכע זענען געווען: עפלבוים, וועלכער האָט זיך שטאַרק צעקאַליעטשעט אַ פוס און כאַבידולין, וואָס האָט געקריגן אַ גרויסע באָל אויפן שטערן, פאַלנדיק אויף אַ פאַרפרוירענער גרודע.

באַם צוריקקומען האָט מען די נישט אָנערקענטע חולאים אויסגעשטעלט אין איין רייע און נאָכדעם ווי דער פעלדפעבל האָט פאַר זיי אָפּגעלייענט אַ פיין שטיק מוסר, האָט ער געגעבן אַן אָרדער צו די זוואָדנע, מען זאָל די „פאַרזינדיקטע" אַ האָר נישט שאַנעווען באַ „זאַניאַטיע" און אַז אין דער געוויינלעכער רו־צייט, צווישן גימנאַסטיק און סלאָוועסנאָסט, זאָל יעדער איינער פון זיי ברענגען צו פיר צעבערס וואַסער פון דעם ווייטסטן ברונעם, הינטער דער „שוואַלניע".

„צוויי שעה פּאָדקאָזיראָק"

צווישן מיר און דעם פּאָל-ראָטנעם קאָמאַנדיר, פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שנאת חנם פון זעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען אין קאַזאַרמע. אַ פּערזענלעכן האַס האָבן מיר געפילט איינער צום אַנדערן, כאָטש עס האָט נאָך נישט פּאַסירט ער זאָל מיר זאָגן אַ וואָרט, אָדער מיט עפּעס אָנטרעטן בעת „זאַניאַטיע". ווען ער פלעגט מיר פאַרבייגיין, פלעגט ער אויף מיר אַ וואָרף טון אַ שטעכיקן בליק פון זיינע האַלב פאַרמאַכטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. און זיין קרום, ברייט מויל פלעגט זיך נאָך מער פאַרקרימען. אַמאָל פלעגן זיינע ליפּן זיך פונאַנדערטיילן און אַ שומפּוואָרט פלעגט זיך שטום אַרויסשפּאַרן דורך זיינע פאַרביסענע ציין. איך פלעג אים אָבער אָנקוקן רויק, און ווען נישט שלעכט אויפגעלייגט, אים זאָגן דורך מיין בליק, אַז ער איז אַ גרויסער מנוול און אַז — „איך האָב אים אין וואַרשע".

פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי איז איבערהויפּט געווען אַ זייער אומסימפּאַטישער פּערזאָן. עס איז נישט געווען איינער אין ראָטע, וואָס זאָל פילן די מינדסטע פריינטלעכקייט צו אים. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעדרייט איבער דער קאַזאַרמע ווי די טויטנגרעבער (היענע) מיט קראַמפּנדע פויסטן און אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ביז דער ראָטנער פלעגט אָנקומען. דאַן פלעגט ער זיך שטיל אַרויסרוקן און פאַרשווינדן.

איז ער פאַרבייגעגאַנגען די נאָוואָבראַנצעס, ווען זיי פלעגן שטיין אויסגעשטעלט בעת זאַניאַטיע, האָט מען געזען אָן זיין פּנים, אַז ער וואָלט זיך מחיה געווען, ווען ער קאָן מיט זיינע אייגענע הענט עפּעס טון צו די מוזשיקעס און די זשידעס. זיין איבערגעטריבענער, קראַנקהאַפטער

פּאָליאַקן-שטאַלץ האָט אים אָבער נישט דערלאָזט איינצוריכטן די הענט... און ער פלעגט אויסלאָזן זיין ווּט דורך אַ גיפטיקן בליק, וואָס פלעגט דורכשטעכן ווי אַ שפּיז.

איבערהויפּט האָט פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי אויסגעדריקט אַ ביטערן האַס צו מיר. צי ווייל איך בין אַ ייד, צי ווייל ער האָט געפילט, אַז איך קוק אין אים אַריין און זע אים דורך און דורך, דאָס ווייס איך נישט. נאָר צייטנווייז האָבן זיינע פּיס זיך געפּלאָנטערט, ווען ער איז מיך פאַר-בייגעגאַנגען און איך האָב געמיינט. אַז אָט, אָט גייט ער זיך נעמען צו מיר.

אַ שטיקל גליק איז געווען, וואָס ער פלעגט נישט קומען אַזוי אָפט אין קאַזאַרמע. אַ פּאָר טעג אין וואָך פלעגט ער ליגן קראַנק אין בעט פון שיכּרות, און ווען ער איז געווען געזונט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די אָפיצערסקע קלובן, ווו ער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ סקאַנדאַליסט.

איינמאָל, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון צוויי וואָכן, איז דער פּאָדפּאָ-רוטשיק געקומען אין ראָטע מיט אַ שעה פריער, ווי ער פלעגט קומען געוויינלעך. זיין געזיכט איז געווען געל, אונטערן רעכטן אויג האָט ער געהאַט אַ בלאַס-גריגעם שיניאַק און זיין לאַנגע נאָז האָט אויסגעזעען נאָך לענגער ווי שטענדיק.

מיר האָבן דאַן געהאַלטן בּאַ „רוזשעיני פּריאָמי”, דער ראָטנע-קאָמאַנדיר איז נאָך נישט געווען געקומען.

קאַמינסקי איז אַריין אין קאַנצעלאַריע, ווו ער האָט אויסגעטון דעם שינעל און איז באַלד פון דאָרט אַרויסגעקומען, זיך רייבנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט.

ער איז צוגעקומען צום זוואָדנעם וויערעאָוקין, וועלכער האָט פאַר-זעגלעך איבערגענומען די „אַטשעניע” יענעם פרימאָרגן און אים געפרעגט ווי ווייט מיר האַלטן.

דער זוואָדנער האָט אים געזאָגט, אַז מיר האַלטן מיט די „פּריאָמעס” שוין גאָר נישקשה און קומענדיקע וואָך גייט מען אונז לערנען שיסן אין ציל.

— אַזוי! — האָט דער פּאָדפּאָרוטשיק געזאָגט אונטער דער

נאָז, — איך וואָלט זיין אַ בעלן צו זעען, וואָס זיי קאָנען אויפטון מיט די ביקסן.

דאָס זאָגנדיק, האָט דער פּאָל־ראָטנער געוואָרפן אַ בליק אויף מיר און איך האָב דערפילט, ווי אַ קראַץ אויף די נערוון.

— זאָג מיר, וויעראָווקין, ווי נעמט זיך עפּעס דער זשיד... איך מיין דאָטשקין, צו דער סלוזשבע? — האָט קאָמינסקי זיך ווידער געוואָנדן צום וואָדנעם.

— אָ, עס האָבן די אַנדערע געמעגט זיין נישט ערגער — האָט וויעראָווקין געענטפערט.

— הם, הם, — האָט קאָמינסקי זיך געריבן די הענט און איז צוגעקומען צו מיר נענטער.

ער האָט מיך גענומען עקזאַמענירן אין די „פּריאָמעס", געהייסן נעמען די ביקס צום שולטער, דאַן זי אַרונטערגעלאָזט און ווידער אַמאָל זי אָנלאָדן און צילן, ביז איך האָב ענדלעך דורכגעמאַכט אַלע בענועים, ווי אַ פרומער ייד מיטן לולב, און האָב דעם פּריקלאַד פון ביקס ווידער געבראַכט צו מיין רעכטן פוס.

קאָמינסקי האָט מיך באַטראַכט אַ ווײַלע מיט זיין פאַרזשמורעטן בליק, און נישט זאָגנדיק אַ וואָרט, איז ער צוגעגאַנגען צום נאָענטסטן נאָוואָבראַנעץ צו זעען, וואָס ער קאָן.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער גאַנצער רייע, איז דער פּאָל־ראָטנער ווידער אַריבער אויף מיין זייט און מיך גענומען מעסטן מיט זיין בליק פון אויבן אַראָפּ. דער וואָדנער איז געשטאַנען דערביי און מיט פיל אויפמערקזאַמקייט געקוקט דעם פאַרגעזעצטן נאַטשאַלניק אין געזיכט.

— און ווי איז ער, איך מיין דאָטשקין, אין די אַנדערע זאַכן? — האָט קאָמינסקי אָנגעהויבן, קוקנדיק האַלב אויף מיר, האַלב אויפן וואָדנעם, — איך מיין, טויג ער זיך עפּעס צו גימנאַסטיק, צו מאַרשיראָווקאַ? איך האָב אים אין דעם נאָך קיינמאָל נישט געזעען.

— „וואַשע בלאַגאָראָדיע" — האָט דער וואָדנער געזאָגט, — דאָטשקין איז דער בעסטער סאָלדאַט אין מיין וואָד, ווען די איבעריקע וואָלטן אַזוי געווען, וואָלט איך געווען העכסט צופרידן. — דאַן האָט דער וואָדנער דעם פּאָל־ראָטנעם דערציילט, ווי געשיקט איך בין באַם

שפרינגען און באַם אַרויפכאַפּן זיך אויף דער טראַפּעזע. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז כאָטש איך בין דער פּערטער אין הייך, גיי איך דער ערשטער צום פּראָזאָי פלאַנק, ווייל נישט בוליגאַ, נישט פּוליאַיעוו און נישט לאַזאָווסקי קאָנען האַלטן ריכטיק די צייט אין מאַרשיראָווקאַ.

די גאַנצע צייט, וואָס וויעראָווקין האָט געהאַלטן אין אויסרעכענען מיינע מעלות, איז קאַמינסקי געשטאַנען מיט פאַרזשמורעטע אויגן, איז קענטיק געווען נישט צופרידן מיט זיך אַליין, און ווען יענער האָט געענדיקט, האָט ער מיך ווידער דורכגענומען מיט זיין שטעכעדיקן בליק און געמורמלט אונטער דער נאָז, „הם, הם".

— עס ליגט אָבער נישט אויף זיין פּנים דער „סאָלדאַט", — האָט דער פּאָדפּאָרוטשיק געזעדט ווי אין זיך אַריין, זיך קראַצנדיק דערביי הינטערן אויער. — אויף זיין פּנים ליגט נישט די קאַזאַרמע, נאָר אַמעריקע.

— ווייסט וואָס, וויעראָווקין, — האָט ער נאָך אַ קורצער פּויזע געזאָגט, — שטעל אים אויף צוויי שעה פּאַדקאַזיראַק נאָך זאַניאַטיע. זאָל ער זיך אַרויסשלאָגן אַמעריקע פון קאָפּ.

— „סלושאַיו, וואַשע בלאַגאָראָדיע" — האָט וויעראָווקין געענטפערט, אָפּגעבנדיק טשעסט צו זיין פאַרגעזעצטן.

נאָך זאַניאַטיע איז וויעראָווקין צו מיר צוגעקומען מיט אַ שמייכל און געזאָגט: „עס איז דיין גליק, וואָס דו האָסט זיך נישט פאַרזינדיקט באַ אַן אַנדערן. נישט דערלעבן וועט קאַמינסקי, ווען זיינס אַן אָרדער וועט אויסגעפירט ווערן".

געהאַלט פאַר צוויי מאָנאַטן

דער ערשטער גוטער טאָג, וואָס מיר האָבן געהאַט, זינט מיר זענען אָנגעקומען אין קאַזאַרמע, איז געווען, ווען מען האָט אונז אויסגעצאָלט דאָס געהאַלט פאַר די ערשטע צוויי מאָנאַטן.

די גרעסטע טייל סאָלדאַטן, אַלטע ווי יונגע, האָבן אויף דעם טאָג אויסגעקוקט די אויגן. די מערסטע פון די יונגע האָבן געהאַלטן באַ די לעצטע קאָפּיקעס און פיל פון זיי האָבן שוין געמאַכט חובות אויפן רעכנונג פון געהאַלט.

„זאַניאַטיע" האָבן מיר געהאַט נאָר ביז מיטאָג און דעם צווייטן האַלבן טאָג זענען מיר געווען אינגאַנצן פריי. די שטימונג איז געווען אַ יום־טובדיקע. אין קאַזאַרמע האָט זיך געקאָכט און געזשומעט. אַלטע סאָלדאַטן, וואָס מען זעט באַטאָג זעלטן ווען אָן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען און אַ הו־האַ און אַ טומל, אויסגעמישט מיט געלעכטערס און געשרייען פון אומבאַקאַנטע שטימען, האָט אָנגעפילט יעדעס ווינקל.

אין דעם ערשטן זוואָד זענען אויף אייניקע קאָפּיקעס געלעגן אָנגעהויפט גאַנצע בערג שטיוול און שטיקלעך לייוונט און אַ האַלב טוץ געהויבענע זענען געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און געטיילט יעדן איינעם זיין חלק.

אַ חוץ די פיר און פערציק קאָפּיקעס, דאָס געהאַלט פאַר די פאַרגאַנגענע צוויי מאָנאַטן, האָט יעדער סאָלדאַט געקריגן אַ פּאָר נייע, שיטער געשוואַרצטע שטיוול פון שווערן „יוכט" און אַ שטיקל אומגעבליכטע לייוונט, וואָס האָט געזאָלט זיין גענוג אויף צוויי פּאָר אונטערהויזן און

איז אין אמתן קוים געבוג אויף איין פּאָר. דאָס האָט מען אונז געגעבן אין פאָראויס פאר אַ גאַנץ יאָר.

אין דער צייט, וואָס די חלוקה איז אַנגעגאַנגען, איז דער ראָט־נער שניידער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַנדערע אַלטע סאָלדאַטן, געווען שטאַרק פאַרטון אין מסחר. זיי זענען געלאָפן פון איין סאָלדאַט צום צווייטן און געפרעגט, ווער עס וויל פאַרקויפן די שטיוול מיט דער לייוונט.

אַ סך פון די אַלטע האָבן זיך אַנגעכאַפּט אַן דעם און האָבן אַוועק־געגעבן די מתנות פאַר אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס (דאָס איז גע־ווען דער העכסטער פּרייז, וואָס די שפּעקולאַנטן האָבן פאַר די צוויי אַר־טיקלען געצאָלט), פון די נאָוואָבראַנצעס האָט אָבער קיינער נישט גע־וואגט דאָס צו טון. און די, וואָס האָבן אפילו געהאַט אין זאַפּאַס שטיוול מיט אונטערוועש פונדערהיים און האָבן זיך געקאָט באַגיין אָן דעם, האָבן זיך געהאַלטן מיט די מתנות, כאָטש דאָס געלט וואָלט פאַר זיי געווען אַ סך וויכטיקער. זיי האָבן דאָס נישט געטון אייגנפאַך אויס מורא, אַז ווען זיי וועלן עס טון, וועט עס זיין אַ פאַרברעכן.

שפּעטער האָט דער ראָטנער שניידער מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער האָט דאָס נישט געהאַנדלט אויף זיין אייגעגעם רעכנונג; אַז ער איז ידי־אחת מיטן קאַפּטינאַרמיסט (דער ממונה אויף די קליידער) און אַנדערע געהויבענע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז חברה מאַכט באַ דעם מסחר אַ שלל מיט געלט.

נאָך דער חלוקה האָט דער פעלדפעבל געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אונז געוואָרנט צו זיין פּאַרזיכטיק מיטן געלט, וואָס מען האָט אונז אויסגעצאָלט. ער האָט אונז דערקלערט, אַז דאָס געלט גיט מען אונז אויף שוואַקס צו גלאַנצן די שטיוול, אויף וואַקס צו פּוצן דעם פּאַיאָס און אויף אַנדערע הוצאות קטנות, וואָס באַ אַ סאָלדאַט קאָן זיך מאַכן. איבערהויפּט האָט ער אונז געוואָרנט דאָס געלט נישט צו פאַר־טרינקען, ווען מיר גייען מיט דער קאָמאַנדע אין שטאָט.

— נעמט זיך אַראָפּ אַ מוסר פון ניקיטינען — האָט דער פעלד־פעבל געזאָגט, אָנצייגנדיק אויף אַ נידריקן, ברייט־ביייניקן בלאָנדן סאָלדאַט מיט אַ זייער פלאַטשיקע נאָז, וועלכן איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל באַמערקט אין ראָטע. — אַזוי איז ער, דאַכט זיך, גאָר נישקשה פון אַ

סאָלדאַט, אָבער דאָס טרינקען הרגעט אים אוועק. אזוי גיך ווי ער קריגט דעם געהאַלט פאר די צוויי מאָנאטן, גייט ער אוועק אין שטאָט, שכורט זיך אָן ווי א חזיר, מאַכט א סקאַנדאַל אין שענק און קומט צו־ריק אין קאַזאַרמע א צעיושערטער, א צעבלוטיקטער, פארוואָס ער קריגט זיינע דרייסיק טעג אין קאַרצער. פרעגט אים, וועט ער אייך זאָגן, אז זינט ער איז אין סלוזשבע, האָט ער פארבראַכט אין קאַרצער מער ווי אין קאַזאַרמע. ערשט עטלעכע טעג, אז ער איז פון דאָרט געקומען און איך בין זיכער, אז מאָרגן וועט מען אים אהין ווידער אוועקפירן.

דער בעל־דבר, וועמען דער פעלדפעבל האָט עס פאר אונז אזוי פיין פאָרגעשטעלט, האָט פונאַנדערגעעפנט זיין ברייט מויל און געשטשי־רעט מיט די ציין, ווי ער וואָלט זאָגן: „אָט קוקט מיך אָן, איר מיינט אפשר, אז איך בין עפּעס אבי אזוי א סאָלדאַט?"

נאָך דעם פעלדפעבלס רעדע האָט דער עולם פארפּאַקט די שטיוול מיטן שטיקל לייוונט אין די קעסטלעך און זיך ארומגעדרייט איבער דער קאַזאַרמע, נישט וויסנדיק, וואָס צו טון מיט די פרייע צייט. א ביסל שפּעטער האָבן א פּאָר נאָוואָבראַנצעס געברענגט א גרויסן צעבער „קיפּי־טאָק" פון באָד און מען האָט געטרונקען, געזונגען און געשפּילט אין „בלינדע פּעטש" און אנדערע סאָלדאַטסקע שפּילן ביז פּאָווערקע.

בײַגאָם צום „סאַבאַטשי גאָרקיך“

„סאַבאַטשי גאָרקיך“ איז דער נאָמען פֿון אַ בערגל, וואָס ליגט פֿלאַך אויסגעשפּרייט אין פֿראָנט פֿון אַ שיטערן וואַלד, אומגעפֿער אַ וויאָרסט פֿון ג—ר׳ער וואָקזאַל און פֿון אשכּנזיס קאַזאַרמעס, אין וועלכע אונזער פֿאָלק האָט זיך אויפֿגעהאַלטן.

דאָס בערגל איז געדיכט באַדעקט מיט נידעריקע, שטעכעדיקע קוסטעס און מיט שפּיציקע, אין מאָך איינגעטונקטע שטיינער, וואָס קוקן אָן איינעם דעם אַנדערן מיט זייערע שפּיצן, ווי מיט שטומען פֿאַרדאַכט. קלענערע שטיינער ליגן באַהאַלטן צווישן די קוסטעס און טוליען זיך צווישן די שטעכעדיקע צווייגעלעך, סיי ווינטער און סיי זומער.

ווינטער, ווען עס לייגט זיך אַוועק דער שניי אויפֿן בערגל, סטאַר־טשען די שפּיצן פֿון די שטיינער און די שוואַכע, דאַרע צווייגעלעך פֿון די קוסטעס אַרויס פֿון דער ווייסער דעקע און דער פּלאַץ זעט אויס פֿון ווייטנס ווי אַ בית־עלמין, פֿאַרזייעט מיט שוואַרצע און ווייסע מצבות. די וואָרצלען פֿון דעם אָפּגעשניטענעם קאָרן אויף דעם אַרומיקן פֿעלד שטעקן האַלב אַרויס פֿון שניי און זעען אויס ווי מיילעכלעך פֿון אַ גלאַנציק ווייס ריבאייזן. פֿונם שיטערן וואַלד הערט זיך דאָס וואָיען פֿונם קאַלטן ווינט אין אַן אומעט צעטראָגט זיך איבער דער גאַנצער געגנט.

אין קאַזאַרמע האָבן זיך אַרומגעטראָגן פֿאַרשידענע לעגענדעס וועגן „סאַבאַטשי גאָרקיך“. אַלטע סאָלדאַטן פֿלעגן אָפֿט רעדן וועגן דעם פּלאַץ, ווי וועגן עפּעס אַ פֿאַרשאָלטן אָרט, וווּ בייזע רוחות שוועבן אַרום ווינ־טער און זוכן אַלץ שלעכטס צו טון די יונגע סאָלדאַטן, ווען מען פֿירט

זיי אין די פינצטערע פרימאָרגנס אויף „פראָגולקע“ אויף די זייטיקע וועגלעך.

נישט איינמאָל האָט פלעטניאָוו, דער אונטעראָפיציר פון צווייטן זוואָד, וועלכער פלעגט אָפט פאַרטאָג אונז פירן אויף „פראָגולקע“, גע־סטראַשעט מיטן „סאָבאַטשי גאָרקיך“. אָבער אַ האַלבער ווינטער איז אַוועק און מיר האָבן דעם טעם דערפון נאָך נישט פאַרזוכט.

דער שלימזל, און אפשר טאַקע אַ בייזער רוח, וואָס שוועבט אויפן ווינטן בערגל, האָט אָבער אונז, נאָוואָבראַנצעס, די גאַנצע צייט נאָכגע־פאָלגט, ביז עס איז אים פאָרט געלונגען צו „טראַקטירן“ אונז אויפן „סאָבאַטשי גאָרקיך“.

אַ טריבער, וויסטער פאַרטאָג איז דאַן געווען.

אַ דראָבנע שנייעלע האָט ווי מיט קאַלטע נאָדלען אין פנים גע־שטאָכן. דער ווינט האָט זיך געדרייט אין די פאָלעס פון אונזערע לאַנגע שינעלן און געפּענטעט אונזערע פיס צום אַנידערפאַלן. די וואָנסעס זע־נען באַ אַלעמען מיט שטיקער אייז געווען באַדעקט און קיינער פון אונז האָט נישט געפילט נישט קיין אויערן, נישט קיין נאָז, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען טויט, פאַרפרוירן. כמעט אַנדערטהאַלבן שעה, אַז מען האָט אונז אין דער ביטערער קעלט געהאַלטן, פריער מיט „מאַרשיראָווקאַ“ און נאָכדעם מיט „פראָגולקאַ“ איבערן גליטשיקן, צעדרייטן גאָשצינעץ, וואָס ציט זיך צווישן די קאַזאַרמעס און וואָקזאַל.

סיי באַ די מאַרשיראָווקעס און סיי באַ דער פראָגולקאַ האָבן מיר דעם זוואָדנעם יענעם פרימאָרגן נישט געקאָנט צופרידן שטעלן. דאָס שנייעלע, ווי דראָבנע עס איז געפאַלן, האָט עס דאָך באַוויזן איינצוהילן דעם פאַרפרוירענעם באָדן מיט אַ ווייכע דעקע און אונזערע פיס האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג פונם באָדן, ווי פעסט מיר האָבן מיט זיי נישט געקלאַפּט.

— פעסטער, סוואָלאַטשעס, פעסטער! — האָט דער זוואָדנער אונז אַלץ נאָכגעשריגן פון הינטן, ווען מיר האָבן זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות אַרויסצוקריגן אַן אָפּקלאַנג פון אונזערע טריט.

אַז דער הימל האָט אָנגעהויבן צו גרויען אין מזרח און זייַלעכלעך רויך האָבן וווּ-נישט ווו זיך גענומען טראָגן פון די קוימענס פון די שיטער צעשפּרייטע הייזער באַם עק פון שטאָט, האָט דער זוואָדנער אַ קאָמאַנדע

געטון: „צו דער קאזארמע!" און מיר האָבן גענומען גיין, צו פיר אין א רייע, דעם פלאַכן באַרג אַרויף, ווו עס געפינען זיך די לאַנגע געביי־דעס פון וויאַטסקע פּוּלק.

אָנקומענדיק נאָענט פון קאַזאַרמע, ווען די ערשטע רייע האָט שוין דערגרייכט דעם פּונקט, ווו דער באַרג ענדיקט זיך און עס הייבט זיך אָן דער פלאַכער פּלאַץ, ווו דאָס מושטירן קומט בעוויינלעך פאָר, האָט דער רוח מיטאַמאָל אָנגעטראָגן עפּעס אַן אָפיציר, גאָר פון א פרעמדן באַטאַליאָן, וועלכן עס האָט זיך פאַרוואָלט אונז צו באַגריסן. דער אָפיציר איז געווען, אָדער שטאַרק הייזעריק, אָדער ער האָט זיך געפּוילט צו עפענען געהעריק דאָס מויל, נאָר ווען ער האָט אויסגערופן: „זדראַוויר רעביאַטאַ!" — האָט קיינער פון אונז, אויסער די פון דער ערשטער רייע, דאָס נישט געהערט און דער רעזולטאַט איז געווען — אַז פון פערציק מאַן האָבן בלויז פיר געענטפערט אויף דער באַגריסונג.

דער אָפיציר האָט מיט א ברוגזדיקער מינע אונז א ווײַלע אָנגע־קוקט, האָט געפרעגט פון וועלכער ראָטע מיר זענען און איז אַוועק, ווו ער האָט געדאַרפט.

דער וואַדנער האָט פאַר חרפּה נישט געוווּסט, ווו צו באַהאַלטן זיך. א רגע האָט ער אויף אונז געבליצט מיט זיינע שטעכעדיקע בליקן און זיין געדאַנק האָט קענטיק שנעל געאַרבעט אויסצוקלערן אויף גיך, וואָס פאַר א שטראָף ער זאָל אונז געבן.

מיטאַמאָל האָט ער מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שטימע א קאָמאַנדע געטון: „נאַ—זאַד, ביע—גאָם מאַרש!" אין א פּאָר סעקונדן אַרום האָבן מיר זיך געהאַלטן מיט די עלנבויגנס אין די זייטן און האָבן זיך געלאָזט לויפנדיק צוריק אַרונטער צום גאָשציניעץ.

אָנקומענדיק צום ברייטן וועג, האָט דער וואַדנער, וועלכער איז געבליבן א שטיק פון הינטן, א קאָמאַנדע געטון: „ליעוואַי פּליעטשאָ וופּעראָד", און ווען מיר האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן לינקן שולטער און דערזעען פון וויטנס דאָס בערגל מיט די שוואַרצע קוסטעס און די שפּי־ציקע שטיינער, האָט אונז דאָס האַרץ גלייך געזאָגט, וואָס מען גייט מיט אונז טון.

דער וואַדנער האָט אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם אונטעראָפיציר פּלעטניאָוו און יעפרייטער מיקוליטש, ער האָט זיי אָנגעוויזן

מיט דער האַנט אויפֿן „סאָבאַטשי גאָרקיך“ און איז אַוועק אין קאַזאַרמע.

די געהויבענע האָבן אונז געלאָזט לויפֿן אין איין אָטעם, ביז מיר זענען אָנגעקומען אַנטקעגן דעם פֿאַרשאָלטענעם בערגל, וואָס האָט יענעם פֿרימאָרגן אויסגעזען נאָך וויסטער און אימהדיקער ווי תּמיד. זיי האָבן אונז געגעבן צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, ביז זיי האָבן אונז דערגרייכט און דאַן ווידער געטון אַ קאָמאַנדע: „ביעגאָם צום סאָבאַטשי גאָרקיך!“ מיט פֿאַראַליזירטע געפֿילן און פֿאַרשטיינערטע הערצער האָבן מיר זיך געלאָזט לויפֿן איבער דעם פֿאַרשנייעטן קאָרן־פֿעלד. דער טיפֿער שניי, וואָס איז געווען האַרט פֿון אויבן און ווייך פֿון אונטן און די אַרויס־שטעקנדיקע פֿאַרפֿרוירענע שטרוי־וואָרצלען האָבן ווי מיט שווערע געוויכטן אונזערע פֿיס צוריקגעהאַלטן און נישט נאָר לויפֿן, נאָר אַפֿילו גיין האָבן מיר זיך געמוזט אָנשטרענגען מיט די לעצטע כּוחות. פֿונם אַנטקעגנדיקן וואַלד האָט זיך געהערט דאָס שרעקלעכע וואָיען פֿון ווינט און דער דראָב־נער שניי האָט געשמיסן אין פּנים און פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

פּלעטניאָוו און מיקוליטש האָבן זיך צוועקגעשטעלט פֿון די זייטן און זיך פֿאַרשטעלט פֿון ווינט הינטער דיקע ביימער און זייערע קולות: „ביעגאָם!“ האָט די גרויע לופֿט פֿאַרקלונגען. דער פֿרימאָרגן האָט זיך אַלץ מער און מער אַרויסגערוקט און די געגנט איז מיט יעדער מינוט אַלץ מער אַרויסגעשוווּמען פֿאַר די אויגן.

מיר האָבן אַזוי געבראָדזעט, געקראָכן און ווייטער געלאָפֿן אָן וועלכע אָרדענונג איבערן פֿאַרשנייעטן פֿעלד, ביז מיר זענען אָנגעקומען צום פֿוס פֿון „סאָבאַטשי גאָרקיך“. בײַ קיינעם פֿון אונז איז שוין, דאַכט זיך, קיין קאַפּ כּוח נישט געבליבן צו רירן מיט אַ גליד. איך האָב גע־פֿילט ווי מײַנע גלידער טיילן זיך פֿונאַנדער און אָט־אָט צעפֿאַלן זיי. די געהויבענע האָבן אונז אָבער נישט געגעבן די געלעגנהייט זיך צו פֿיל אָפּצולאָזן. זיי זענען צוגעלאָפֿן צו אונז, האָבן מכבד געווען וועמען מיט אַ קלאַפּ, וועמען מיט אַ „מי שברך“ די־יעניקע, וועלכע זענען געבליבן צופֿיל פֿון הינטן און מיט התלהבות און אימפּעט האָבן זיי גענומען שרייען: „ביעגאָם מאַרש! ביעגאָם־מאַרש!“ און האָבן דערבײַ געמאַכט אַזעלכע תּנועות, ווי זיי וואָלטן אַ טשאַטע הינט אויף עמעצן געהייצט.

וואַקלענדיקערהייט האָבן מיר גענומען קלעטערן אויפֿן באַרג און באַלד זענען אייניקע פֿון אונז געלעגן אויסגעצויגענע ווי קלעצער.

כאַבידולין איז געפאַלן מיטן קאָפּ אָן אַ שטיין און האָט זיך געמאַכט אויפן שטערן אַ בייל, גרויס ווי אַ וועלטשינע נוס. עפּעלבערג האָט זיך פאַרשטעפּעט אָן אַ קוסט און האָט זיך צעריסן די הויזן מיט אַ פוס צוזאַמען. קיריק האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און איז געפאַלן אויף באַשקאָן און דאַן האָבן זיך ביידע געקייקלט, ביז זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ קוסט, אָן וועלכן זיין האָבן זיך די הענט צעשטאָכן און די שינעלן מיט די הויזן צעריסן.

ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ ביסל כוח האָט געפאָלגט דעם באַפעל פון די געהויבענע און געקלעטערט ווייטער, זיך האַלטנדיק מיט די עלנבויגנס אין די זייטן, עס זאָל אויסזען, ווי „ביעגאָם" אָבער די גרעסטע טייל איז אָפּגעשטאַנען, נישט קאָנענדיק פשוט זיך רירן. טשופּרינקאָ, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַרן געשיקסטן סאָלדאַט אין דריטן זוואָד, האָט זיך אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז צווישן שטיינער און געזאָגט, אַז ער וועט ווייטער נישט גיין, ווען מען דערהרגעט אים אפילו אויפן אָרט. ער האָט פאַרגלאָצט מיט די אויגן און געזאָגט, אַז ער גייט שוין שטאַרבן ס׳יי-ווי-ס׳יי.

פלעטניאָוו איז באַלד צוגעקומען און מיטן פוס דערלאַנגט טשופּרינקאָן אַ זעץ איבערן היפּט, אַז דער אָרימער „שייגעץ" האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט און איז געבליבן ליגן איינגעגראָבן מיטן פנים אין שניי.

מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז טשופּרינקאָ וועט בלייבן אַ טויטער אויפן „סאָבאַטשי גאָרקיך". אַ פּאָר מינוט איז ער געלעגן מיטן פנים אין שניי און זיין קערפּער האָט זיך נישט באַוועגט. פלעטניאָוו האָט זיך איבער אים איינגעבויגן און דערזעענדיק, אַז קוים וואָס ער אָטעמט, האָט ער אַ קאָמאַנדע געטון צו פאַרנעמען זיך אויף צוריק.

ביזן ברייטן וועג האָבן צו צוויי נאָוואָבראַנצעס געטראָגן טשופּרינקאַן אויף די הענט און דאָרט אָנקומענדיק, האָט מען אים אונטער די אָרעמס געפירט, ביז מיר זענען קוים, קוים ענדלעך דערקראָכן צו דער קאַזאַרמע.

עפּלבערגן האָט מען אויך געמוזט צוהעלפן, ווייל ער האָט שטאַרק צוגעהינקט אויף דעם צעשעדיקטן פוס און אויסער דעם האָט ער זיך באַקלאָגט אויף אַ שטאַרקן ווייטיק אין זייט און אין רוקן.

קיין איינציקער פון אונז איז גישט אַרויס אָן עפּעס אַ סימן פון „סאָבאַטשי גאָרקיך". בײַ דעם איז דער שינעל געוועזן צעריסן, בײַ יענעם די הויזן און ווידער בײַ אַן אַנדערן די שטיוול. כאַבידולין האָט זיין היטל אין אַ קוסט פאַרלוירן און באַשקאָן האָט דער פּאַיאָס געפעלט.

אין קאַזאַרמע האָט מען אונז אַריינגעפירט דורך דעם הינטערשטן טויער, וועלכעס ווערט זעלטן ווען געעפנט. די געהויבענע האָבן, משמעות, מורא געהאַט אונז אַריינצופירן דורכן פּאַראַדנעם וכאָד, ווו מען וואָלט געקאָנט זעען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד מיר האָבן זיך געפונען.

מען האָט אונז אויך גיך געגעבן גאַנצע זאַכן זיך איבערצוטון, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז דער ראָטנע-קאָמאַנדיר זאָל נישט אָנקומען און אויסגעפינען, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

כשופרינקאָ איז געווען אַזוי קראַנק, אַז מען האָט אים גלייך געמוזט אַוועקפירן אין אָקאָלאָדאָק. פיל אַנדערע האָבן זיך געבעטן צו נעמען זיי אין אָקאָלאָדאָק. מען האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז זיי זענען נישט קראַנק צו וואַרטן ביז מאָרגן נאָכן אוטרענני סמאָטר, ווען יעדער איינער קאָן זיך מעלדן קראַנק.

ווען מיר האָבן זיך געהאַט אַ ביסל דערהאָלט, איז דער זוואָדנער אַריינגעקומען. מיט אַ מינע פון נצחון האָט ער אונז אַ ווײַלע באַטראַכט און אונטער די גרויסע וואָנסעס האָט ער צוגעשעפּטשעט: „אַהאַ, איר וועט ווייטער וויסן ווי צו ענטפערן אַ נאַטשאַלניק?"

קאַזאַרמע-ליטעראַטור

פון דער ערשטער וואָך נאָך ניי יאָר האָט אונזער ראָטנע-קאָמאַנדיר, פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי, איינגעפירט „פאָרלעזונגען“ פאַר די יונגע סאָלדאַטן.

מייסטנס זענען די פאָרלעזונגען פאָרגעקומען שבת-פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מען פלעגט פאַרטיק ווערן מיט אויפראָמען די קאַזאַרמע. די נאָוואָבראַנצעס פון אַלע פיר זוואָדן פלעגן זיך פאַרקליבן אין ערשטן זוואָד, אין דעם ווינקל, ווו דער פעלדפעבל האָט זיין קוואַרטיר, אויך מערערע פון די אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער קאַזאַרמע, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, פלעגן צוקומען און זיך צוהערן בייגיריק צו די מעשיות און אַנעקדאָטן, וואָס דער ראָטנער פלעגט פאָרלייענען.

און געליינט האָט דער ראָטנער זייער באַטעמט און מיט אַ מאָדנער כוונה. זיין העל קלינגענדיק קול האָט אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך פון דער קאַזאַרמע און אַ פריינטלעכקייט, וואָס איז געווען מער געמאַכט ווי נאַטירלעך, האָט באַצויגן זיין פנים, ווען ער האָט לייענענדיק געוואָרפן בליקן אויף דעם עולם צוהערער.

און לייענען פלעגט ער תמיד פון אַ געוויסן זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן ספּעציעל פאַר די קאַזאַרמעס, און פון וועלכן יעדעס אַרטיקל, יעדע דערציילונג, וויץ אָדער אַנעקדאָט, האָט אויסשליסלעך צו טון מיטן לעבן און די אינטערעסן פון דעם רוסישן סאָלדאַט.

אַמאָל האָט דער ראָטנער די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע צוהערער געהאַלטן געשפּאַנט אַ שעה נאָכאַנאַנד מיט אַ דערציילונג וועגן אַ סאָל-

דאַט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך אַ געוויסן העלדנמוט אין קריג אָדער פרידן און פאַראייביקט דורך דעם זיין נאָמען אין דער היסטאָריע; אַמאָל מיט אַ שילדערונג פון אַ געוויסער היסטאָרישער שלאַכט, אין וועלכער די רוסישע אַרמיי האָט באַוויזן גבורות. און נאָכאַמאָל האָט ער פאַרגע־לייענט אָדער דערציילט וויצן און אַנעקדאָטן פון וואָיענעם לעבן, פון וואָס די צוהערער האָבן געקליבן נחת און געלאַכט פון פולן האַרץ.

דער צוועק פון דידאַקטיקע פאַרלעזונגען, ווי דער ראָטנער אַליין האָט צוגעגעבן, איז געווען, איינצופלאַנצן פאַטריאָטיזם אין די הערצער פון די יונגע סאָלדאַטן, צו געבן זיי ביישפילן פון העלדישקייט און טריי־הייט אין דינסט פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד.

און אַזוי האָב איך זיך אָנגעהערט מיט אַנעקדאָטן, געשיכטעס און פאַסירונגען, אמתע ווי אויסגעטראַכטע, פון וועלכע אַ פּראָסטער מענטש (ווי בײַ די וואָיענע איז פאַררעכנט יעדער איינער, וואָס איז נישט קיין סאָלדאַט) קאָן גאָר קיין אַנונג נישט האָבן, און מיט ביאָגראַפיעס פון העלדן, וואָס האָבן אויס ריינע אומוויסנהייט געאָפּפערט זייערע לעבנס פאַר גאָרנישט און אומגעבראַכט אַנדערע אויפן מזבח פון שטרענגן באַ־פעל, בלויז דורך כוח פון דער אייזערנער דיסציפלין, וואָס האָט זייערע ה̇ערצער אין שטיין פאַרוואַנדלט.

וואָכן לאַנג האָט פאַר מײַנע געדאַנקען געשוועבט דאָס בילד פון אַגאַפאָר ניקיטין, דער „העלד", וואָס האָט מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר אַן אַלטער צעריסענער „זנאַמיע" אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקי־שער קריג. דערדאָזיקער ניקיטין, וואָס איז געווען און געשטאָרבן אַ פּ״אָסטער סאָלדאַט, איז פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרעסטע „קדושים", וואָס זענען געפאַלן פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד און גילט אַלס מוסטער פון פאַטריאָטיזם, ווו נאָר עס געפינט זיך אַ קאַזאַרמע אין רוסלאַנד. און ווען דער ראָטנער האָט מיט האַרץ געלייענט די שילדערונג, ווי אַזוי דער אייזערנער ניקיטין האָט געקעמפט ווי אַ לייב מיט עטלעכע פונם שונאס סאָלדאַטן פאַר זיין קייזערס זנאַמיע, ביז די ערד האָט איינגעזויגן זיינע לעצטע טראָפנס בלוט, וואָס איז גערונען פון צענדליקע וווּנדן און ווי דער העלד האָט זיין לעצטן אָטעם מיט אַ צופרידענעם שמייכל אַרויס־געלאָזט, וויסנדיק, אַז ער שטאַרבט מיט דער זנאַמיע אין זיינע הענט, האָבן בײַ פיל נאָוואָבראַנצעס די אויגן געפינקלט פון באַגייסטערונג און

קיריק האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אין דער שטיל גע־שעפּטשעט: „וואָט כראַבּראָסט! וואָט מאָלאָדיעץ!"

אָבער קיין שטיק קאַזאַרמע־ליטעראַטור איז נישט פאַרבליבן אַזוי איינגעגעסן אין מיין זכרון, ווי די געשיכטע מיט מאַטוויי זשיבוקאָוו, וואָס פאַרוטשיק סטעפּאַנסקי האָט פאַר אונז איין רעגנדיקן שבת פאַרנאַכט פאַרגעלייענט.

אַלס הקדמה צו דער מעשה, איז דער ראָטנער מיט אונז איבער־געגאַנגען אַ ביסל צו די סלאָוועסנאָסט, וואָס האָט צו טון מיט הלכות קאַראַול; ווי אַ סאָלדאַט דאַרף זיך נוהג זיין, ווען ער שטייט אויף פּאָסט. און אַלס אילוסטראַציע און ביישפּיל פון אמתער פליכט־דערפילונג, האָט ער אונז דערנאָך פאַרגעלייענט די געשיכטע מיט מאַטוויי זשיבוקאָוו, וועמענס נאָמען עס איז פאַרשריבן צווישן די אומשטערבלעכע אין דער געשיכטע פון דער רוסישער וואַיענשטשינע.

און אָט איז די געשיכטע מיט מאַטוויי זשיבוקאָוו:

אין טיף רוסלאַנד, ערגעץ ווו אַרום סמאָלענסק, האָט געוווינט אַן אָרים פּאַרפאָלק מיטן נאָמען זשיבוקאָוו. דער מאַן, אָסיפּ, איז געווען אַ גרויסער פוילענצער און שיכור דערצו און די פרוי, מאַריאַנאַ, איז געווען אַ „האַראָפּאַשנע" שווערע אַרבעטערין און מיט איר קליינעם בן יחיד אויף די הענט פלעגט זי טאָג־איין, טאָג־אויס גיין זוכן אַרבעט אין שטאָט צו קאָנען דערנערן דאָס הויז־געזונט.

אַז מאַריאַנאַ האָט אַמאָל געבראַכט נישט גענוג געלט אַהיים, אָדער זי האָט אויסגעגעבן אַ קאָפּיקע אויף אַ בייגל פאַרן קינד, האָט די „יוכע" אויפגעקאָכט אין אָסיפּן און ער האָט געכאַפּט, וואָס עס איז אים צוערשט אין דער האַנט געקומען און עס געשליידערט זיין ווייב אין קאָפּ, און טאָמער האָט עס געטראָפן דעם קינד, וואָס האָט פאַר ווייטיק זיך פונאַנ־דערגעשריגן, איז ער צוגעלאָפן און אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ פּעלצענע הענטשקע, אַ טאָרבע אָדער גאָר מיטן ברעג פון זיין מו־טערס קלייד, ביז דער קליינער „טשאָרט" האָט פאַרשטומט.

פיל מאָל איז מאַריאַנאַ אַנטלאָפן פון איר ברוטאַלן מאַן און זיך אויסבאַהאַלטן בא קרובים אין אַ נאָענט דאָרף, אָבער אָסיפּ פלעגט זי אויסגעפינען און ברענגען צו שלעפּן אַהיים פאַר די האָר.

איינמאָל איז דאָס קינד, מאַטוויי, וואָס איז קוים צוויי יאָר אַלט

געווען, קראַנק געוואָרן אויף פיבער און מאַריאַנאַ איז פון הויז נישט אַרויס איינציקע טעג נאָכאַנאַנד. אָסיפ איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז ווי אַ צערייצטע חיה, איז אַלץ ווײַלע צוגעקומען צום פאָל, ווי דאָס קראַנקע קינד איז געלעגן צוזאַמענגעדרייט אויף אַ הורבע שמאַטעס און געפרעגט, ווי עס האַלט. ענדלעך האָט ער פאַרלוירן אינגאַנצן דאָס געדולד, איז צוגעקומען צו זיין פרוי און זי געפרעגט, אויב זי דענקט נאָך וועלן צו גיין אין שטאָט עפּעס פאַרדינען? די אָרימע מוטער האָט געענטפערט מיט אַנטשלאָסנהייט, אַז כּל־זמן איר קינד ברענט אַזוי ווי אַ פייער, וועט זי פון זיין געלעגער נישט אָפּטרעטן.

— נו, וועסטו אָפּטרעטן אַ טויטע! — האָט אָסיפ אויסגעשריגן מיט אַ ווילדער „יוכע" און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין פרוי מיט זיינע פויסטן.

די געשרייען פון דער אָרימער פרוי האָבן געבראַכט צו דער סצענע דעם שמיד זאַנאַטולאָוו, וועלכער איז געווען זשיבוקאָווס נאָענטסטער שכן, און זיינע צווי יונגע זין. און זשיבוקאָוו האָט באַלד געהאַט זיך צו שלאָגן מיט פיר אָנשטאָט איינער. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט און ווי אַ צערייצטע בעסטיע האָט ער זיך געוואָרפן פון איינעם אויפן צווייטן, ביז דעם שמידס יינגסטער זון האָט אים ענדלעך אָנגעכאַפּט באַם האַלז און מיט דער הילף פון זיין פאָטער און ברודער אים געבראַכט צו שלעפּן צום סאָטסקי.

מאַריאַנאַ איז פון יענער אַטאַקע געבליבן בלינד אויף איין אויג און דער קליינער מאַטוויי האָט געקריגן אַ טיפן שניט אין בעקל, פונם מעסער, מיט וועלכן זיין פאָטער האָט געוואָלט טרעפן זיין מוטער, אָבער דער „רוח" האָט אים נישט געכאַפּט און ער איז אַרויסגעקומען פון פיבער און פון שניט נאָר מיט אַ קליינעם צייכן, וואָס איז פאַרבליבן אויף שטענדיק אויף זיין פנים.

פון זשיבוקאָוון האָט מען אין דאָרף מער נישט געהערט. ער איז אַזוי ווי אין ים פאַרזונקען און מאַריאַנאַ האָט זיך געפילט ווי ניי געבוירן. אמת, זי האָט געאַרבעט אַזוי שווער ווי פריער. אָבער עס איז נישט געווען ווער עס זאָל איר פּראַצע פאַרטרינקען און זי דערצו נאָך שלאָגן מכּות רצח. מאַטוויי האָט זיך געהאָדעוועט אַ שטאַרק קינד און פלעגט איר ווייניק דאָקוטשען, פאַר וועלכן זי האָט אים שטאַרק ליב

געהאַט, נאָר דאָס האַרץ האָט זי אָפּט געשראָקן. ער זאָל נישט זיין גע־ראָטן אין זיין טאַטן, ווען ער וועט אויסוואַקסן.

וואָס עלטער דאָס קינד איז געוואָרן, האָט עס אַלץ מער גענומען אַרויסווייזן ענלעכקייט צו זיין פאָטער. עס איז געווען שרעקלעך פויל און האָט באַין אופן נישט געוואָלט גיין אין שקאָלע, און ווען זיין מו־טער פלעגט אים מוסרן דערפאַר, האָט עס אַרויסגעוויזן סימנים פון וויל־דער רציחה.

ווען ער איז צוועלף יאָר אַלט געוואָרן, האָט מען מאַטווייען, ווי־עס־איז איינגערעדט צו גיין פיטערן חזירים בײַ אַ דערבייאיקן פּאָמיעשטשיק, אָבער אזוי גיך, ווי ער האָט געקריגן פון אַן עלטערן פאַסטוך צו פאַר־זוכן דאָס ערשטע ביסל „וואָדקאַ", האָט אין אים זיך צעשפּילט דער בייזער טייוול, וואָס זיין פאָטער האָט אים פאַרירשנט לעבעדיקערהייט און דאָס גאַנצע דאָרף האָט באַלד געוווּסט, אַז מאַטוויי וואַקסט אַ צווייטער אָסיפּ.

מאַריאַנאַ האָט איינגעזעען, אַז זי וועט פון איר זון שוין קיין נחת נישט דערלעבן און האָט פאַר צרות זיך גענומען לאָזן, ווו די אויגן וועלן זי טראָגן.

פאַרן אַוועקגיין פון דאָרף האָט זי געבעטן די זאַנאַטולאָווס אַכטונג צו געבן אויף איר בן־יחיד און אים אַרייננעמען אין קוזשנע צו דער אַרבעט. זי האָט געגלייבט, אַז קוים וועט ער זיין עלנט, וועט ער מוזן עפּעס טון.

מאַטוויי האָט אָבער אין קוזשנע נישט געוואַלט אַרבעטן. ער האָט פאַרגעצויגן בעסער זיך אַרומדרייען אַרום שענק, ווו ער פלעגט קריגן אַמאָל אַ שטיקל ברויט, אַמאָל אַ טרונק בראָנפן פאַר טראָגן וואַסער און אַכטונג געבן אין שטאַל.

אזוי האָט מאַטוויי פאַרבראַכט זיינע יאָרן, ביז ער איז אַלט געוואָרן איין און צוואָנציק יאָר און ער איז אָנגעקומען אין וואָיענע סלוזשבע אין אַ ווייטער שטאָט אין סיביר.

אין סלוזשבע איז מאַטוויי גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. די פוילקייט האָט מען פון אים גאַר אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן און טרינקען האָט ער אויך נישט געקאָנט מער. ער האָט געדינט אין פיעכאָטע און האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גיבור. פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען

אין קאַזאַרמע, האָט ער זיך אויף נישקשהדיק אויסגעבילדעט. ער האָט געקענט די גאַנצע „אַזבוקאַ“ און האָט זיך אויך אויסגעלערנט ביז דריי שורות ציפער צונויפרעכענען.

איינמאָל אין אַ גרויסן פראָסט, שטייט אַזוי מאַטוויי אויף „קאַראַול“ לעבן אַ וואַיענע געביידע אויף איינע פון די הויפּט-גאַסן פון שטאָט, ווען אַ פרוי מיט אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ און קוקט אים אָן איבערראַשט.

באַלד האָט די פרוי אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַק פון די פּלייצעס און זיך גענומען לאָזן האַסטיק צו אים מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, רופנדיק:

„מיין קינד, מיין מאַטוויי!“

מאַטוויי האָט זיך אָבער נישט גערירט. ער האָט געקוקט מיט אָנגעשטעלטע בליקן, ווי ער וואָלט מעסטן דעם שטח, וואָס איז צווישן אים און זיין מוטער, און האָט מיט דער רעכטער האַנט פעסט אָנגענומען די ביקס.

— דערקענסט מיך נישט, קינד מיינס? — האָט די פרוי גענומען רעדן מיט מער וואַרעמקייט און איז אַלץ נענטער געקומען צו איר זון, דיין מוטער בין איך דאָך! אַ האַלב יאָר האָט מיר גענומען, ביז איך האָב זיך געקאָנט דערשלאָגן צו דיר. אַ, ליב קינד מיינס, ווי שיין דו ביסט אויסגעוואַקסן! ווי פיין די סאָלדאַטסקע קליידער פּאַסן אויף דיר!

די פרוי האָט שוין געהאַלטן בּאַ פיר טריט פון פּאָסט. זי האָט שוין געהאַט די ליפּן אָנגעשטעלט צו באַדעקן איר קינדס געזיכט מיט אירע קושן, ווען מאַטוויי האָט מיט אַמאָל אויסגערופן: „אָטכאָדי!“

די פרוי האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן. זי האָט זיך געריסן מיט אירע אָפענע אָרעמס צו איר קינד.

— אָטכאָדי! — האָט מאַטוויי אַ צווייט מאָל אויסגערופן און פאַרוואָרפן די ביקס מיט דער בלישטשענדער שטיקע אויף דער אויסגעשטרעקטער לינקער האַנט.

— דערקענסט מיך טאַקע נישט, מיין טייערער מאַטוויי? — האָט די פרוי אויסגערופן פאַרצווייפלט און אירע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך מיט אַמאָל אַ וואַרף צו טון אויף איר זון.

— אָטכאָדי! — האָט מאַטוויי אויסגערופן צום דריטן מאָל, און

ווען ער האָט געזעען, אַז זיין מוטער הערט אים נישט און איז שוין צוגעקומען צו אים נענטער ווי פיר טריט, האָט ער, לויטן דין נאָך, געטון אַ שפּרונג אַנטקעגן און דורכגעלעכערט איר האַרץ מיט דער שאַרפער שטיקע.

אייניקע וואָכן שפּעטער האָט מאַסוויי געקריגן אַנגעגנייט צוויי בענדלעך אויף די שליפעס און איז דערהויבן געוואָרן צום טשין „אונטער־אָפיציר" פאַר דערפילן פּינקטלעך זיין פליכט.

ווען דער ראָטנער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער באַטראַכט זיינע צוהערער מיט אַ פאָרשנדן בליק, צו זעען, וואָס פאַר אַ ווירקונג דער היסטאָרישער פאַקט האָט אויף זיי געמאַכט.

די נאָוואָבראַנצעס זענען כמעט אַלע געבליבן זיצן בלאַס ווי שניי, און פון דער הינטערשטער רייע האָט איינער אין דער שטיל אויסגערופן: יעזוס קריסטוס! און זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט.

„אובאָרקאַ"

דאַכט זיך, גאָר נישט אַזאַ לײַכטע זאַך צו שלעפּן מאַטראַצן, „קאָיקעס", פּעק מיט קישנס און דעקעס, איבער שמאָלע, געדרייטע טרעפּ, צוויי שטאָק אַרונטער און דערנאָך ווידער צוויי שטאָק אַרויף; עס איז אויך נישט קיין צו אָנגענעמע זאַך צו שטיין אין פראָסט און ווינט און קלאַפּן דעם שטויב פון דעם קאַזאַרמע-בעטגעוואַנט; און עס איז געוויס אויך נישט קיין צו גרויס פאַרגעניגן צו שייערן די פּאָדלאָגע צוויי שעה נאָכאַנאַנד און קערן און רוימען און רייניקן יעדעס ווינקל פון דער לאַנגער, ברייטער קאַזאַרמע, דאָך פלעג איך קוים דערלעבן דעם שבת-נאָכמיטאָג צו קאָנען די אַלע זאַכן טון.

איך פלעג די גאַנצע וואָך וואַרטן אויף דער „אובאָרקאַ", ווי אַ פרומער ייִד וואַרט אויף משיחן. און איך בין געווען נישט דער איינציקער. כמעט יעדער פון די נאָוואָבראַנצעס האָט אויסגעקוקט אויפן שבת, ווי מיט ליכט.

עפּעס האָב איך געפילט אַ „בין הזמנים"-פרייקייט, ווען איך האָב זיך געדרייט אויף די קאַזאַרמע-טרעפּ איינגעבויגן אונטער דער לאַסט פון אַ דריי-פיר מאַטראַצן אָדער אַ צענדליק קישעלעך, און ווען איך האָב מיט די פיס געשאַרט אָן דער נאַסער, מיט פּאַלאָווינעס באַשאָטענער פּאָדלאָגע, די בעזעמלעך און רייפלעך פון יונגע פרישע פּאַלקעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך גליטש זיך דאָס בגנבה אויפן טייכל פון מיין געבורטשטאָט.

איבערהויפּט פריי האָב איך זיך געפילט, ווען מיר פלעגן קלאַפּן דעם פיל פון דעם שטרויענעם בעטגעוואַנט אין דרויסן הינטערן קאַ-

זאַרמע-הויף. די טויערן פֿלעגן שטיין ווייט פֿונאַנדערגעעפֿנט און די לופֿט פֿון דעם ברייטן, פֿרייען דרויסן פֿלעגט זיך אויסמישן מיט דער לופֿט פֿון דעם שטענדיק מיט הויכע ווענט און שווערע טויערן פֿאַרצוימטן הויף און די אייזערנע דיסציפּלין פֿלעגט בעת מעשה פֿאַרלירן איר דריקנדע שווערקייט און עס האָט זיך געפֿילט פֿרישער און לייכטער אויפֿן האַרץ.

אין אַ שיינעם וועטער פֿלעגן אין דער צייט פֿון „אובאַרקאַ" פֿיל באַזוכער אָנקומען פֿון שטאָט. סאָלדאַטן פֿון אַנדערע פֿעלקן אין פֿאַרשידענע אוניפֿאָרמס, מוזשיקעס אין סערמיאַגעס, יידן אין טונקעלע מלבושים פֿלעגט מען זעען דאָ און דאָרט איבערן גרויסן, פֿרייען פּלאַץ, ווי אויך אין קאַזאַרמע-הויף, זיך אונטערגעהאַלטן מיט א ו נ ז ע ר ע, ווען נאָר זיי האָבן געקאָנט אַ פֿרייע מינוט אָפּרייסן. אַנדערע פֿלעגן ברענגען פּעקלעך, מתּנות, ווידער אַנדערע פֿלעגן קומען איבערגעבן גרוסן פֿון עלטערן, פֿון פֿריינט, די מערסטע באַזוכער פֿלעגן קריגן די יידישע סאָלדאַטן.

עס פֿלעגן אויך אָנקומען פֿון שטאָט סוחרים מיט אַלערליי סחורות אין קעסטלעך, אין קוישן און אין זעק. זיי פֿלעגן זיך אויספּאַקן מיט ווייס פֿריש געבעקס, מיט לאַטקעס און פּלעצלעך, מיט פֿרוכט, מיט צוקערוואַרג און אַלערליי נאַשערייען, און עס האָט אויסגעזעען צרום דער קאַזאַרמע, ווי אַ גאַנצער יאַריד. דער שווערער שטויב פֿון די מאַטראַצן פֿלעגט זיך לייגן דיק אויף די מאכלים, אָבער נישט די פֿאַרקויפֿער און נישט די קויפֿער האָבן זיך וועגן דעם געקימערט.

געוויינלעך, זענען רוסישע סאָלדאַטן נישט קיין לייכטע קונדן און ווען איינער פֿון זיי באַשליסט זיך שוין אַמאָל צו „פֿאַרלעבן" אַ פּאָר קאָפּיקעס, וועט ער פֿריער זיך שלאָגן אַ האַלבע שעה מיט דער דעה, וואָס ער זאָל קויפֿן. ער וועט צוגיין צו איין קויש און באַטאַפּן די בולקעס, דאַן וועט ער צוגיין צו אַ צווייטן און אַריינשטופּן אַ פֿינגער אין אַ פּלעצל. דאַן, ווידער, וועט ער עקזאַמענירן די עפּל, די קעזלעך און אַלצדינג, וואָס די ליפֿעראַנטן מיט די גלאַנציקע קאָזיראָקעס האָבן נאָר אָנגעבראַכט פֿון שטאָט, און אַז ער האָט שוין ענדלעך באַשלאָסן אויף איין זאַך, וועט ער אײַנמיטן עסן חרטה האָבן, פֿאַרוואָס ער האָט בעסער נישט געקויפֿט אַן אַנדערע זאַך.

איבערהויפּט איז געווען אַ האַרטער קונה — לאַדונאָוו, אַ נאָוואָ־בראַנעץ פון צוויטן זוואָד. ער איז תמיד געווען דער ערשטער אַרומצו־גיין איבער די קוישן. ער פלעגט מאַכן אַ תל פון די בולקעס, קוועטשנ־דיק און טאַפּנדיק זיי, און ער פלעגט אַזוי אויך טון מיט די אַנדערע אַרטיקלען. אָבער קויפן עפּעס האָט אים קיינער נאָך קיינמאָל נישט גע־זען. „אַ שאָד דאָס געלט", פלעגט לאַדונאָוו שטענדיק זאָגן, ווען ער האָט שוין אַלץ צען מאָל איבערגעהאַלטן אין זיינע הענט, „בעסער שפּאָרן צו קאָנען קומען נאָך סלוזשבע אַהיים ווי אַ לייט".

די געהויבענע פלעגט מען קוים אין די אויגן אָנזען אין צייט פון „אובאָרקאַ", סיי אין דרויסן, סיי אין קאַזאַרמע. און צייטנווייז פלעגט מען גאָר פאַרגעסן, אַז מען איז אונטער אַ דיסציפּלין און זיך פילן ווי שקלאַפן, וואָס האָבן נאָר־וואָס זייער פרייהייט געקריגן. דער פריילעכער געטומל אַרום קאַזאַרמע, דאָס שלעפן היין און צוריק דאָס בעטגעוואַנט, דאָס רייניקן און לופטערן, פלעגט מיך דערמאַנען אָן די ערב פּסח פון מיינע קינדער־יאָרן און מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז עס שפּירט זיך פריי־לינג אין דער לופט.

נישט איין מאָל האָט אַ נאָגנדע בענקשאַפט מיך אַ צופּ געטון בײַ דער נשמה, זעענדיק ווי דער הימל שפּרייט זיך אַזוי פריי איבער די פאַרשנייעטע פעלדער, איבער די גרופּקעס הייזלעך, איבערן וואָקזאַל און די פּראַכט־שפּייכלערס, וואָס שטייען צווישן אַ געפלעכט פון גלאַנצי־קע רעלסן, אַריבערן ברייטן וועג אין טאָל אַנטקעגן. נישט איין מאָל האָב איך געהערט אַ שטימע אין זיך רופן: „אָט איז די פרייהייט! בלויז איייניקע טריט פון דיר. באַנען קומען און גייען, מענטשן קומען און פאָרן אָפּ, ווען זיי ווילן, ווו זיי ווילן. פּרוביר נאָר, וואָרים וואָס ווערט אַ מענטש פאַר זיין פרייהייט נישט טון?" איך פלעג אָבער די שטימע אַמאָל מיט אַ זיפץ און אַמאָל מיט אַ שטומען פאָרוורף ענט־פערן, זי זאָל מיך בעסער צורו לאָזן און נישט מאַכן מיין שיקזאַל שווע־רער צו פאַרטראָגן.

ווען דאָס בענקען פלעגט מיין האַרץ צו שטאַרק אָנגרייפן, פלעג איך ווי ווייט מעגלעך זען אויסמיידן דעם דרויסן. איך האָב בעסער פאָרגעצויגן צו טון שווערערע אַרבעט אין קאַזאַרמע; צו שאַרן די פּיס שעהן לאַנג איבער דער גליטשיקער פּאָדלאָגע און אַרוממאַרשירן היין

און צוריק, ביז די קניען פלעגן פארהלשן, אבי צו קאנען זיין מער מיט זיך. איך פלעג מיינע פיס לאזן טון די ארבעט און אליין ארומשוועבן אין די פרייסטע וועלטן, וואס מיין אומדערמידלעכע פאנטאזיע פלעגט פאר מיר אויסמאלן אין דער ווייטער ווייטקייט.

איין שבת, ארום סוף ווינטער, האט די זון אויסערגעוויינלעך העל געשיינט. א פרילינג-ווינטל האט מחיהדיק געבלאזן און דורך די ווייט פונאנדערגעעפנטע פענצטער האבן אריינגעשטראמט כוואליעס פרישע לופט. איך האב געפילט, ווי מיין הארץ ווערט אויפגעשפרונגען אין פראטעסט קעגן די קאזארמע-טיראנען און די גאנצע וואיענגע שקלאפעריי. איך האב מיט מיין גאנצן כוח זיך צוריקגעהאלטן נישט ארויסצוקוקן אין דרויסן, ווייל די ווייטע בלויקייט האט מיך באכשופט און האט ווי מיט צוואנגען מיך געצויגן צו דער פרייהייט. פון וועלכער מער ווי חלומען האב איך נישט געטארט.

אזוי גיך ווי מיר האבן אלץ טון קאזארמע אינדרויסן ארויסגעטראגן, בין איך צוריק ארויף אויבן און זיך אנגעשלאסן אן די פאדלאגעוואשער. איך האב פשוט געוואלט זיך פארנעמען מיט א שווערער, מאנאטאנער ארבעט, כדי מיינע געדאנקען זאלן קאנען א ווייל ע פריי זיין. ווען דער גרויסער שטח פון דער פאדלאגע איז געווען באשפריצט מיט וואסער און דיקלעך מיט פאלאווינעס באשאטן, האב איך באפעסטיקט א פאר פרישע בעזעמלעך צו מיינע פאדעשוועס און אין א רייע מיט זעקס אנדערע גענומען מארשירן הין און צוריק, אמאל גליטשנדיק און אמאל שארנדיק מיט די פיס, פון איין קאזארמע צו דער צווייטער. באלד האבן מיר זיך אלע פאר די הענט גענומען און איינער פון דער קאמפאניע האט גענומען זינגען א פריילעך ליד. אלע האבן מיטגעהאלפן און די קאזארמע איז פול געווארן מיט לוסטיק געזאנג. זינגענדיק האבן די פיס באוועגט זיך גאר לייכטער געשארט און עס האט אויסגעזען ווי עס וואלט אינגאנצן נישט מער ווי א שפילעכל געווען.

אבער באלד איז מען פון די פריילעכע לידער מיט די שטיפעריש ווילינגערישע סאלדאטן מעלאדיען אריבערגעגאנגען צו ערנסטע, הארצרייסנדע נגונים און די אטמאספערע איז געווארן שווער און דריקענד און א קלעמעניש האט מיין הארץ ארומגענומען.

לאנגזאמער, לאנגזאמער איז אונזער מארש וואס אמאל געווארן.

שווערער און מידער האָבן אונזערע פּיס וואָס ווייטער געשאַרט די בינטלעך ריטער אויף דער פּייכטער פּאָדלאָגע און וואָס נידעריקער די זון האָט זיך גענומען זעצן אינדרויסן, אַלץ מער ערנסטער האָבן די געזיכטער פון מיינע חברים אויסגעזעען. די מילדע, פּאַרנאַכטיקע ערב־פריילינג־לופט האָט אַ מאָדנעם אומעט אויף אַלעמען אַרויפגעצויגן.

ענדלעך האָט דאָס זינגען אינגאַנצן אויפגעהערט און שטיל, האַלב פאַרטראַכט, האָט די רייע מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ זיך גערוקט פון איין עק קאַזאַרמע צום צווייטן.

די פּאָדלאָגע איז וואָס אַמאָל אַלץ ריינער געוואָרן און ערטערווייז, ווו די פּאַלאָווינעס זענען געווען אַוועקגעשאַרט, האָט אַרויסגעקוקט אַ געלקייט ווי פון פרישן וואַקס, אָבער אויפהערן האָבן מיר נישט געטאָרט, ביז עמעצער פון די געהויבענע וועט אונז געבן דעם באַפעל.

די פּיס זענען מיר געווען שרעקלעך מיד און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די בעזעמלעך, וואָס זענען געווען שוין שטאַרק אויסגעריבן, זענען צוגעוואַקסן צו מיינע שטיוול. איך האָב געפילט הייס איבערן גאַנצן קערפּער און טראָפּנס שווייס האָבן פון צייט־צו־צייט באַדעקט מיין שטערן.

איך האָב אַרויסגענומען מיין קליין ביכעלע פון קעשענע, אין וועלכן איך פלעג יעדן טאָג אַ בלעטל מיט אַ קרייץ באַצייכענען, אַלס סימן, אַז איך האָב אַ טאָג איבערגעפּטרט, האָב גענומען ציילן די געצייכנטע בלעטלעך און מיר האָט זיך כמעט נישט געוואָלט גלייבן. ווען איך האָב אָפּגעציילט פינף און ניינציק. עס איז מיר אַריבער אַ שוידער איבערן לייב: פינף און ניינציק טעג געפּטרט, אין דער צייט, וואָס איין איינציקע מינוט ציט זיך אַמאָל אויס ווי אַ גרוי, אַמע אייביקייט? עס האָט זיך מיר גאָרנישט געוואָלט גלייבן, אַז איך זאָל האָבן געקאָנט דורכמאַכן אַזאַ לאַנגע אומגלייבלעך דערנידעריקנדע שקלאַפעריי, און האָב באַלד מיט שרעק גענומען טראַכטן, אַז די קאַזאַרמע האָט פון מיר אַ גאַנץ אַנדערן מענטש געמאַכט און אַז פון מיין געוועזענעם פרייען „איך" איז שוין גאָרנישט מער געבליבן.

ערשט דאַן האָב איך דערפילט, ווי מיד מיינע פּיס זענען געווען.

אין די אַנדערע זוואָדן האָט מען שוין גענומען צונויפקערן די

פּאָלאָווינעס, אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ געשאַרט מיט די פיס. מיר האָבן געמוזט וואַרטן אויף אַ באַפעל פון אַ נאַטשאַלניק.

זיך שאַרנדיק אַזוי מיט די לעצטע כוחות איבערן פּאָל, האָב איך מיט אַמאָל, אין דער אָפענער טיר, דערזען אַ פּיין געקליידט יונג פּאָר אַריינקומען. איך האָב די אויגן שנעל אַרונטערגעלאָזט און מיט פאַרשטיקטן זיפץ פאָרגעזעצט מיין אַרבעט.

די געסט זענען אַ ווײַלע געשטאַנען אין טיר און זיך אַרומגעקוקט איבער דער קאַזאַרמע, ווי זיי וואָלטן געזוכט עמעצן צו דערקענען. דאַן זענען זיי צוגעטרעטן נענטער און זיך געווענדט צום ערשטן סאָלדאַט, וואָס איז זיי אַנטקעגנגעקומען.

דער סאָלדאַט האָט זיי אָנגעצייגט אויף מיין זוואָד און האָט אויסגעשריגן :

— איז דאַשקין דאָ ?

מיין פאַרשטעלונגס-קראַפט האָט מיך ווי מיט געוואַלט גענומען שלעפּן אַהיים, צו מיין ליבער פאַמיליע, צו מיינע הונדערטער פריינט, צו די טעאַטערן, צו די קאָנצערט-זאַלן, צו די שפּאַציר-גערטנער און טראַטואַרן, וווּ איך פלעג אין אָנגענעמער געזעלשאַפט די אָוונטן פאַרברענגען. מיינע באַקאַנטע מיידלעך זענען איינע נאָך די אַנדערע פונדערוווייטנס, אין מיין פאַנטאַזיע מיר פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיר צוגעוואָרפן פריינטלעכע בליקן און שמייכלענדיק פאַרשווונדן איינע נאָך די אַנדערע.

איך האָב זיך באַלד אַרומגעזען, אַז איך בין אָפּגעשטאַנען פון דער ריי און האָב, נאָך האַלב אין פאַנטאַזיעס פאַרזונקען, גענומען מאַכן ברייטערע שפּרייזן אָנצוייאָגן מיינע קאַזאַרמע-חברים.

איך האָב אָפּגעשטעפּט די בעזעמלעך פון מיינע שטיוול און מיט אַ שטאַרקער אומצופרידנהייט, ווישנדיק זיך דעם שוויס פון פּנים, בין איך געגאַנגען מקבל פּנים זיין מיינע אומבאַקאַנטע באַזוכער.

— זענט איר דאָס דאַשקין פון ל ? — האָט די יונגע דאַמע געפרעגט, באַטראַכטנדיק מיך מיט אַ מיטליידפולע מינע.

איך האָב געענטפערט מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל און אַריינגעבעטן מיינע באַזוכער אין „רוקאָמאָיניק״, ווו באַשקאָ אין כאַבידולין

האָבן מיט פאַרקאַשערטע הענט געשייערט דעם גרויסן קופּערנעם וואַש־בעקן.

איך האָב באַלד דערפאַרן, אַז דער יונגערמאַן און די יונגע דאַמע זענען די קינדער פון מיין פּאַטערס אַ יוגנט־פריינט פון ס, וועלכע פאָרן עס איצט נאָך ל. און אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעטרעטן אַ פּאָר סטאַנ־ציעס, צו קאָנען ברענגען מיינע עלטערן אַ ריכטיקן גרוס פון מיר.

פאַרן אַוועקגיין האָבן מיינע באַזוכער מיר געמוזט געבן, האַנט, אַז זיי וועלן נישט דערציילן מיין מאַמען, אַז זיי האָבן מיך געטראָפן וואַשנדיק די פּאָדלאָגע.

אין „ראַזריאַד שטראָפּאָוואַניך"

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין קאַזאַרמע, האָב איך באַמערקט אויף דער וואַנט, איבער דעם פעלדפעבלס קאָיקע, אַ קליינע שוואַרצע ראַמקע, אין וועלכער עס איז געווען איינגעפּאַסט, אונטער אַ גרינלעך געשטופּלט גלאָז, אַ געלבלעך פּאַפּיר מיט פּאָלגנדן אינהאַלט, געשריבן מיט רויטע טינט:

„ראַזריאַד שטראָפּאָוואַניך: איוואַן אימפּאָליטאָוו, פון יאָר... און סערגיי מאָראָזאָוו פון יאָר"...

איך האָב זיך אפילו גלייך אָנגעשטויסן, וואָס דער אויפשריפט מיינט, נאָר כדי צו וויסן געגנוי, האָב איך באַ דער ערשטער געלעגנהייט געפרעגט וועגן דעם דעם ראָטנעם שניידער.

— דאָס זענען די נעמען פון די סאָלדאַטן אין ראָטע, וועלכע מען האָט געשטעלט פּאָד סוד, — האָט דער ראָטנער שניידער געענטפערט מיט אַן אויטאָריטאַטיוון טאָן. — זיי זענען פאַררעכנט פאַר פאַרזינדיקטע און מען קאָן זיי מכבד זיין מיט שמיץ אָדער שיקן אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן פאַר דער קלענסטער האָר.

פאַרוואָס מען האָט די צוויי געשטעלט „פּאָד סוד", האָט דער ראָטנער שניידער אַליין אויך נישט געוווּסט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אָנגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער ווי זיי און דאָס באַ זיין אָנקומען זענען זיי ביידע געווען אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך דערפאַרן, אַז מאָראָזאָוו איז דאָס מיין נאָענטער שכן, וועלכער וועקט מיך אויף פון שלאָף צען מאָל אַ נאַכט מיט זיין אומגעלומפּערט כראָפּען.

אָנקוקנדיק מאַראַזאָוון, האָט מען גלייך געקאָנט זעען, אַז ער איז פֿון די, וועלכע האָבן נישט קיין דרך־ארץ פֿאַר געזעץ און שרעקן זיך נישט אָפּ פֿאַר שטראָף. פֿון זיינע קליינע גרויע אייגעלעך האָט אַרויסגעקוקט אַ טיערישע ווילדקייט און די פֿאַרביסענע געלע ציין, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פֿון זיינע דיקע האַלב־אָפֿענע ליפּן, האָבן געוואָרפֿן אַ מורא אַרום זיך. איבערן רעכטן אויג האָט ער געהאַט אַ ברייטן שניט, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ האַלבע ברעם און אַ טיפֿער שניט, קענטיק אַ גאַנץ אַלטער, האָט זיך געצויגן פֿון זיין לינק אויער איבער דער גאַנצער לענג פֿון האַלדז.

די געהויבענע זענען, ווי עס האָט אויסגעזעען, שוין געווען מיד צו האָבן מיט אים צו טון און האָבן זיך פֿיל מאָל פֿאַרקוקט אָן אַ זייט, ווען ער פֿלעגט פּראַוון זיינע ווילדע שטיק. דער זוואָדנער וויעראָווקין האָט זיך אַלץ געטרייסט, אַז נאָכן לאַגער וועט מען שוין פֿון אים פּטור ווערן אינגאַנצן.

„פּאָד סוד" איז מאַראָזאָוו געשטעלט געוואָרן פֿאַר באַגיין אַ גנבה אין דער צייט, וואָס ער איז געשטאַנען אויף „קאַראַול". זיין פּאָסט איז אויסגעקומען נישט ווייט פֿון די אָפֿיצערסקע קוואַרטירן. עס איז געווען אַ פֿינצטערער, רעגנדיקער אָוונט. ער האָט באַמערקט ווי פֿון איין קוואַרטיר זענען צוויי אָפֿיצירן אַרויס און האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער שטאָט. ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן אַזוי גיך נישט צוריקקומען און ער האָט פֿאַר זיך געזעען אַ טייערע געלעגנהייט צו „פּאַצאַפּען" עפּעס רעכטס. ער האָט פֿיל נישט געטראַכט, האָט פֿאַרלאָזט די פּאָסט און אייניקע מינוט שפּעטער איז ער אַריין דורכן פֿענצטער אין דער אָפֿיצערסקער וווינונג.

נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעטרייסלט אַלע שופֿלאָדן און אָנגעפּאַקט פֿולע קעשענעס מיט קליינע ווערטפֿולע אַרטיקלען, האָט מאַראָזאָוו אין אַ ווינקל דערזעען אַ קאַסטן מיט פֿלעשער וויין און ספּירט. ער האָט זיך אויף דעם אַ וואָרף געטון מיט התלהבות, האָט גענומען זופּן פֿון די פֿלעשער ביז עס האָט זיך אים גענומען דרייען דער קאָפּ און ער איז אַנידערגעפֿאַלן ווי אַ קלאָץ, זיך אָנשלאָגנדיק מיטן שטערן אָן ברעג קאַסטן.

זיין שווערער פֿאַל האָט אויפֿגעוועקט דעם „דענשטשיק", וואָס איז

אין קאָרידאָר געשלאָפן. עס איז געוואָרן א טרעוואָגע און מאַראַזאָוו איז באַלד געלעגן געבונדן הענט און פיס.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי מען האָט אים פאַרלאָטעט דעם שטערן אין אָקאָלאָדאָק, האָט מען מאַראַזאָוון פאַרשפאַרט אין א פינצטערן קאַר־צער, ווו מען האָט אים געהאַלטן אייניקע טעג אויף טרוקן ברויט. דאַן האָט מען אים געברענגט אין וואָיענגעם סוד און פאַראורטיילט אויף א יאָר אין „דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן".

דעם אמתן טעם פון דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן קאָנען וויסן נאָר די, וואָס האָבן עס פאַרזוכט, נאָר פון וואָס מען פלעגט אין קאַזאַרמע זיך אָנהערן, מוז דאָרט זיין ערגער ווי שרעקלעך. די דיסציפּלין איז דאָרט אַזוי מוראדיק שטרענג, אַז פיל קאָנען עס נישט אַריבער־טראָגן.

אַלע בא אונז אין קאַזאַרמע האָבן געוווּסט פון דעם פאַקט מיטן סאָלדאַט, וואָס איז פאַרשמיסן געוואָרן אויף טויט אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן און פון א צווייטן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אַריינגעשטאָכן א שטיקע אין האַלז פטור צו ווערן פון דער שרעקלעכער מוטשעניגע.

בא מאַראַזאָוון האָבן אָבער אַלע שרעקנס פון דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן קיין באַטרעף געהאַט. אין פאַרלויף פונם יאָר, וואָס ער איז דאָרט געווען, איז ער א סך פאַרברעכנס באַגאַנגען און האָט שרעקלעכע שטראָפן באַקומען, וואָס אַנדערע אויף זיין פּלאַץ וואָלטן געוויס נישט אַריבערגעטראָגן.

ער פלעגט זיך אָפט באַרימען פאַר אונז נאָוואָבראַנצעס, אַז פון אים האָט די נאַטשאַלסטוואָ פון דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן געהאַט די גרעסטע צרות. איינמאָל, האָט ער אונז מיט שטאָלץ דערציילט, האָט מען אים אין איין וואָך מכבד געווען צוויי מאָל מיט ריטער און אויף מאָרגן נאָך די צווייטע שמיץ האָט ער דערלאַנגט א געהויבענעם מיט א ברעט איבערן קאָפּ.

נישט איינמאָל האָט מאַראַזאָוו זיך אויסגעלאַכט פון אימפּאָליטאָוון. „אויך מיר א העלד", פלעגט ער זאָגן, „א מענטשל, וואָס שרייט ווען מען בײט אים שמיץ!" ער פלעגט זאָגן, און נישט מיט ווייניק ערנסט, אַז ווען ער דערזעט זיין נאָמען צוזאַמען מיט אימפּאָליטאָווס איינגעפּאַסט אין ראַמ־קע, פילט ער ווי מען וואָלט אים האַלטן פאַר אַזא נעבעכקע ווי יענעם.

ווען די צוויי פלעגן זיך צוזאמענטרעפן, פלעגן זיי זיך אנקוקן ווי בייזע הענער. אימפאליטאוו פלעגט זוכן זיין חבר אויסצומיידן, אָבער מאראזאוו פלעגט אים פארשטעלן דעם וועג און שפּאטיש אויסרופן: „בלאסער העלד מיינער! אויך מיר א סאלדאט פארן ראוריאד שטראפּאוואניק!"

אימפּאליטאוו איז געווען זייער שלאנק געבויט און האט געהאט א שמאל, בלאס-געל געזיכט ווי פון א מענטש, וואס האלט שטענדיק אין ליידן. זיינע ברוינע, ווייכע אויגן האבן אויסגעקוקט האלב פארטראכט, האלב דערשראקן, און כמעט שטענדיק פלעגט ער מיט זיי קוקן ארונטער. אויף זיינע דינע, פארפרעסטע ליפן האט געשוועבט אן איינגעהאלטענע איראניע און זיין אויסזעען אין אלגעמיין איז נישט געווען פון קיין רוס. מען האט אים גיכער געקאנט נעמען פאר א ייד אדער טאטאר.

אין ראטע האבן אים אלע געהאלטן פאר אן „אבראזאוועניעם", און ווען די קלענערע געהויבענע האבן זיך אמאל געשפארט וועגן עפּעס, וואס האט צו טון מיט דער וועלט אין אלגעמיין, האט מען זיך געווענדט צו אים פאר אן אנטשיידונג. דער פעלדפעבל אליין האט א סך מאל צוגעגעבן, אז אימפּאליטאוו ווייסט פון זאכן, וואס האבן פּאסירט אפשר פאר טויזנט יאר.

די פרייע צייט פלעגט אימפּאליטאוו שטענדיק פארברענגען מיט זיך אליין. גאנץ אפט פלעגט ער לייענען א בוך אדער א צייטונג, וואס ער האט געקריגן פון עמעצן געליען, אָבער מערסטנטיילס איז ער אפּגעזעסן אויפן ברעג פון זיין קאיקע און גלייכגילטיק צוגעקוקט, וואס עס קומט פאר אין קאזארמע.

וואס מער איך האב אים געזעען, אלץ אינטערעסאנטער איז אימפּאליטאוו פאר מיר געווארן. איך האב געפילט ווי אנצוקניפּן א באקאנטשאפט מיט אים און מיר האט זיך געדאכט, אז אויך ער האט א געוויסן אינטערעס אין מיר און זוכט א געלעגנהייט מיט מיר באקאנט צו ווערן.

איינמאל, א זונטיק נאכמיטאג, ווען די גרעסטע טייל נאוואבראנצעס איז אוועק צוזאמען מיט די אלטע סאלדאטן מיט דער „קאמאנדא" אין שטאט און אין קאזארמע איז געווען שטיל ווי נאך א חתונה, בין איך ארײַן אין „רוקאמאניק" און זיך אוועקגעזעצט באם פענצטער, דורך וועלכן

מען האָט געקאָנט זעען דעם וואָקזאַל און די טייל שטאָט, וואָס אַרום. איך בין אַזוי געזעסן פאַרטראַכט אַ קורצע צייט, ווען איך האָב מיטאַמאָל דערפילט אַ האַנט אויף מיין שולטער. איך האָב זיך אומגעדרייט און דערזעען לעבן מיר אימפּאָליטאָוון.

אַ שוואַכע רויטקייט האָט באַצויגן זיין פּנים, ווען איך האָב אים האַלב איבערראַשט, האַלב פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. אייניקע סעקונדן זענען מיר אַזוי געשטאַנען שטיל איינער לעבן אַנדערן. ענדלעך האָט ער אין אַ שטילן טאָן אָנגעהויבן:

— איך גלייב, מיר פאַרשטייען זיך פיל ווייניק און מיר זענען שוין שטיקלעך פריינט, כאָטש מיר האָבן נאָך קיין געלעגנהייט נישט געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט איינער צום אַנדערן?

עס האָט זיך פאַרוויקלט צווישן אונז אַ געשפּרעך איבער דער „סאָלדאַטשינאַ" און איבער אַלגעמיינע זאַכן און איך האָב באַלד איינגעזעען, אַז אימפּאָליטאָוו באַזיצט אַ סך אינטעליגענץ און אַ פיינע, איידעלע נשמה. מיר האָבן אַזוי גערעדט און געשמועסט אַ לאַנגע צייט, ביז עס האָט זיך דערזעען פון ווייטנס די „קאָמאַנדאָ" צוריקקומען פון שטאָט.

מיין נייער חבר האָט אַ ווילע פאַרטראַכטערהייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, דאַן האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ קרענקלעך שמייכעלע:

— דו ווייסט דאָך מסתּמא, אַז איך בין אַ שטיקל יחסן אין ראָטע?

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— און שמיץ האָב איך אויך געקריגן — האָט ער מיט איראָניע צוגעלייגט — נאָר דאַרפסט זיך מיט מיר נישט שעמען. איך בין נישט קיין מאַראַזאָוו, כאָטש מיר געהערן אין איין ראָזוריאַד.

אימפּאָליטאָוו האָט מיר דאַן דערציילט דאָס פאָלגנדע:

— איך קום פון אַ דוואָריאַנסקע פאַמיליע. מיין פאָטער איז אַ וווילהאָבנדער פּאָמיעשטשיק אין טיף רוסלאַנד, און איך אַזוי ווי מיינע איבעריקע שוועסטער און ברידער האָבן געקריגן אַ גאַנץ גוטע דערציונג. איך האָב געענדיקט אַ שול און האָב געזאָלט שטודירן ווייטער, נאָר מיין שחאַך געזונט האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן.

„אין סלוזשבע בין איך אָנגעקומען אַלס פּראָסטער סאָלדאַט, כאָטש

איך האָב זיך געקאָנט אָנגעבן אַלס „וואָלני אָפּרידעליאיושצי" און דאָדורך פאַרשפּאָרן אַ יאָר דינסט. איך האָב געהאַלטן פאַר אַן עוולה זיך אויסצונוצן מיט אַ פּריווילעגיע, וואָס די גרויסע מאַסן פון אונזער פאָלק קאָנען נישט האָבן.

„ווען איך האָב דערזעען די אכזריותדיקע באַהאַנדלונג פון די נאַטשאַלניקעס, איבערהויפּט די מוזשיקעס, וואָס האָבן זיך דערדינט צו אַ פּאָר בענדלעך, וועלכע טרעטן איינפאַך מיט די פיס אויף די געפילן פון די יונגע סאָלדאַטן, האָב איך זיך געפילט שרעקלעך עמפּערט. איך האָב אָבער פאַרביסן מיט די ליפּן, אַזוי ווי דו און אַלע אַנדערע האָבן געטון און טוען עס, און געליטן און געדולדעט גלייך מיט אַלעמען. נישט איין מאָל האָט מיין האַנט זיך שיער אויפגעהויבן אַריינצופּאָרן אין די ציין אַ יעפרייטער אָדער וואָדנעם פאַר לייגן אַ האַנט אויף מיר. נישט איין מאָל האָב איך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג זיך צוריקגעהאַלטן, נישט צו געבן אַ פּאָרציע אַ געהויבענעם, אַז דאָס שוואַרץ יאָר זאָל אים צונעמען. איך האָב אָבער געזען, אַז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען און האָב געליטן ווי ווייט איך האָב געקאָנט.

„איינמאָל, עס איז געווען פאַרן ערשטן לאַגער, נאָך „פערעסטרעלקע", האָט מיין יעפרייטער געפונען עפּעס אַ „פּריטשעפּקע" אויף מיר, צוליב מיין ביקס, וועלכע איז נאָך זיין מיינונג נישט געווען גוט אויסגערייניקט, און האָט מיר דערלאַנגט צוויי פּעטש. איך האָב שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן דעם טעם פון אַ פּאַטש, און דערפילנדיק די שווערע לאַפּע אויף מיין געזיכט, בין איך געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. איך האָב אים געוואָלט געבן צוריק. נאָר איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן אין דער צייט. איך האָב זיך דערמאַנט אָן אוקאַז, וואָס פאַרבאָט צו שלאָגן אַ סאָלדאַט און האָב געזאָגט דעם יעפרייטער ער זאָל עס „דאָלאָזשען" צום פאָרגעזעצטן נאַטשאַלניק. דער יעפרייטער האָט מיר דערלאַנגט נאָך אַ פּאַטש און האָט מיך געהייסן גיין צום אונטעראָפיציר איבערצוגעבן די „מסירה" ווי ער האָט עס אָנגערופן. דער אונטעראָפיציר האָט אויסגעהערט, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן. ער האָט זיך דאַן פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול, מיך מכבד געווען מיט זיינס אַ פּאַטש און אָפּגעשיקט צום וואָדנעם, צו „דאָלאָזשען" אויף אים. קורץ און גוט, איין געהויבענער האָט מיך אַזוי געשיקט צום צווייטן, מיטגעבנדיק אַ פּאַטש אויפן

וועג צו מעלדן אויף אים אויפן פאָרגעזעצטן נאטשאַלניק, ביז איך בין אזוי אָנגעקומען צום פּאָל־ראָטנעם קאָמאַנדיר. דאָ, האָב איך געמיינט, וועל איך זיך שוין אָפּרעכענען מיט אַלעמען.

„דער פּאָל־ראָטנער האָט מיך מיט אַ סאַרקאַסטישער מינע אויסגע־הערט און ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער מיר אַרונטערגעלאָזט אַ פּאַטש, וואָס האָט איבערגעשטייגט די אַלע, וואָס איך האָב פריער גע־קריגן. דאַן האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און געהייסן גיין „דאַלאָזשען" אויף אים צום ראָטנע־קאָמאַנדיר.

„אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען אַ פאַרטומלטער, אָבער מיטאַמאָל האָט מיך אַן אימפּעט אַ צופּ געטון און איך האָב באַלד דערהערט אַ קלונג פון אַ פּאַטש, וואָס איך האָב מיט מיין גאַנצן כּוח אַרונטערגעלאָזט אויפן אָפיצירס פּנים.

„וואָס נאָכדעם איז געווען, איז איבעריק צו דערציילן. אין צוויי וואָכן אַרום בין איך שוין געווען אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן און וואָס איך בין אין דעמדאָזיקן גיהנום איבערגעקומען אין פאַרלויף פון אַ פול יאָר, איז פּשוט אוממעגלעך אין ווערטער איבערצוגעבן.

סאָלדאַטן אַמוזירן זיך

אַ כמורנער שבת פאַרנאַכט.

דער פראָסט האָט נאָר-וואָס געפּלאַצט, פרישער שניי שפּירט זיך אין דער לופט און אַ געהיימנישפולע גרויקייט לייגט זיך ווייך איבער אַלץ אַרום. די ביימער און הייזער באַם ברעג גאָשצינעץ שטייען ווי פאַרקלעקט, זיי ווערן ביסלעכווייז פאַרשלונגען פון דער טונקעלער גרויקייט, רויטע, פאַרזשמורעטע פייערלעך הייבן אָן איינע נאָך די אַנדערע זיך צו באַווייזן דאָ און דאָרט.

אין קאַזאַרמע הערשט אַ געמישטע שטימונג. אייניקע נאָוואָבראַנצעס ליגן אויסגעצויגן אויף די קאָיקעס, מיד פון דער שווערער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אין דער „אובאָרקאַ" אַריינגעטון; אייניקע זיצן אין רוּקאָמאָניק און לאָזן זיך וווילגיין מיטן רויך פון מאַכאָרקע-טאַבאַק; אַנדערע נוצן אויס די פרייע צייט אויף שרייבן בריוו אַהיים און ווידער אַנדערע האָבן זיך פאַרקליבן אַרום די געהויבענע און אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרמירט אַ גרופּע אין צווייטן זוואָד און געמאַכט הכנות צום פאַרברענגען דעם אָוונט. דער יעפרייטאָר מומין איז געזעסן אין אַ ווינקל און אויסגעשפּילט אויף זיין האַרמאָניקע עפּעס אַן אומעטיקע מעלאָדיע און אַ פּאָר סאָלדאַטן, וואָס זענען קעגנאיבער אים אויף אַ קאָיקע געזעסן, האָבן אונטער דער נאָז צוגעברומט, נאָכהאַלטנדיק דעם ניגון, וואָס די האַרמאָניקע האָט אַרויסגעגעבן.

מיטאַמאָל האָט מומין אונטערבראָכן דעם אומעטיקן ניגון און האָט גענומען שפּילן אַ „קאָמאַרינסקאַ". אין איין אויגנבליק איז די קאַזאַרמע פול געוואָרן מיט לוסטיקייט. דער אונטעראָפיציר פלעטניאָוו האָט פאַר-

וואָרפן די הענט אויף די זייטן, האָט זיך צערונטערגעלאָזט אין אַ זיצנ־דער פּאָזיציע און גענומען וואַרפן די פיס אין דער לופט צום טאַקט פון דער התלהבותדיקער מוזיק. אַ קרייז האָט זיך באַלד געבילדעט אַרום טענצער און אַ פּאַטשעריי צום טאַקט פון דער מוזיק האָט די קאַזאַרמע פאַרהילכט.

פּלעטניאָוו האָט געוויזן געוואַלדיקע גדלות אין דעמדאָזיקן טאַנץ. ער האָט ווי אין דער לופט געשוועבט. עס האָט אויסגעוויזן, ווי ער רירט מיט זיינע פיס די פּאָדלאָגע נישט אָן און די פּאָזיציע פון זיין קערפּער און די האַלטונג פון זיין קאָפּ זענען געווען פול מיט חן.

— הוראַ! בראַוואָ! — האָבן די צושויער אויסגעשריגן, ווען דער טענצער האָט מיטאַמאָל זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד און ווי אַ רוח זיך געטראָגן, פּונקט ווי זיינע פיס וואָלטן פליגלען געווען. דאָס פּאַטשעריי איז שטאַרקער געוואָרן און די האַרמאָניקע האָט זיך געריסן אויף אירע העכסטע טענער, כדי די מוזיק זאָל נישט פאַרשלונגען ווערן אין טומל. די נאָוואָבראַנצעס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע ווינק־לען קאַזאַרמע און עס איז געוואָרן אַ ליאַרם און אַ גערודער, אַז מען האָט געקאָנט מער פאַרטויבט ווערן.

ווען פּלעטניאָוו האָט זיך אויפגעהויבן, האָט דער יעפרייטער מי־טשורין גענומען טאַנצן די קאַמאַרינסקע, אים איז אָבער נישט געראָטן אַזוי גוט ווי זיין חבר. דער אָטעם איז אים באַלד געוואָרן קורץ און זיינע פיס האָבן זיך באַוועגט שווער און געטראָפן שטענדיק מיט די פּאָדקאָוועס, ווען זיי האָבן די פּאָדלאָגע באַרירט. מומין האָט פאַרלוירן דעם חשק צום שפּילן און די טענער פון דער האַרמאָניקע האָבן געקלונגען קאַלט און אָפּגעבראָכן. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן פון צייט־צו־צייט צוגע־פּאַטשט צום טאַקט, אונטערצוואַרעמען דעם שפּילער און דעם טענצער, עס האָט אָבער גאָר ווייניק געהאָלפן. מיטשורין האָט איינגעזען, אַז נאָך פּלעטניאָוון קאָן ער קיין דערפאָלג נישט מאַכן מיט זיין טאַנצן און האָט באַלד אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר עמעצן אַנדערש.

אַ שעה נאָכאַנאַנד האָט מומין געהאַלטן אין איין שפּילן: טראַ־ראַ־ראַ־ראַ־ראַ טראַטאַטאַטאַ טאַ־טאַ טאַ־טאַ־טאַ און איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך די טענצער געביטן. אַנדערע ערגער, אַנדערע בעסער, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צו פּלעטניאָוון. דער עולם

האָט געגומען שרייען: „פּלעטניאָוו! פּלעטניאָוו נאָך איין מאָל!" און דער זעלבסטצופרידענער אונטעראָפיציר האָט מיט מער פייער ווי פריער געטאַנצט די קאַמאַרינסקע, ביז דער עולם האָט פון התלהבות אים אַ כאַפּ געטון אין מיטן טאַנץ און געהויבן איבער די קעפּ מיט אַ הורא, פון וועלכן די ווענט האָבן געציטערט.

ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט זאַבאַטוכין געגעבן קאָנצערט אויף פייפן. ער האָט אַריינגעטון פיר פינגער, צו צוויי פון יעדער האַנט, אין ביידע ווינקלען פון מויל און מיט אַ פייפעריי, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן, אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע קאַזאַרמע־נגונים, אומעטיקע ווי פריילעכע.

נאָך דעם האָבן צוויי סאָלדאַטן, איינער אַן אַלטער און דער צווייטער אַ נאָוואָבראַנעץ, פאָרגעשטעלט „טריאַטער". דער אַלטער סאָלדאַט איז געגאַנגען אויף די הענט, האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און געמאַכט אַנדערע אַקראָבאַטישע שטיק, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס בייפאַל. דער נאָוואָבראַנעץ האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ שיכורער גייט איבער אַ „קלאַדקע", מיט וואָס ער האָט שטאַרק אויסגענומען באַם עולם און ער האָט געמוזט ווייזן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געקאָנט.

דער יעפרייטער מיטשורין האָט געוויזן קונצן מיט קאָרטן און ווער נאָר אַנדערש עס האָט נאָר געקאָנט עפּעס לאָזן זעען אָדער הערן, האָט בייגעטראָגן צו דער פאָרשטעלונג. די צושויער זענען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט און פיל פון זיי, מערסטנטיילס נאָוואָבראַנצעס, האָבן פשוט אָנגעקוואָלן פון נחת.

— אמתער טריאַטער, יעי באָגו! — האָט בוליגאַ אויסגערופן און האָט אויסגעשטשירעט זיינע קרומע גרויסע ציין.

די „אַרטיסטן" האָבן זיך אָבער באַלד אויסגענומען און די אָנפירער האָבן געקלערט, וואָס מען זאָל ווייטער טון. אַלע האָבן זיך געפילט יום־טובדיק געשטימט און קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקגיין פון פריילעכן ווינקל.

— לאָמיר שפּילן אין בלינדע פעטש — האָט מומין אויסגערופן, אַוועקלייגנדיק זיין האַרמאָניקע.

די קאַזאַרמע איז באַלד פאַרהילכט געוואָרן פון אַ געשריי: „בלינדע פעטש, בלינדע פעטש!"

— יעי באַגו, מומין איז אַ חכם, — האָבן זיך געהערט מערערע שטימען אין דעם טומל. אַ פּאָר האָבן פאַר גרויס התפעלות געמאַכט „מי שברך" מומינס מאַמען.

— דאָס איז פּאַקראַיני מירא אַ שפּיל — האָט זוואָדנער וויעראַוו-קין אויסגערופן מיט אַ כוונה. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין שאַפקע, האָט טועם געווען פון אַ מאַנאַפּאָל-פּלעשל און פּאַסמאַקעווענדיק זיך, איז ער באַלד צוריק צוגעקומען צו דער לוסטיקער טאַלפּא.

— ווער לייגט זיך צוערשט ? — האָט פּלעטניאָוו, וואָס האָט גע-פירט דאָס גאַנצע רעדל, אויסגערופן.

— לאָמיר ציען קניפּלעך, — האָט איינער פון עולם פאָרגעשלאָגן.

— קניפּלעך, קניפּלעך — האָבן אַלע געגומען שרייען אין איין קול.

— נאַוואָבראַנצעס זענען אויסגעשלאָסן — האָט פּלעטניאָוו אויס-געשריגן. נאָר נאַטשאַלניקעס און אַלטע סאָלדאַטן קאָנען זיך באַטייליקן אין שפּיל.

די נאַוואָבראַנצעס האָבן זיך גענומען אָפּרוקן מיט אָראָפּגעלאָזטע נעז און מען האָט גענומען ציען קניפּלעך, ווער עס זאָל זיך לייגן דער ערשטער.

אויף מאַקלאַקאָוון איז אויסגעפאַלן צו זיין דער ערשטער קרבן.

דער פעטער, אַנגעגאַסענער סאָלדאַט האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער שאַפקע און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין אַ קישעלע.

זוואָדנער וויעראָוווקין האָט אַרונטערגעלאָזט דעם ערשטן פּאַטש און געוואַרט מאַקלאַקאָוו זאָל טרעפן.

— מיטשורין ! — האָט מאַקלאַקאָוו אויסגערופן נאָך אַ קורצן גאָב-דענקען.

— ניין ! — האָבן אַלע געשריגן און וויעראָוווקין האָט אַרונטער-געלאָזט אַ צווייטן פּאַטש.

— מומין ! — האָט דער געפּאַטשטער סאָלדאַט פּרובירט טרעפן.

— ניין ! — האָט דער גאַנצער עולם געשריגן.

נאָך וויעראָוווקינען האָט מיטשורין אַרייַנגעוואָרפן אַ פּאָר פּעטש און דאַן זוואָדנער גאָלובאָוו, וועמענס פּאַטש מאַקלאַקאָוו האָט גלייך דערקענט.

גאָלובאָו האָט באַלד פאַרנומען מאַקלאַקאָווס פּלאַץ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַע סדרה פון פעטש.

דער דריטער קרבן איז געווען פּלעטניאָוו, וועלכער איז מיטן ערשטן פּאַטש אַריינגעפאַלן.

פּלעטניאָוו האָט אייגנטלעך געוווּסט, אַז מיט זיין פּאַטש קאָן ער זיך נישט פאַרשטעלן. קיינער אין קאַזאַרמע האָט נישט געקאָנט געבן אַזאַ פּאַטש ווי ער.

די נאָוואָבראַנצעס זענען געשטאַנען פון דער זייט און האָבן אָנגעקוקט, צוקוקנדיק ווי גאַנץ אָפּט כאַפּט איינער אַריין אַ צוואַנציק פעטש ביז ער טרעפט, ווער עס פּאַטשט אים. נאָר איין קיריק איז געשטאַנען אַן אומצופרידענער.

— אַך, ווען מען לאָזט מיך צו, איך וואָלט זיי געוויזן, וואָס עס הייסן פעטש, — האָט קיריק זיך אָנגערופן צו באַשקאַ, — נאָר גיי מאַך, אַז מען איז אַ נאָוואָבראַנעץ!

בײַ קיריקן זענען די אויגן פון קאָפּ געקראָכן, ווען ער האָט געזעען, ווי אַזוי אַלע האָבן אַזאַ רעספּעקט פאַר פּלעטניאָווס אַ פּאַטש און ווי אַזוי יעדער איינער דערקענט זיין פּאַטש אַזוי גיך ווי ער קריגט. ער איז געווען שטאַרק אַ בעלן צו וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינס אַ פּאַטש וואָלט געמאַכט.

זוואַדנער וויעראָווקין איז צום דריטן מאָל אַריינגעפאַלן און ער האָט געמוזט פאַרלייגן די הענט אויף הינטער אַלס ציל פאַר די פּאַטשער. פּליעטניאָוו האָט אָנגעשפּייט אין הויפּן און זיך פאַרמאָסטן מיט אַ פּאַטש, ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן און געלאָזט אַן אַנדערן מקיים זיין די ערשטע מצווה. וויעראָווקין האָט נישט געטראָפן ווער עס האָט אים דעם פּאַטש געגעבן און איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אַן שאַפּקע, וואַרטנדיק אויפן נעקסטן פּאַטש.

פּלעטניאָוו האָט זיך ווידער פאַרמאָסטן, ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן אַרונטערצולאָזן די האַנט. ער האָט געוווּסט, אַז וויעראָווקין וועט זיין פּאַטש גלייך דערקענען, סיידן ער זאָל אים געבן אַ פּאַטש, וואָס לוינט זיך בעסער גאָרנישט.

קיריק האָט זיין נייגיריקייט נישט מער געקאָנט אַריבערטראָגן. ער איז צוגעטרעטן צו פּלעטניאָוון און אים שטיל געבעטן, ער זאָל אים

דערלויבן צו געבן איין פּאַטש, אָבער טאַקע נישט מער ווי איינעם. ער האָט דעם אונטעראָפיציר פאַרזיכערט, אַז ער איז אַ מומחה אין דעם.

פּלעטניאָוו האָט אײַנגעשטימט. ער האָט אַ ווונק געטון צום עולם מען זאָל מאַכן אַ שווייג און קיריק האָט אַראָפּגעלאָזט אַ האַנט, וואָס איז געפאַלן ווי אַ ברעט אויפן זוואַדנעמס האַנט.

— יעזוס! — האָט וויעראָווקין אויסגעשריגן, צוכאַפּנדיק זײַן האַנט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט. — עס איז פּליעטניאָוו — און זײַענדיק זיכער, אַז ער האָט געטראָפן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען זוכן פּלעטניאָוון. קיריק איז געשטאַנען לעבן פּלעטניאָוון ווי נישט אים מיינט מען.

— עס איז נישט פּלעטניאָוו — האָבן אַלע גענומען שרייען — לייג זיך צוריק! וויעראָווקין האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט אָן שאַפּקע און אויף פּלעטניאָווס ווונק האָט קיריק אַרונטערגעלאָזט נאָך אַ פּאַטש.

דער זוואַדנער איז אויפגעשפּרונגען פאַר ווייטיק. ער האָט געקוקט מיט רציחה אַרום זיך און האָט געשריגן, אַז אויב דאָס איז נישט געווען פּלעטניאָוו, האָט אים עמעצער דערלאַנגט מיט אַ ברעט.

— ניין, נישט פּלעטניאָוו און נישט קיין ברעט! — האָבן אַלע אין איין קול געשריגן. — לייג זיך צוריק, לייג זיך צוריק!

און ער האָט נעבעך זיך געמוזט לייגן און כאַפּן נאָך פּעטש פונם באַוואַבראַנעץ.

מיטן „קאָמאַנדאָ“ אין שטאָט

צו מיין שמחה איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען, ווען איין זונ־טיק פרי האָט מיין „דיאַדקא“ מיר געזאָגט, אַז נאָכמיטאָג גייט אַ „קאָ־מאַנדאָ“ אין שטאָט און אויב איך וויל, קאָן איך מיטגיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אים האָט מען נאַזנאַטשעט פאַרן הויפּט פון דער „קאָמאַנדאָ“ און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז איך בין אַ „גוטער ברודער“, האָט ער מיך דעם ערשטן געהאַט אין זינען.

אַ חוץ מיר זענען געווען נאָך אַ זיבן־אַכט אויף דער ליסטע, אַלע, נאָוואָבראַנצעס, וואָס האָבן געהאַט „פּאָקופּקעס“ צו מאַכן אָדער אַזוי גע־וואָלט אָנקוקן די שטאָט.

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָבן מיר געמאַכט הכנות. יעדער איינער האָט געזוכט איבערצושטייגן זיינע חברים מיטן גלאַנץ אויף זיינע שטיוול, מיטן קאָליר פון דעם בלעכל אויפן פּאַיאַס א. אַז. וו. טשערטאָוו האָט אפשר זעקס מאָל איבערגעשייערט און איבערגעבערענט דאָס בלעכל, ביז עס האָט געקריגן דעם גראַניט־בלויען קאָליר, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

ווען מיר זענען געווען פאַרטיק צום גיין, האָט דער „דיאַדקא“ אונז געהייסן אויסשטעלן אין איין שורה און דער פעלדפעבל האָט אונז יעדן באַזונדער באַקוקט.

דער „געהויבענער“ איז געווען גראָד גוט אויפגעלייגט און ער האָט מיט אונז קיין צו גרויסע שהיות נישט געמאַכט. ער האָט בלויז באַקוקט די פּאַיאַסן, אויב זיי ליגן אויפן ריכטיקן פּלאַץ, און ווי עס האָט אויס־געזען, זענען זיי טאַקע נישט געלעגן ריכטיק, ווייל עס איז נישט גע־

ווען איינער, באַ וועמען ער האָט נישט געדאַרפט אַרויפהייבן אָדער אַרונ־טערלאָזן דעם פּאַיאַס אין פראָנט.

— איר זאָלט שטענדיק האָבן אין כּלל — האָט דער פעלדפעבל געזאָגט אין אַ טאָן פון אַן עצה טובה, — אַז דאָס בלעכל דאַרף ליגן ריכטיג איבערן נאַפּל און דער פּאַיאַס דאַרף זיין פאַרצויגן אַזוי שטייף, ווי מעגלעך. — ער האָט אונז דאַן פאַרזאָגט צו האַלטן זיך לייטיש, ווען מיר קומען אין שטאָט, נישט אַרומצושליידערן זיך איבער די גאַסן און נישט צו טון קיין טריט אָן די דערלויבניש פונם פירער.

אַרויסגייענדיק פון טויער, האָב איך אים צום ערשטן מאָל, זינט איך בין אָנגעקומען אין קאַזאַרמע, מיט אַזאַ פריי געמיט אָנגעקוקט די צעוואָרפענע אומגעגנט פון שטאָט, וואָס גרענעצט זיך אַזוי נאָענט מיט די געביידעס פון וויאַטסקען פאָלק. קליינע הילצערנע הייזלעך, מויערן, איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע, מיט דעכער פון מאָך באַוואַקסענע שינד־לען און רויטע דאַכווקעס, שפּייכלערס און שטאַלן זענען געלעגן שיטער צעוואָרפן באַ ביידע ברעגעס פון ברייטן טייך, איבער וועלכן גרויסע קריעס אייז האָבן זיך לאַנגזאַם געטראָגן. דאָ און דאָרט איז אַ פור גע־פאָרן און עכאָס פון שטימען האָבן אין דער ריינער לופט זיך געטראָגן. די זון האָט העל געשיינט, דער טרוקענער שניי האָט געגליצערט פון אירע שטראַלן און דאָס פרעסטל, וואָס האָט די לופט דורכגענומען, האָט געשמעקט מיט פרישקייט און קרעפטיקונג.

מיר זענען געגאַנגען צוויי אין אַ רייע. דער „דיאַדקאַ" איז גע־גאַנגען פון הינטן און ווען־נישט־ווען, אַז עס האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער צוגעמורמלט אונטער דער נאָז: ליעוואָ, פּראַוואָ, ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע; ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע א. אַז. וו. אַמאָל פלעגט ער זיך באַנוגענען מיט ליעוואָ אַליין און האָט גאַנץ אין דער שטיל, ווי אַן איינגעבעטענער, צוגעבורטשעט צווישן לענגערע הפסקים: ליעוואָ... ליעוואָ...

באַ דער ערשטער קרעטשמע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אונזער פירער איז אַריין אין דעם „מאָנאָפּאָל"־געוועלבל קעגנאיבער און איז באַלד פון דאָרט צוריק אַרויס. פון אונטער זיין שינעל האָט אָפּגעסטאַר־טשעט אַ האַלב־קוואַרטיקע פלאַש און זיין פּנים איז געווען באַצויגן מיט

אַ צופֿרידענער מינע. ער האָט אַ קאָמאַנדע געטון: „שאַגאָם מאַרש!“ און מיר האָבן זיך פֿאַרנומען אין אַ לאַנגער גאַס.

איך האָב געפֿילט ווי פֿון מיין געשמידטן גייסט וואָלטן די קייטן איינע נאָך די אַנדערע אַרונטערגעפֿאַלן. די פֿריי.ייט האָט אין מיין פֿאַרקלעמט האַרץ זיך גענומען „טשוכען“ און די ווערט פֿון לעבן איז אין מיינע אויגן מיט איין מאָל טויזנט מאָל געשטיגן.

אַ פֿרייע וועלט האָב איך פֿאַר מיינע אויגן ווידער דערזעען.

און וואָס וואָלט איך נישט אַוועקגעגעבן אין יענער מינוט צו קאָנען זיין גלייך מיט אַלע פֿרייע? וויפֿיל וואָלט איך נישט צוגעצאָלט דעם גרעסטן אָרימאַן, ער זאָל זיך מיט מיר בייטן? איך האָב אויף יעדן פֿרייען געגנשטאַנד געקוקט ווי אויף אַ הייליקטום און האָב געגאַרט אַרומצו.עמען און קושן יעדן פֿרייען מענטש, וואָס איך האָב אויפֿן וועג באַגעגנט.

קו.ענדיק נענטער צום צענטער פֿון שטאָט, האָבן מיר אַלץ מער מענטשן און לעבן באַגעגנט. גויישע פֿורן, יידישע סוחרים, סאָלדאַטן, אין גרופּעס און איינציקווייז, אָפּיצירן אין פֿאַרשידענע אוניפֿאָרמען, זענען ווי אין אַ פּאַנאָראַמע מיינע אויגן פֿאַרבייגעשוועבט. פֿון די פֿענצטער האָט דאָ און דאָרט אַ געזיכט אַרויסגעקוקט און פֿון פֿיל אויגן האָט אַ מיטליידס-בליק מיין האַרץ באַרירט. אין איין פֿענצטער האָב איך אַ בלאַס פּנים פֿון אַ מיידל באַמערקט און איך האָב געפֿילט ווי מיין האַרץ וואָלט פֿון אַ טעמפּער ווייטיק פֿאַרקלעמט געוואָרן.

שוין באַלד צוויי חדשים, אַז איך האָב כמעט קיין פֿרויען-געזיכט נישט אָנגעזעען. שוין באַלד צוויי מאָנאַטן, אַז איך האָב קיין קינד נישט אָנגעקוקט און די פֿאַרשידנאַרטיקע טיפּן און די פֿילזייטיקייט פֿון דער מענטשהייטס-פֿאַמיליע און די פֿאַרשידענע שטופֿן פֿון עלטער זענען געווען פֿאַררוקט ווייט פֿון מיינע אויגן און מער ווי אין מיין פֿאַנטאַזיע האָב איך זיי נישט געקאָנט זעען. מיין האָפֿנונג איז שוין געווען אַזוי אַנטוישט, אַז זי האָט שוין אינגאַנצן אויפֿגעהערט מיך צו טרייסטן מיט אַ דערלייזונג פֿון אַזאַ לאַגע אין דער נאָענטער צוקונפֿט.

אַכט וואָכן זענען אַריבער, אין וועלכע אויסער סאָלדאַטן, אין די זעלבע קליידער און מיט די זעלביקע מאַניערן, האָב איך פֿאַר מיינע אויגן נישט אָנגעזעען. נאָר איין מאָל פֿאַר דער גאַנצער צייט האָב

איך אין קאַזאַרמע אַ פרוי געזעען. דאָס איז געווען אַ מיטליעריקע גויע מיט אַ צעדראַפּעטע פּנים, וואָס איז געקומען מסרן אויף אַן אַלטן סאָלדאַט, און יענעם טאָג האָב איך פיל נענטער צו דער וועלט זיך געפילט.

אויפן מאַרק און אויפן גרויסן פּלאַץ אַנטקעגן דעם גובערנאַטאָרסקע גאָרטן, האָט געשוויבלט און געגריבלט פון וואָיענגע. קרעמער און קרעמערקעס האָבן אַרויסגעקוקט פון די טירן פון זייערע קראָמען און האָבן געזופן און געווונקען צו די סאָלדאַטן, צוזאָגנדיק זיי גאָלדענע בערג פּאַר אומזיסט.

אונזער „קאָמאַנדאָ" איז געבליבן שטיין לעבן ריאַד קראָמען און דער „דיאַדקא" האָט אונז געגעבן די דערלויבעניש צו מאַכן אונזערע „פּאַקופּקעס". ער האָט אונז אָנגעזאָגט נישט אַוועקצוגיין ווייט און צונויפצוקומען צוריק אויפן זעלבן פּלאַץ אין צוויי שעה אַרום.

„צוויי שעה פרייע!" האָט אַ שטימע אין מיר גערופן. מיר האָט זיך עס גאָרנישט געוואָלט גלייבן. מיינע געדאַנקען האָבן זיך גענומען יאָגן איינע נאָך די אַנדערע און קעגן מיין ווילן האָבן זיי געאַרבעט אויף עפּעס אַ פּלאַן, פון וועלכן איך האָב נישט געקאָנט זען קלאָר נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט איז, אַז עס האַנדלט זיך וועגן מיין באַפרייונג. אַנטלויפן! לויפן, ווו די אויגן וועלן טראָגן! איך האָב זיך אָבער שנעל געפּאַסט און זיך נישט געלאָזט פאַרטומלען פון די פּלוצלינג אָנגעלאָפענע געדאַנקען. איך האָב געזעען, אַז אַזעלכע געלעגנהייטן קאָן איך האָבן אַ סך און איך מוז פריער גוט באַרעכענען, איידער איך באַשליס עפּעס צו טון.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט דעם פּלאַץ ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו וויסן ווו צוריקצוקומען, און האָב זיך געלאָזט גיין איבער דער ברייטער גאַס, וואָס פאַרנעמט זיך פון מאַרק. אָבער דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט צופיל אָפיצירן און יעדע רגע האָב איך געמוזט הייבן די רעכטע האַנט איבערן אויער אָפּצוגעבן „טשעסט". איך האָב זיך אומגעקערט צוריק צום מאַרק און געזוכט אַ רעסטאָראַן אָדער קאַפע-הויז צו פאַרזוכן עפּעס אַ היימיש עסן, וואָס איך האָב נישט געהאַט זינט איך בין אין קאַזאַרמע.

זוכנדיק אַזוי אויף די שילדן, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ יונגער

סאָלדאַט פֿון ס., וועלכן מען האָט אָפּגעגעבן דעם זעלביקן פֿרימאָרגן וואָס מיר.

ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס איך בין נישט „אַריינגעפֿאַלן" אין זיין פֿולק. ער האָט געזאָגט, אַז אין זיין פֿולק, אין „פּערמסקען" איז די דיסציפּלין קיין צענט־חלק נישט אַזוי שטרענג ווי אין „וויאַטסקען". אויף דער דריטער וואָך, האָט ער מיר געזאָגט, האָט מען אים שוין געלאָזט גיין אַליין אין שטאָט און אַז פֿון דאַן אָן פֿאַרפֿעלט ער נישט קיין זונטיק צו גיין אין שטאָט.

מיר האָבן אַ ביסל שפּאַצירט איבער די זייטיקע גאַסן. מיר זענען צוזאַמען צוגעגאַנגען צו אַ קרוב פֿון אונזער פֿאַמיליע, אויף וועמענס אַדרעס איך פֿלעג קריגן מיינע בריוו. נאָכדעם האָט מיין „פּערמסקער" פֿריינט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ שמוציקלעכן הויף, נישט ווייט פֿון די קראָמען, און אין וועלכן די יידישע סאָלדאַטן פֿון אַלע פֿולקן פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען.

דער רעסטאָראַן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איין גרויס צימער, איז געווען אָנגעפֿילט מיט סאָלדאַטן. אַ רויך פֿון פּראָסטן טאַבאַק איז געהאָנגען אונטערן סופֿיט אין אַ דיקער שיכטע און דאָס געמיש פֿון רויע שטימען און דאָס טומלען און הוזשען האָט מיך שיער פֿאַרטויבט באַם אַריינקומען. וויפֿיל טישן עס האָבן זיך דאָרט געפֿונען, זענען אַלע געווען באַזעצט מיט סאָלדאַטן אין פֿאַרשידענע אוניפֿאָרמען; אין היטלען מיט בלויע, ווייסע, שוואַרצע און רויטע אָקאָלושקעס און מונדירן מיט אַלערליי שליפֿעס. די גרעסטע טייל האָט גערעדט יידיש מיט דער וואָלינער אָדער ליטווישער אויסשפּראַך.

מיין פֿריינט האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער באַלעבאָסטע און אירע צוויי טעכטער, וואָס זענען געווען שטאַרק באַשעפֿטיקט מיטן דער־לאַנגען צו די טישן. איך האָב באַשטעלט צוויי מאָלצייטן און אַזוי ווי אין „סטאָלאָווע" איז שוין מער קיין פּלאַץ נישט געווען, האָט מען געגרייט אַ טישל פֿאַר מיר מיטן „פּערמסקען" אין אַ הינטערשט צימער, וואָס איז געווען פֿאַרן פּריוואַטן געברויך פֿון דער פֿאַמיליע.

די געריכטן, ווי אַנדערש זיי האָבן געשמעקט פֿון די, וואָס איך פֿלעג עסן אין דער היים, האָבן מיר דאָך געמאַכט פֿילן זייער היימיש. די ביליקע פֿאַליווענע טעלער און די פּראָסטע בלעכענע לעפֿל האָבן

אויסגעזעען אין מיינע אויגן לוקרסוריעז, רייך, נאָכדעם ווי איך האָב קיין געפעס שוין צוויי מאָנאַטן נישט אָנגעזעען. און אין די וואַסערדיקע בעבלעך־זופּ מיט די פעטע גרויסע אויגן, וואָס זענען אַרומגעשווומען פון אויבן, האָב איך טויזנט טעמען געפילט, נאָכדעם ווי איך האָב דעם טעם פון אַ היימיש ביסל זופּ שוין נישט פאַרזוכט, זינט איך האָב פאַרלאָזט ס. איך האָב געגעסן ווי „נישט אין זיך". כ'האָב געהייסן דערלאַנגען פון אַלץ, וואָס אין קיך האָט זיך נאָך געפונען, ווי איך וואָלט דורכדעם זיך געוואָלט אָפּרעכענען פאַר דער גאַנצער צייט.

דאָס מיידל, וואָס האָט אונז דערלאַנגט צום טיש, האָט זיך, ווי עס האָט אויסגעזעען, נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון מיין אַפּעטיט און האָט זיך געווונשן, אַז אַלע סאָלדאַטן, וואָס קומען אַריין אין רעסטאָראַן, זאָלן זיין אַזעלכע קונדן, ווי איך. איך האָב געזוכט איר צו געבן צו פאַרשטיין, דורך מיין בליק, אַז איך בין נישט אַזאַ מגושמדיקער פרעסער, אָבער איך האָב געזעען, אַז זי קאָן קיין אויגן־שפּראַך נישט פאַרשטיין און האָב עס אויפגעגעבן.

זיצנדיק אין הינטער־צימער האָבן מיינע אויגן זיך אַלץ געריסן צום קליינעם הייפל, וואָס איז אָפּגעצוימט דורך אַ נידעריקן פּלאַנקען פון אַ געריימען פּלאַץ הינטער אַ גרויסער שטאַל, און האַלב קלאָרע געדאַנקען האָבן זיך אין מיין קאָפּ געמישט, וועגן אַ צווייטער געלעגנהייט צו גיין אין שטאָט. איך האָב באַמערקט, אַז צווישן צימער, ווו מיר האָבן געגעסן, און דער „סטאַלאָווע" געפינט זיך אַ קליין, פינצטער קעמערל און מיין פאַנטאַזיע האָט פאַר מיר שוין גענומען מאָלן, ווי איך בייט דאָרט מיינע קליידער אום...

ווען איך בין צוריקגעקומען צום ריאַד קראָמען, האָט די „קאָמאַנדאָ" שוין אויף מיר געוואַרט. מיינע חברים האָבן כמעט אַלע געהאַלטן פּעקלעך אונטער די אָרעמס און האָבן אויסגעזעען זייער אויפגעלייגט.

דער „דיאַדקאַ" האָט מיך גוט באַקוקט, ער איז געווען אַ בעלן צו וויסן, וואָס איך האָב אויפגעקויפט און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איך האָב גאַרנישט אין מיינע קעשענעס, האָט ער מיט אַן איראָנישער מינע געזאָגט:

— וואָס האָט עס דיר אַזוי לאַנג גענומען, אַז דו האָסט קיין זאַך

בישט געקויפט ? איך האָב שוין באַלד געמיינט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן !

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען דעם מאָטיוו פון זיין פאָרוואורף און אים געפרעגט, אויב איך האָב נאָך צייט זיך אַריינצוכאַפּן אויף אַ מינוט אין אַ קראָם. דער „דיאַדקאַ" איז אַריין מיט מיר צוזאַמען אין אַ דער־בייאיקער קראָם און איך האָב אים געהייסן נעמען אויף מיין רעכנונג אַ גוט פעקל טאַבאַק.

אויפן וועג צוריק אין קאַזאַרמע האָט נאָר איין געדאַנק אָנגעפילט מיין מוח: „ווי דערלעבט מען שוין צו גיין ווידער מיט דער „קאָמאַנדאַ" אין שטאָט ?"

טרעוואָגאַ

* אַ שרעקלעכע נאַכט איז דאַן געווען.

אַ בייזער ווינט האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן נאָך אָנהייב אָוונט, ווען מיר זענען בײַ „סלאָוועסנאָסט“ געזעסן און אַרום „פּאָוויערקע“-צײַט האָט אַ געדיכטער, דראָבנער שניי אים גענומען באַגלייטן און די גאַנצע געגנט, אויף וועלכער מען האָט געקאָנט אַרויסקוקן פון די קאַזאַרמע-פענצטער, האָט פון מינוט-צו-מינוט זיך אַלץ מער אײַנגעטוליעט אין דער ווײַסער מאַסע.

עס איז בײַ קיינעם קיין צווייפל נישט געווען, אַז עס וועט אַרויסרײַסן אַ „זאַווערוכע“ און באַשקאַ, דער יודע הכּל פון אונזער וואַד, האָט געזאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז אַ מכשף איז ערגעץ-ווו געשטאָרבן.

ווען די קנויט אין לאָמפּ איז אַרונטערגעלאָזט געוואָרן אַלס צייכן צום שלאָפן גיין, האָט די רוגזה פון שטורעם זיך נאָך פיל שטאַרקער געלאָזט פילן. דורך דער האַלב-טונקלקייט האָט מען געקאָנט זעען, ווי דער שניי אינדרויסן טראָגט זיך מיט דער שנעלקייט פון בליצן און דרייט זיך אין קוילן אין דער לופטן און דאָס וואָיען פונם ווינט אין די קוימענס און לופט-לעכער האָט אָנגעפילט מיט אימה יעדעס ווינקל פון קאַזאַרמע. די ראַמען פון די פענצטער האָבן זיך געריסן, ווי צום אַרויס שפרינגען פון די געמויערטע ווענט און די שויבן, וואָס זענען געווען נישט גוט פאַרקיטעוועט, האָבן געקלאַפּט און געציטערט, ווי עס קלאַפּן איינע אָן די אַנדערע די ציין פון איינעם. וואָס האָט קדחת. אין קאַזאַרמע איז געווען שטאַרק קאַלט און דאָס רויטע פּלעמל פון לאָמפּ האָט זיך געקערט אַמאָל אויף איין זייט, אַמאָל אויף אַ צווייטער, אויס דרך ארץ

פֿאַרן ווינט, וואָס האָט שוין באַוויזן אַריינצודרינגען דורך די פֿענצטער־שפּאַרונעס.

די אַלטע סאָלדאַטן האָבן נאָך „פּאָוויערקע“ זיך צעלייגט שלאָפֿן און באַלד האָט זייער כראָפּען זיך אויסגעמישט מיטן וואָיען פֿון ווינט. די יונגע האָט אָבער קיין שלאָף נישט גענומען, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ זייער לאַנגן און שווערן טאָג, און אויסער בוליגאַ, וועלכן דער וואַך־נער האָט איינגעטיילט דריי „אָטשערעדס“ אויף איינדערפֿרי און ער האָט געוואָלט אַריינכאַפּן כאָטש אַ פּאָר שעה שלאָף, האָבן די אַלע אַנדערע זיך אַרומגעקליבן אַרום באַשקאַס געלעגער און מיט פֿליסטערנדיקע טע־נער אָפּגעשמועסט ביז עלף אַ זייגער.

דאָס הויפּט־געשפּרעך איז געווען וועגן מכשפֿים, וואָס ברענגען מיט זייער טויט „זאַוויערוכעס“ אויף דער וועלט. יעדער איינער האָט געהאַט צו דערציילן פֿון אַן „אמתע“ פּאַסירונג מיט אַ מכשף אָדער אַ נישט־גוטן, וואָס בײַ אים אין דאָרף האָט געטראָפֿן, אָבער אמת שפּאַנענד איז די שטילע אונטערהאַלטונג געוואָרן ערשט דאַן, ווען באַשקאַ האָט גענומען דערציילן מעשׂות מיט שדים און מכשפֿים, וואָס האָבן פּאַסירט טאַקע אין זיין אייגענעם דאָרף.

באַשקאַ האָט געהאַט בײַז אַ געוויסן גראַד אייגנשאַפֿטן פֿון אַן אָראַ־טאָר, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אין אַ גאַנץ פּרימיטיווער פֿאָרם. פֿלעגט ער רעדן, האָבן זיינע ווערטער תּמיד געפֿונען אַ צוטריט אין האַרץ פֿון זיי־נע צוהערער, און כאָטש זיין קול איז געווען באַגלייט פֿון אַ טעמפּן סקריפּ, איז עס אָבער געווען אַזוי שטאַרק באַסאָווע, אַז עס האָט נישט ווילנדיק אַרויסגערופֿן רעספּעקט בײַ אַלעמען. און אַז ער האָט גענומען דערציילן פֿון דעם מכשף יעפּים, וואָס האָט אָפּגעוווינט זיין גאַנץ לעבן אין אַ קליין שטיבעלע אין אַ וואַלד, נישט ווייט פֿון זיין דאָרף, האָבן די פּנימער פֿון די נאָוואָבראַנצעס זיך פֿאַרצויגן מיט אַ מאָדנע ערנסטן אויסדרוק.

— צו יעפּימען פֿלעגט מען פֿאָרן פֿון אַלע עקן „ראָסיע“, — האָט באַשקאַ געזאָגט, אָנשטעלנדיק אַלס עדות זיינע מוטנע גרויע אויגן, וועל־כע זענען אים געזעסן טיף איינגעגראָבן אונטערן שטערן. — נישט נאָר פֿון די דערפֿער, נאָר אויך פֿון די שטעט פֿלעגט מען צו אים קומען. פֿון מאָסקווע, פֿון פּעטערבורג, פֿון קיעוו און פֿון ווו נאָר אַ כּרך פֿלעגט מען

צו אים פאָרן און יעדן איינעם האָט ער געזאָגט, וואָס עס איז מיט אים געווען און וואָס עס וועט מיט אים זיין.

„און אָט הערט אַ געשיכטע, וואָס אין אונזער משפחה אַליין האָט געטראָפן מיט דעם זעלבן „יעפים". מיין טאַטע און מיין אָנקל אָסיפ געדענקען עס נאָך, פונקט ווי עס וואָלט נעכטן פּאַסירט.

„ווען מיין זיידע, אַדאַם באַשקאָ, האָט חתונה געהאַט, האָט אים זיין שווער, גריגאָר פּלעסטשוק, געגעבן אַ מתנה אַ יונגן חזיר, אָבער אַ חזיר גאָר אַן אַנטיק. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דייטשע חזירים־הענדלער האָבן פאַר אים געוואָלט אָפּצאָלן צוועלף זילבערנע רובל. מיין זיידע האָט אָבער דאָס חזיר נישט געוואָלט פאַרקויפן פאַר קיין געלט אין דער וועלט. ערשטנס, האָט ער געזאָגט, איז דאָס דעם שווערס מתנה און צווייטנס, האָט ער געהאָפט צו דערלעבן פון אים אַ „פּלאָד", מיט וועלכע די גאַנצע באַשקאָ־פאַמיליע וועט האָבן צו שטאָלצירן.

„מיין זיידנס האָפנונג איז אָבער נישט מקוים געוואָרן. עפּעס אַ נישט־גוטער האָט זיך צוגעטשעפּעט צום חזיר און אַזוי גיך ווי עס פלעגט געבוירן ווערן אַ פּאָר יונגע, פלעגן זיי אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום אויסקפּגרן. מיין זיידע און באָבע האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן פון זינען אַרונטער פון אַזאַ האַרץ־קלעמעניש. גאַנצע דריי יאָר זענען אַוועק. צוויי קינדערלעך לויפן שוין אַרום איבערן הויז, באַ אַ דריטער שניידן זיך ציינדלעך און פון חזיר איז קיין פּלאָד נישטאָ.

„גוטע פריינט האָבן גענומען עצות געבן, אַהין, אַהער, אָבער עס העלפט נישט. ווערן באַם חזיר געבוירן יונגע, דערלעבן זיי נישט די אויגן צו עפענען און פאַלן אַוועק. מיין זיידנס שווער האָט עס פאַרשאַפט נישט ווייניקער שמערצן ווי מיינע עלטערן, ווייל אין דאָרף פלעגט מען אין דער שטיל רעדן, דאָס ער האָט זיין אײדעם געגעבן די מתנה נישט מיטן גאַנצן האַרץ.

„ווען מיין באָבע האָט זיך געלייגט דאָס פערטע מאָל אין קימפּעט, איז דאָס חזיר געלעגן געוואָרן מיט אַ פּאָר פּרעכטיק־שיינע ווייסע חזירימלעך, וואָס זענען אָבער, נעבעך, נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועקגעפּגרט. אַלע אין הויז האָבן אויף דעם געוויינט מיט ביטערע טרערן און אפילו באַ די שכנים האָט עס אַרויסגערופן פיל טרויער. די באָבע האָט געזאָגט, אַז זי פילט פונקט ווי אירע אייגענע קינדער וואָלטן עס אַוועק־

געשטאָרבן. דער אַלטער פלעשטשוק, וועלכער איז בעת מעשה אין שטאָל געווען, האָט באַשלאָסן אָנצווענדן דאָס לעצטע מיטל; צו נעמען דאָס חזיר צום זנאַכאַר יעפים.

„אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דאָס חזיר איז אינגאַנצן צו זיך געקומען פון זיין אומגליקלעכע קימפּעט, האָט מיין זיידנס שווער אים אָנגעטון אַ שטריק אויפן האַלז און מיט אים אַוועק אין וואַלד צו יעפימען.

„דער מכשף האָט באַגעגנט דעם אַלטן פלעשטשוק מיט אַ שמייכל.

„איך ווייס צוליב וואָס דו ביסט צו מיר געקומען. פאַר מיר זענען קיין סודות נישטאָ“, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. ער האָט אים דאַן געהייסן איבערלאָזן דאָס חזיר אויף פיר טעג און אים אָנגעזאָגט, צו ברענגען אַ זאַק קאַרטאָפל און אַ פּאָר מעסטלעך קאָרן, ווען ער וועט עס קומען אָפּנעמען.

„אין פיר טעג אַרום האָט פלעשטשוק צוריקגעבראַכט דאָס חזיר פון מכשף אינגאַנצן אַ פאַרענדערטס. קיין איינציקער האָט אים נישט געקאָנט דערקענען, אפילו דער אַלטער פלעשטשוק אַליין. דאָס חזיר איז פיל קלענער געוואָרן, האָט געקריגן שוואַרצע פלעקן אויפן רוקן און בויך און זיינע האָר זענען צוויי מאָל אַזוי אויסגעוואַקסן. אַ סך האָבן אפילו באַמערקט, אַז עס איז שוין אויפסניי טראָגעדיק. אַזאַ גבורה האָט עס יעפים געהאַט.

— און ווען יעפים איז געשטאָרבן, — האָט באַשקאָ מיט התפעלות געזאָגט, — האָט אַ זאַווערוכע אָנגעהאַלטן דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד און די גאַנצע גובערניע האָט דערפון געהאַט צו ליידן ביז העט אין פרילינג.

באַשקאָ האָט זיך פאַרנומען צו דערציילן אַ נייע מעשה, אָבער דער דיזשורני האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין דער טיר און אונז געטריבן צו גיין שלאָפן.

לאַנג בין איך געלעגן מיט אָפענע אויגן און נישט געקאָנט איינשלאָפן. דער שטורעם אינדרויסן האָט געריסן פלויטן, געבראָכןביימער און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַנצע קאַזאַרמע וויגט זיך אויף די פונדאַמענטן. די אונטערשטע שויבן זענען געווען כמעט אינגאַנצן פאַרשטעלט פון שניי און קוקנדיק אויף זיי, איז איבערן לייב אַ קאַלטער

סקרוך געגאַנגען. איך האָב מיינע געדאַנקען אין קיין פאַל נישט געקאָנט אָרדענען און האָב האַלב מטושטש געטראַכט פון טויזנט זאַכן, ביז אין קאָפּ האָט זיך גענומען מישן און איך בין ענדלעך איינגעשלאָפן.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך האָב געקאָנט שלאָפן, ווען מיטאַמאָל האָט מיך אויפגעוועקט דאָס פויקן פון אַ גרויסן באַראַבאַן. איך האָב גענומען רייבן די אויגן, אויסצוגעפינען, אויב דאָס איז נישט אין חלום און באַלד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע אויף דער וואָר. דער באַראַבאַנשטשיק האָט געזעצט אויף זיין אינסטרומענט, אַז מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן און די סאָלדאַטן האָבן זיך שנעל אַ כאַפּ געטון צו זייערע זאַכן.

אָן דעם ניגון, וואָס דער באַראַבאַנשטשיק האָט אויסגעקלאַפּט, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס איז „טרעוואָגאַ". אָבער וואָס איז געשעען? האָט אַ פייער אויסגעבראָכן, האָט אַ שונא די שטאָט אַרומגערינגלט? קיינער ווייסט נישט, קיינער פרעגט נישט. די צייט איז קורץ. אין וויניקער ווי פינף מינוט מוזן מיר אַלע שטיין גרייט מיט די ביקסן אויף די פלייצעס.

אָנטוענדיק זיך אין גרויס איילעניש, האָב איך געוואָרפן בליקן דורך די האַלב פאַרשאָטענע פענצטער, צו זען, אויב דער הימל איז נישט רויט. איך האָב מיינע אויערן אָנגעשטרענגט, צי הערט זיך נישט קיין גערודער אינדרויסן. אָבער אויסער דאָס שיטן פונם שניי און דאָס רייסן פון ווינט, האָב איך נישט געקאָנט באַמערקן.

אייניקע באַוואָבראַנצעס זענען געווען אַזוי צעטומלט, דאָס זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טון פריער. לאַזאָווסקי האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם מונדיר, איידער ער האָט די הויזן אָנגעטון און ער וואָלט זיך אפשר נישט אַרומגעזעען פון זיין טעות, ווען אַ יעפרייטער גיט אים נישט אַ זעץ מיטן שטיוול אין ווייכן פלייש. פּוליאַיעוו איז אַריינגעקראָכן אין די שטיוול פונם אונטעראָפיציר פלעטניאָוו און האָט דערפאַר געכאַפּט גאָר אַ נישקשהדיקן פּאַטש און די צוויי טאַטאַרן, גאַמידולין און כאַבידולין, האָבן די ערשטע זאַך, ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך אַ לאָז געטון צו די ביקסן, פאַרוואָס דער זוואָדנער, וועלכער איז געווען נאָר אין די אונטערוועש און די שטיוול, האָט זיי גאַנץ פיין מכבד געווען אין מאָרדע.

דאָס זעלבע, וואָס בּאַ אונז, איז פאָרגעקומען אין די אַנדערע זוואָדן: אַ געלויף, אַ געטומל און אַ געפּילדער. די געהויבענע האָבּן אויף זייערע העכסטע טענער געשריגן: „גיכער, שנעלער!" און די סאָלדאַטן, אפילו די אַלטע, האָבּן זיך געטומלט און געכאַפּט איין זאַך פאַר דער צווייטער.

די, וואָס זענען נישט פאַרטיק געוואָרן אין צייט, האָבּן געקריגן געשלאָגן און געזידלט, און דאָס איז געווען די גרעסערע העלפט פון די נאָוואָבּראַנצעס. פיל פון די אַלטע סאָלדאַטן האָבּן אויך נישט בּאַוויזן זיך אָנצוטון אין צייט, אָבּער זיי האָבּן מער ווי „אין דער מאַמען אַריין" דערפאַר נישט געקריגן.

ווען מיר זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען, פולשטענדיק אָנגעטון, מיט די בּיקסן אויף די פּלייצעס, האָט מיר אַן אַלטער סאָלדאַט אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז דאָס איז אַ פּוסטע „טרעוואָגאַ" און אַז מען וועט אונז גלייך הייסן זיך צוריק אויסטון און גיין שלאָפן. און בּאַלד, ווען דער זוואָדנער וויערעאָוקין האָט אַ קאָמאַנדע געטון „שאַגאָם מאַרש!" און די בּרייטע טירן פון קאַזאַרמע האָבּן פאַר אונז זיך פונאַנדערגעעפנט, האָבּ איך איינגעזעען, אַז אפילו פאַר אים איז דאָס געווען אַן איבּערראַשונג.

— וואָס קומט דאָ פאָרט פאָר? — האָבּ איך זיך אַליין פאַרוווּנדערט געפרעגט. אַז מען זאָל נעמען אויפרייסן אָנגעהאָרעוועטע מענטשן פון שלאָף און טרייבּן זיי אינדרויסן אין אַזאַ נאַכט גלאַט אומזיסט און אומבּישט, האָט זיך מיר אויפן געדאַנק גאָרנישט געוואָלט לייגן.

דער קאַזאַרמע-הויף איז געווען פאַרשיט אפשר אַן אַרשין הויך מיט שניי, אַרום די ווענט און אין די ווינקלען פון די פאַרקנס זענען געווען אָנגעטראָגן גאַנצע בּערג און גלייך אַריבּערטרעטנדיק די שוועל זענען מיר געבּליבּן שטעקן איבּער די קני אין שניי. דער ווינט האָט געריסן די היטלען פון די קעפּ און פונאַנדערגעבּלאָזן די פּאָלעס פון די שינעלן ווי פליגלען און עס איז געווען אוממעגלעך צו האַלטן אָפן די אויגן, צוליבּ דעם זאַמדיקן שניי, וואָס איז אין אַ ווירבּל אין די פּנימער געפלויגן.

מיר האָבּן מיט געוואַלטיקע שוועריקייטן פאָרמירט אַ רייע און געוואַרט פאַרצווייפלט אויף אַ ווייטערער קאָמאַנדע.

דער שניי האָט זיך אויף אונז געשאָטן ווי פון הויפנס און עס האָט אויסגעזעען, אז מיר וועלן אַזוי פאַרשאָטן ווערן אויפן אָרט. איידער מען וועט אונז הייסן עפּעס טון. די קעלט איז געגאַנגען דורך די ביינער און דאָס אומאויפהערלעכע וואָיען פון ווינט האָט די אויערן פאַרטויבט.

אין אַזאַ צושטאַנד זענען מיר אָפּגעשטאַנען אַ גוטע פערטל שעה. ביז עס האָט זיך דערהערט וויבראָווקינס קול: „צוריק אין קאַזאַרמע!"

נאָך דעם „אויפטשוכען" זענען מיר אַלע צוריקגעגאַנגען שלאָפן, אָבער קיינעם פון אונז האָט יענע נאַכט מער קיין שלאָף נישט גע-קאָנט נעמען.

אַ פאַרשפּעטיקטער נאָוואָבראַנעץ

צוריקקומענדיק איין נאָכמיטאָג פון אַ לאַנגער „מאַרשיראָווקע“, האָבן מיר געטראָפן אין קאַזאַרמע אַ פרישן נאָוואָבראַנעץ, וואָס האָט קענטיק נאָר־וואָס דאָס ערשטע באַר געקריגן.

דער פרישער קרבן איז געווען אַ ייד, מיט אַן איידל, ברחמנותדיק אויסזעען, מיט קליינע ווייכע הענט און אַ פאַרצווייפלטן בליק אין די אויגן. מיט איין קוק אויף אים, האָט מען געקאָנט זען, אַז זיין שיקזאַל איז פיל שווערער ווי דער פון די אַלע אַנדערע אין קאַזאַרמע.

אַ יעפרייטער איז לעבן דעם גאַסט געשטאַנען און מיט אַ ווירדיקער מינע, ווי נאָר אַ נאַטשאַלניק איז פעיק צו מאַכן, אים געגעבן די ערשטע לעקציע אין „סאָלדאַטשינע“. דער געהויבענער האָט דאַן געפּראָוועט אַ „סמאָטר“ ספּעציעל פון זיין כבוד וועגן און האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַ האָר נישט פאַרשפּעטיקט און אַז ער וועט זיין חלק אָפּקריגן מיט גוט פּראָצענט.

ווען דער יעפרייטער האָט אים אָפּגעלאָזט, האָבן אַ צענדליק נאָוואָבראַנצעס זיך אַ לאָז געטון צום גאַסט און האָבן אים גענומען אויספרעגן די אורזאַך פון זיין שפּעטיקן קומען. זיין האַרץ איז אָבער געווען אַזוי פאַרשטיינערט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט רעדן. מער ווי מיט זיפצן האָט ער נישט געקאָנט ענטפערן.

אויף מאָרגן איז דער נייער נאָוואָבראַנעץ — זיין נאָמען איז געווען ברוך איידעלמאַן — געוואָרן מיינס אַ שכן. בוכמילאָוו, וועמענס קאָיקע איז געשטאַנען אין שכנות מיט מיינער, איז יענעם טאָג אַוועק אויף צוויי

חדשים אין קאַרצער און זיין פּלאַץ האָט מען אויף דער צייט אָפּגעגעבן צו דעם ניי-אָנגעקומענעם.

עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן. די קרעכצן און זיפצן פון מיין נייעם שכן האָבן מיך איינפאַך פון שלאָף אַרויסגעשלאָגן. גאַנץ אָפט, ווען מיינע אויגן האָבן זיך שוין געהאַלטן באַם צוקלעבן, האָט מיך זיין פאַרשטיקט כליפּען פּלוצלינג צענומען און געהאַלטן וואַך, ביז עס איז געקומען די צייט אויפצושטיין.

אַז מיר זענען בעסער באַקאַנט געוואָרן, האָב איך מיין נייעם שכן געראַטן נישט אָפּצולאָזן זיך אַזוי פיל און זיין מער מאַן. איך האָב אים געזאָגט, אַז וואָס מער ער וועט אַרויסווייזן זיין פאַרצווייפלונג, אַלץ ערגער וועט ער האָבן פון די „נאַטשאַלסטוואָ", אויף וואָס ער פלעגט ענטפערן: „אָ, ווען איר ווייסט אַ צענטל פון וואָס איך לייד?"

איך האָב געפילט, אַז איידעלמאַן האָט געמוזט דורכמאַכן עפּעס שרעקלעכס און האָב מיט אים מיטגעפילט מיט מיין גאַנץ האַרץ. איך האָב זיך נישט דערלויבט צו פרעגן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און וואָלט עס קיינמאָל נישט געוווּסט, ווען ער אַליין שלאָגט זיך נישט אָן מיר דאָס צו דערציילן.

עס איז געווען אַ זונטיק, דער צווייטער נאָך איידעלמאַנס אָנקומען. אינדרויסן איז געווען אַ גרויסע בלאָטע און דער פעלדפעבל האָט באַשלאָסן נישט צו לאָזן קיין „קאָמאַנדאָ" אין שטאָט. איידעלמאַן איז קענטיק געווען צופרידן דערמיט, ווייל עס איז געווען די ערשטע געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ פאַר מיר. מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אין „רוקאָמאָיניק" און ער האָט שטיל אָנגעהויבן:

„איך קום פון ר. אַן אויעזדנער שטאָט אין וויטעבסקער גובערניע, פון אַ זייער מיוחסדיקער און אויך נישט קיין אָרימע פאַמיליע. איך האָב געקריגן אַ גוטע דערציונג און האָב געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין גימנאַזיום, ווען מיינס אַן אָנקל פון מאָסקווע האָט מיר פאָרגעשלאָגן אַ פיינעם געהאַלט, איך זאָל אַריינטרעטן אין זיין קאָמיסיאָנס געשעפט אַלס בוכהאַלטער. איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, נישט אַזוי שטאַרק געוואָלט אָננעמען דעם פאָרשלאָג. איך האָב בעסער געוואָלט פאָרזעצן מיין שטודיום אין גימנאַזיום, אָבער מיין געליבטע, דעם ראַבינערס אַ

פלימעניצע, וועלכע איך האָב באַטראַכט אַלס מיין צוקונפטיקע פרוי, איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל אָננעמען די שטעלע. זי האָט געגלייבט, אַז אין געשעפט איז פאַר מיר אַ בעסערע צוקונפט ווי אין שטודירן. און איך האָב די שטעלע אָנגענומען.

„איך האָב אין מאָסקווע פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר און זיך אַרויפ־געאַרבעט צו דער שטעלע פון הויפּט־בוכהאַלטער אין מיין אָנקלס געשעפט. אויף יעדן יום טוב פלעג איך פאָרן אַהיים און פאַרברענגען זייער אָנגע־נעמע טעג מיט מיין געליבטע און מיין פאַמיליע. איך האָב זיך געפילט זייער גליקלעך און האָב געהאָפט אינגיכן נאָך גליקלעכער צו זיין... אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט, איז געווען צו פטרן דעם פּריזיוו, פאַר וועלכן איך האָב זיך צייטנווייז אַ ביסל צוגעשראָקן.

„מיינע עלטערן און מיינע באַקאַנטע האָבן מיר געזאָגט, אַז איך האָב זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן פאַרן פּריזיוו. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס, וואָס איך בין דין, איז אַזוי גוט און אפשר נאָך בעסער ווי אַ „לגאַטע״. מיר האָט געפעלט איבער אַ ווערשאָק אין גרויד צו דער מאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן לויט מיין הויך, און עס איז בא קיינעם קיין צווייפל נישט געווען, אַז ווען איך זאָל פאַרן פּריזיוו אַ ביסל זיך „צומאָרען״, וועט מיר פעלן די מאָס און מען וועט מיר געבן אַ „סטראַטש־קע״. מיין פאָטער האָט אפילו געגלייבט, אַז לאָזנדיק זיך קאָסטן אַ ביסל געלט, וועט פיליכט געלינגען מיך אינגאַנצן אויסצובראַקירן.

„די צייט פון מיין פּריזיוו האָט זיך אָנגערוקט און איך האָב זיך גענומען „מאָרען״. צוערשט האָב איך אויפגעהערט עסן זאַכן, וואָס גיבן צו פעטס. דאָ האָב איך גענומען שלאָפן ווייניקער און טרינקען זויערע געטראַנקען. איך האָב זיך געמאָסטן צוויי מאָל אַ טאָג און האָב זיך געפרייט צו זעען ווי איך פאַל איין אין גרויד. מיין פאָטער איז צו דער זעלבער צייט געגאַנגען צו נאַטשאַלסטוואָ, זיך געזעען מיטן דאָקטאָר, וואָס זיצט באַם פּריאָם און אַנדערע מאַכערס פון דער „וואָיעננע פּריסוטסטוואָ״, צווישן וועלכע ער האָט פאַרטיילט אַ פּאָר הונדערט רובל און פאַר זיי גוטע הבטחות געקריגן.

„וואָס נעענטער עס איז געקומען די צייט פון פּריזיוו, האָב איך אַלץ שטאַרקער זיך גענומען מאָרען. איך האָב נישט געוואָלט ריזיקירן.

איך האָב געוואָלט זיין זיכער און האָב געזוכט צו פאַרלירן אַזוי פיל ווי נאָר מעגלעך.

„אַ וואָך פאַרן יום־הדין, האָב איך דעם שלאָף כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן. איך פלעג נאָר כאַפּן אַ דרימל אַ פּאָר מאָל דורכן מעת־לעת צו האַלבע שעה. איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז עסיג יעדן טאָג — און מיין גאַנץ עסן איז באַשטאַנען פון פלייש, וואָס קרעפּטיקט, אָבער צערט אָפּ אין דער זעלבער צייט.

„מיין פאַמיליע און מיין געליבטע האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג פון די מיטלען, וואָס איך האָב אָנגעווענדט צו פאַרלירן מאָס. ווען זיי ווייסן עס, וואָלטן זיי אויף קיין פאַל מיר נישט דערלאָזט צו גיין אַזוי ווייט. מיין אָנקל, בא וועמען אין הויז איך פלעג עסן מיטאָג יעדן טאָג, האָט נאָר געוווּסט, אַז איך צער זיך דורך עסן אַ סך פלייש.

„ווען איך בין ערב פסח אהיימגעקומען האָט מיך כמעט קיינער נישט דערקענט. איך בין געווען נאָר הויט און ביינער און די קאָליר פון מיין פנים איז געווען ווי בא אַ טויטן. מיין מוטער האָט געקלאָגט און געוויינט, אַז איך הרגע זי אַוועק. פייגעלע — מיין געליבטע — האָט אויך געוויינט, קוקנדיק אויף מיר. איך האָב זיי אָבער געטרייסט און פאַרזיכערט, אַז אין צוויי וואָכן צייט געווין איך צוריק אָפּ אַלץ, וואָס איך האָב פאַרלוירן.

„ווען איך בין געקומען צום פריאָם, האָבן מיר געפעלט גאַנצע דריי ווערשקעס, נאָך מער ווי איך האָב געדאַרפט און מען האָט מיר געגעבן אַ „סטראָטשקע" אויף אַ יאָר. וועגן אויסבראַקירן מיך איז אין פריסוטסטווע, גאָר קיין רייד נישט געווען.

„קריגנדיק דעם גרינעם בילעט, בין איך צוריק אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע אויף מיין שטעלע. איך האָב זיך ביסלעכווייז גענומען „פּאָפּראַווען" און כאָטש דאָס צוריקגעווינען האָט גענומען לענגער ווי דאָס פאַרלירן, האָב איך דאָך מיט יעדע עטלעכע טעג געפילט, אַז מיר איז עפּעס צוגעקומען. פון מיין געליבטע, וועלכע איז אויף מאָרגן נאָכן פריאָם געוואָרן אָפיציעל מיין כלה, פלעג איך קריגן אָפטע בריוו און אַזוי אָפט, ווי איך האָב פון איר געקריגן בריוו, אַזוי אָפט האָב איך צו איר געשריבן. מיט איין וואָרט: דאָס לעבן איז מיר געוואָרן טייער און ליב, ווי קיינמאָל פריער.

„מיין כלהס משפחה האָט געוואָלט, מיר זאָלן נישט וואַרטן מיט דער חתונה, ביז איך וועל זיין אינגאַנצן אַ פרייער. באַ זיי איז קיין ספק נישט געווען, אַז מען וועט מיך פאַר קיין סאָלדאַט נישט אָפּגעבן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעבעטן ביז נאָכן צווייטן פּריזיוו.

„עטלעכע וואָכן פאַרן צווייטן פּריזיוו האָב איך זיך ווידער גענומען מאָרען. איך האָב, ווי באַם ערשטן מאָל, אָנגעהויבן מיט קאַרגן פון שלאָף אַזוי ביסלעכווייז, ביז איך פלעג זיך אָפּפּטרן מיט אַ שעה דרימלען דורכן מעת-לעת. געגעסן האָב איך קיין אַנדערע זאַך ווי פלייש און געטרונקען האָב איך נאָר זויערס, אונטער דעם אויף אַ גלאָז עסיג יעדן טאָג. בקיצור, גאָט האָט געהאָלפן, אַז ווען מען האָט מיך געבראַכט צום צווייטן מאָל אין „פּריסוטסטוואָ״ האָבן מיר געפעלט די זעלבע דריי ווערשקעס ווי פאַראַיאָרן.

„נאָכן צווייטן פּריאָם האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין דער היים. איך האָב פאַר דער צייט זיך גאָר נישקשהדיק דערהאָלט. מיינע עלטערן, ווי אויך פייגעלעס משפּחה, האָבן באַשלאָסן צו פּראַווען אַ גיכע חתונה און איך האָב שיער-שיער זיך געלאָזט איינרעדן אויף דעם. די לעצטע מינוט אָבער, האָט אַ באַגעגעניש מיט אַן אַלטן שונא מיינעם, וועלכער האָט געליבט פייגעלען און איז אויף מיר געווען אייפערזיכטיק, מיך אָפּגעהאַלטן פון צו מאַכן דעם שריט איידער אַלץ איז זיכער.

„די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף נאָך אַ יאָר, איך בין צו-ריק אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָב זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס די צייט פליט אַזוי שנעל. אָט באַלד, באַלד, האָב איך געטראַכט, וועט מיין לאַנגיעריקער חלום, צו זיין איינס מיט מיין פייגעלע, פאַרווירק-לעכט ווערן.

„און ענדלעך איז געקומען די צייט, וואָס איך האָב מיך געדאַרפט נעמען צום מאָרען צום לעצטן מאָל.

„כדי עס זאָל באַ מיר קיין צווייפל נישט זיין, אַז מיר וועט גע-ראָטן, האָב איך דאָס מאָל אָנגעהויבן מיט אַ וואָך פריער ווי אין די פריערדיקע יאָרן. אויף דעם מאָל הענגט אָפּ מיין וועלט, האָב איך גע-טראַכט באַ זיך, און אויב איך וועל פאַרפּושן, וועט זיין אַרויסגעוואָרפן מיין גאַנצע מי און פּלאָגעניש.

„איך האָב דורכגעמאַכט די אַלטע עינויים מיט מוט און אַנטשלאָסנ־קייט אַ דריט מאָל. איך האָב זיך געפּייניקט סיי טאָג, סיי נאַכט, מיטן עסן און מיטן שלאָפן און די איינציקע זאַך, וואָס מיך האָט דערהאַלטן באַם לעבן, איז געווען די האָפנונג אין מיין ברוסט, אַז באַלד וועל איך אַ פרייער מענטש ווערן, איך וועל קאָנען לעבן גליקלעך מיט מיין פייגעלע.

„און דער טאָג איז געקומען.

„מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אין פּריסוטסטוואָ אַריין. דער־זעענדיק מיין אָפּגעצערט לייב, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיינס אַ פריינט, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט מיך אַלץ געוואָרנט נישט צו דערוועגן זיך אויס־קויפן פון סלוזשבע אויף אַזאַ אופן, ווי איך טו עס. איך האָב אויסגע־זעען, ווי אַן אמתער טשעכאָטעטשניק און האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז דאָס מאָרען זיך זאָל שפּעטער אויף מיין געזונט זיך נישט אָפּרופן. דערצו האָט אַ צווייפל מיר געזאָגט: טאָמער גיט מען מיך פּאָרט אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט. וואָרים ווער קאָן עס זיין הונדערט פּראָצענט זיכער? און ווען איך האָב דערהערט דעם „ניע גאָדיען" בין איך געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע אַ פאַרטומלטער און האָב נישט געוווּסט, צי מען מיינט עס מיך אָדער עמעצן אַנדערש.

אַלץ איבערגעפּטרט, האָב איך זיך גענומען געבן גרויסע „וויגאָ־דעס" צוריקצוגעווינען וואָס גיכער מיין פאַרלוירן געזונט. אין הויז האָט מען דערוויייל געמאַכט הכנות פאַר דער חתונה און ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָבן מיר געפּראַוועט אַ חתונה כיד המלך.

„אַ וואָך נאָך דער חתונה בין איך מיט מיין פרוי אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו מיין טאַנטע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ שיין וווינונג פאַר אונז. מיין אָנקל האָט מיר געהעכערט פופציק רובל אַ חודש אויף מיין געהאַלט, וואָס האָט מיר פאַרזיכערט מיט אַ פיין, אָנשטענדיק לעבן און פייגעלע און איך האָבן זיך געפילט גליקלעך.

טרערן האָבן זיך געשטעלט איידעלמאַנען אין די אויגן און ער האָט געמוזט אַ פּאָר מאָל עפּעס אַראָפּשלינגען, איידער ער האָט געקאָנט ענדיקן.

— אָבער לאַנג האָט מיין גליק נישט געדויערט — האָט ער שלוכצנדיק געזאָגט, — זעקס וואָכן זענען קוים אַריבער, ווען איך האָב

באַר־וואָס געהאַט צוריקגעוווּנען דאָס לעצטע לויט פלייש, וואָס איך האָב געהאַט פאַרלוירן, האָט מען מיך אין אַ מיטן נאַכט צוגענומען פון דער היים, ממש אַרויסגעריסן פון מיין פרויס אָרעמס, און צוויי טעג שפּעטער, בּאַ אַ פריאָם, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן ספּעציעל פאַר מיר, האָט מען מיך אָפּגעגעבּן פאַר אַ סאָלדאַט.

— מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן פון עגמת־נפש און מיין אַלטע מוטער איז געבּליבּן פאַר יסורים אָוועקגעשטאָרבּן. עס איז בּאַ מיר נישט דער מינדסטער ספק, אַז איך האָב דערפאַר צו פאַרדאַנקען מיין אייפער־זיכטיקן קאָנקורענט.

מוז אויפגעבן זיין פּלאַן

איידעלמאַן האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז ער איז אַ סאָלדאַט.

ער האָט אַלץ געפילט, ווי ער האָט איינמאָל פאַר מיר זיך אויס־גערדיקט, ווי זיין גייסט וואָלט אין אַ געדיכטן טומאַן ארומגעשוועבט און וויסטע חלומות וואָלטן אים אָן אויפהער פאַרפאָלגט. זיין פּנים איז וואָס אַ טאָג אַלץ בלאַסער געוואָרן און איך האָב געמוזט מורא האָבן, ער זאָל זיך אינגאַנצן נישט צוזאַמענברעכן.

זינט ער האָט מיר דערציילט זיין טרויעריקע געשיכטע, ווי ער האָט דריי פריאָמען דורכגעמאַכט דורך „מאַרען" און פייניקן זיך, בין איך געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן צו אים. איך האָב געטון וואָס נאָר איך האָב געקאָנט אים צו מאַכן לייכטער דעם יאָך פון סלוושבע, וואָס האָט אויף אים זיך געלייגט פיל שווערער ווי אויף אַנדערע, צוליב זיין שפּעטן אָנקומען אין קאַזאַרמע. איך האָב אים באַ יעדער געלעגנהייט געהאָלפן וואָס שנעלער איבערצונעמען די סאָלדאַטסקע תורה און האָב אים אַלץ צוגעגעבן מוט זיך צו שטאַרקן און טראָגן דעם ביטערן שיקזאַל ווי אַ מאַן.

די „געהויבענע" פלעגן די גרעסטע צרות אים אָנטון. זיי האָבן אים איינפאַך קיין מינוט רו נישט געגעבן. ערשטנס, ווייל ער איז גע־ווען אַזוי פיל וואָכן הינטערשטעליק, און צווייטנס, האָבן זיי געוווּסט, וואָס ער האָט אַלץ אָנגעווענדט, כדי פון זייערע הענט זיך אַרויסצו־דרייען. מיט יעדן פּאַטש, וואָס ער האָט געקריגן, האָט ער אויך געקריגן אַ צוגאָב אַ שטאָך־וואָרט, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין פאַרלוירענעם

קאמף קעגן דער „סאָלדאַטשינא". ווען דעם אונטעראָפיציר אָדער יעפריי־טער פלעגט מיאוס ווערן צו שטיין און קנעלן מיט אים, אָדער זייערע הענט פלעגן מיד ווערן פון פּאַטשן, פלעגן זיי אים איבערגעבן אין די הענט פון אַן אַלטן סאָלדאַט, און אַמאָל אויך צו אַ נאָוואָבראַנעץ, מיט דער פולער רעכט „צו שלאָגן וויפיל עס וועט נאָר אַריין". און נישט איין מאָל האָט טאַקע אויך פּאַסירט, אַז דער אָרימער איידעלמאַן האָט געכאַפּט קלעפּ פון אַ ברודער־נאָוואָבראַנעץ.

זיין אינטעליגענט אויסזעען און קליינע ווייכע הענט זענען געווען אַ מאָדנער קאָנטראַסט צום ברייטן מונדיר, וואָס איז אַריבערגעהאָנגען אויף זיינע שולטערס, און דעם היטל מיט דער איינגעפאַלענער דענקע, וואָס האָט פאַרדעקט קוים דעם שפּיץ פון זיין הויכן, שיין־געוועלבטן שטערן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּרינץ אין שמאַטעס, און ווען איך האָב אים דערזעען אין אַ ווינקל פראַווען „סלוזשבע" ביחידות אונטער דער אויפזוכט פון אַ נייגיריקן פאַטשער, פלעגט מיך דאָס האַרץ פאַרדריקן.

האָט איידעלמאַן נאָר געהאַט אַ באַרויקטע מינוט, פלעגט ער גלייך מיך אויסזוכן און זיין שווער האַרץ פאַר מיר אויסגיסן.

— איך וועל עס נישט אַריבערטראָגן! איך וועל עס נישט אי־בערלעבן! — פלעגט ער אָפּט מיט פאַרצווייפלונג אויסרופן. — פיר יאָר צו לעבן אין אַזאַ סביבה. איז נישט פאַר מיין נאַטור און מיינע כוחות.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז נישט דער איינציקער, וועמען עס דאַכט זיך אַזוי פון אָנהייב. די ערשטע צייט האָבן אַלע אַזעלכע געפילן, אָבער מיט דער צייט — אַ ביסל געוויינט מען זיך צו און אַ ביסל ווערט עס טאַקע אויך אַנדערש.

— איך ווייס נישט ווי אַנדערע, — האָט ער מיר איינמאָל גע־זאָגט, — נאָר איך זאָג אייך, אַז איך בין מיט זיך אַליין נישט זיכער. און מיין פרוי, וואָס וועט פון איר נעבעך ווערן?

די צייט איז געקומען און מען האָט גענומען איידעלמאַנען אין „סטראָי" גלייך מיט אַלע נאָוואָבראַנצעס. די געהויבענע האָבן ביסלעכ־ווייז אויפגעהערט אויפצוואַרפן אים זיין „פאַרגאַנגענהייט". זיי פלעגן נאָר אָפּט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ פאַרשפּעטיקטער נאָוואָבראַנעץ און איך

האָב גענומען גלייבן, אַז ער איז שוין אַריבער דעם קריזיס און ער וועט איצט איינזען, אַז ער איז אַ סאָלדאַט, וואָס מוז פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט כּל-זמן ער דינט.

איך האָב אָבער געמאַכט אַ גרויסן טעות.

איין זונטיק, אַ צוויי וואָכן פאַר פּסח, ווען מיר זענען געזעסן אין „רוקאָמאַיניק" און גערעדט וועגן דעם אָנקומענדיקן יום-טוב, האָב איך באַמערקט ווי איידעלמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט דער האַנט צו דער ברוסט און זיין פּנים איז געוואָרן בלאַסער ווי געוויינלעך. איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אַז ער גייט חלשן. איך האָב אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און געפרעגט וואָס איז אים איז?

— שרעקט זיך נישט, דאָקטערקין — האָט ער געענטפערט מיט אַ זויערן שמייכל. — איך שטאַרב נאָך נישט דערווייל. איידער איך גיי אַלץ אויפגעבן, מוז איך ערשט פּרובירן...

— וואָס דענקט איר צו טון? — האָב איך מיט באַאומרויקונג געפרעגט.

— אַנטלויפן, — האָט איידעלמאַן מיר אין אויער אַרייַנגע-שושקעט.

איך בין געבליבן זיצן ווי צעמישט און איידעלמאַן האָט מיר אין אויער ווייטער געפּליסטערט:

— יאָ, איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן און טאַקע אַזוי גיך ווי מעגלעך. דאָס ערשטע וועל איך זען די גרענעץ זיך אַריבערכאַפּן. איך האָב באַקאַנטשאַפט אין דייטשלאַנד, פירמעס, מיט וועלכע מיין אָנקל אין מאָסקווע שטייט אין געשעפט-פאַרבינדונג. וואָס ווייטער צו טון וועל איך צייט האָבן צו קלערן, ווען איך וועל דאָרט זיין. איך בין זיכער, אַז מיין פרוי וועט ביז עק וועלט מיט מיר פאָרן. מיט דריי טעג צוריק האָב איך אַהיימגעשריבן צו האָבן געלט צוגעגרייט פאַר מיר.

— אָבער ווי קאָנט איר אַזאַ זאַך באַווייזן? — האָב איך אים געפרעגט. — איר דענקט אוודאי, אַז אַנטלויפן דאַרף מען נאָר וועלן?

מיר האָט זיך שיער, שיער נישט אַרויסגעכאַפּט, אַז: „איך אַליין קלויב זיך אויך דעם גאַנצן ווינטער צו אַנטלויפן", אָבער אַ געפיל פון מורא האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן.

איך האָב אים דאַן דערציילט די געשיכטע מיט אָווטשענקאָ, וועלכן מען האָט צוריקגעבראַכט אַ וואָך נאָך זיין אַנטלויפן און די צרות, וואָס ער האָט איצט אויסצושטיין דערפאַר. איך האָב אים אויך דערציילט, וואָס דער ראָטנע־קאָמאַנדיר האָט מיר געזאָגט, כּלומרשט אין אַ שפּאַס, ווען איך בין צום ערשטן מאָל מיט דער קאָמאַנדע אין שטאָט געגאַנגען: אַז ווען איך אַנטלויף איז קיין ייד אין זיין ראָטע נישט זיכער מיטן לעבן. איך האָב אים דערציילט פיל אַנדערע פּאַסירונגען אָפּצושלאָגן דעם אַפּעטיט פון אַנטלויפן און איידעלמאַן האָט זיך איינגעהערט מיט אַ באַזאָרגטער מינע און קיין וואָרט נישט געענטפערט. איך האָב געפילט, אַז איך פאַרשאַף אים נאָר אומזיסטע שמערצן מיט מיינע רייד און בין געבליבן שטיל.

אין רוקאָמאַיניק איז דערווייל געוואָרן אַ גרויסער טומל. די קאָמאַנדע איז נאָר־וואָס צוריק פון שטאָט געקומען און די, וואָס האָבן עפּעס איינגעהאַנדלט, זענען אַריין אין רוקאָמאַיניק זיך צו פונאַנדערפּעקלען. אַ וואָלקן פון מאַכאָרקע רויך האָט באַלד אַנגעפילט דאָס וואַשצימער און אַ ביטערקייט האָט זיך אין די אויגן איינגעגעסן. קיריק איז מיט זיין „האַרמאָניקאַ" אַריינגעקומען און האָט גענומען שפּילן לוסטיקע ניגונים און ווען ער איז געקומען צו „וואַסעם דיעוואָק אַדין יאַ" זענען אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוקאָמאַיניק, אויסער איידעלמאַן און איך, אַריינגעפאַלן אין כאָר. באַשקאָ האָט צוגעטאַנצט צום טאַקט און די קלעפּ פון זיינע שווערע שטיוול מיט די נייע פּאָדקאָוועס אָן דער צימענטענער פּאָדלאָגע האָט מיך שיער פאַרטויבט.

— העי, זשידקעס! וואָס זיצט איר אַזוי אין ווינקל? — האָט גלופּקאָ, וואָס איז צוריקגעקומען פון שטאָט אַ ביסל שיכּורלעך, זיך אָפּגערופן, צוקומענדיק צו אונז — איר מאַכט פּלענער צו אַנטלויפן? אָי, ווער מען אייך כאַפּן. נישטאָ מער אַמאָליקע יאָרן. הייַנט כאַפּט מען, אַז מען אַנטלויפט.

איידעלמאַן און איך האָבן זיך איבערגעקוקט, כּלומרשט מיט אַ שמייכל, אָבער אין האַרץ האָבן מיר גוט געפילט דעם שטאָך פון יעדן וואָרט.

ווען עס איז געקומען צום רעפריין „קודאַ דיעווקי טודאַ יאַ", האָט גלופּאָוו זיך פונאַנדערגעלאָזט אויף זיינע הויכע טענער און זיין קווויטשיק

קיל האָט שרעקלעך געגריליצט אין די אויערן. אײדעלמאַן האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַ ווונק געטון צו מיר אַרויסצוגיין פֿון רוקאָמאָיניק. גלופֿאָוו הזט אָבער באַמערקט זיין ווונק. ער איז צוגעשפּרונגען, האָט אַ נעם געטון אײדעלמאַנען פֿאַר די פּלייצעס און מיט אימפּעט אים צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק.

— ווי איך זע, זשידאָק, פּאַסט דיר נישט צו זיצן מיט אונז צוזאַמען, — האָט דער שיכורער גלופֿאָוו פֿאַרגעוואָרפֿן אײדעלמאַנען, אײנגראָבנדיק אין אים זיינע פֿאַרגלאָסענע אויגן.

אײדעלמאַן האָט אים אָפּגעענטפֿערט אויף אַן אײדעלן אופֿן. אויך איך האָב זיך אַרײַנגעמישט און האָב געבעטן גלופֿאָוון, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ סקאַנדאַליסט, ער זאָל זיך נישט טשעפּען אומזיסט. די יוכע האָט אָבער זיך אין אים צעקאָכט און אים האָט זיך געוואָלט נישט אַנדערש ווי אויסצופּאַטשן אײדעלמאַנס „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ”.

אײדעלמאַן איז געווען בלאַס, ווי קאַלך. די ציין האָבן בא אים אין מויל אײנע אָן די אַנדערע זיך געקלאַפּט פֿון שרעק און אויפֿרעגונג און אַ פּאָר גרויסע טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט. קיריק האָט אונטערבראָכן זיין שפּילן און דאָס רעדל סאָלדאַטן, וואָס איז אַרום אים געשטאַנען, איז צוגעלאָפֿן און אָפּגעהאַלטן גלופֿאָוון, וואָס האָט ווי אַ צערייצטע חיה זיך געריסן מיט די פֿויסטן צו אײדעלמאַנען.

מיר האָבן ווי עס איז זיך אָפּגעמשעפּעט פֿון דעם פֿאַרשיכורטן סאָלדאַט.

מיר זענען אַרײַן אין קאַזאַרמע, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בא אַ פֿענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום קאַזאַרמע־הויף און אײדעלמאַן האָט מיט אַ זיפֿץ געזאָגט:

— און איר זאָגט, אַז מען קאָן צו אַזעלכעס זיך צוגעוווינען! ניין, דאָטשקין, איך קאָן אַזאַ זאַך זיך נישט פֿאָרשטעלן. לעבן אָן פֿרייהייט, איז בא מיר קיין לעבן נישט און אַוועקצוגעבן פֿיר פֿון די בעסטע יאָרן פֿאַרן טייוול, איז בא מיר אַ פֿיל גרעסער פֿאַרברעכן ווי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און, איר מעגט מיר גלייבן, ווען איך זאָל אײנגאַנצן די האָפֿנונג פֿאַרלירן צו באַפֿרייען זיך פֿון דערדאָזיקער אינקוויזיציע, וועל איך ענטווערער זיך אַ טויט אָנטון אָדער איך וועל פֿון זינען אַראָפּ.

איידעלמאַן האָט אַזוי פאַרגעזעצט אויסצוגיסן זיין האַרץ אין דער שטיל און איך בין געשטאַנען לעבן אים האַלב פאַרטראַכט און האָב געמיינט, אַז איך הער זיך צו צו מיינע אייגענע ווערטער.

— איר זענט אָבער נישט אַליין, איר מוזט דענקען וועגן אייער פרוי — האָב איך אים אַ פּאָר מאָל איבערגעבראָכן, נישט זייענדיק קלאָר בײַ זיך, וואָס איך האָב געמיינט צו זאָגן מיט די ווערטער.

— טאַקע דעריבער איז עס מיר אַזוי שווער — האָט איידעלמאַן געענטפערט. — מיין סלאַווישבע איז אַ דאָפּלטע, צוויי מענטשן צו פיר יאָר, און נאָך אין די יאָרן! נאָך אַזוי פיל ליידן און וואַרטן אייגער אויפן אַנדערן! לאָזט מיך אייך זאָגן, דאַטשקין, אַז אַזוי גיך ווי איך קריג אַן ענטפער פון דער היים אויף מיין לעצטן בריוו, וועל איך אָנהייבן צו אַרבעטן אויף מיין אַנטלויפן.

אין דעם מאָמענט האָט דער שרייבער פון קאַנצעלאַריע געגומען אויסרופן נעמען פון סאָלדאַטן פאַר וועלכע עס זענען אָנגעקומען בריוו מיט דער לעצטער פּאָסט. איידעלמאַנס נאָמען איז געווען דער לעצטער, וואָס דער שרייבער האָט אַרויסגערופן.

איידעלמאַן האָט אָפּגענומען זיין בריוו, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן „קאַבילקע", וואָס איז נישט ווייט פון קאַנצעלאַריע געשטאַנען און האָט גענומען לייענען. איך בין געבליבן שטיין פאַרטראַכט בײַם פענצטער.

עטלעכע מינוט זענען אַוועק און איידעלמאַן איז נישט צוגעקומען. מיך האָט עס שטאַרק געוווּנדערט. איך האָב אים גענומען זוכן איבער דער קאַזאַרמע און באַלד האָב איך אים געפונען אויסגעצויגן אויף זיין קאַיקע מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישעלע. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט ווי אין קאָנווולסיע און מיט זיינע צוזאַמענגעדריקטע פויסטן האָט ער זיך בײַם קאָפּ געהאַלטן.

איך האָב זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און אים גענומען אויפמונטערן. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן מיט די פויסטן בײַ די אויערן און נישט געוואָלט הערן, וואָס איך רעד צו אים און ערשט אַ היפּשע צייט אַרום, ווען נאָוואָבראַנצעס האָבן זיך גענומען צו די „באַקעס" אַרויפצוטראָגן „קיפּיאַטאָק" פון סטאָלאָווע, איז איידעלמאַן אַ ביסל צו זיך געקומען און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אַרויף.

זיין פנים איז געווען א שרעק אָנצוקוקן. עס איז געווען אינגאַנצן פאַרצווייפלונג.

— וואָס שרייבט מען דאָס אייך, וואָס איר זענט אַזוי אויסער זיך? — האָב איך מיט א רחמנותדיקן טאָן געפרעגט.

איידעלמאַן האָט קיין וואָרט רעדנדיק אַרויסגענומען דעם בריוו פון אונטערן קישעלע און אָנווייזנדיק מיר אויף דעם לעצטן בלעטל, האָט ער מיט א פאַרצווייפלטער מינע מיר צוגעווונקען צו לייענען, וואָס דאָרט שטייט.

און איך האָב געלייענט:

„...ליבער ברוך, שטאַרק זיך און זיי אַ מענטש, מאַך זיך האַרץ איבערצוקומען די סלוזשבע, ווי טויזנטער אַנדערע טוען עס. פיר יאָר איז נישט קיין אייביקייט און הלוואי וואָלסטו אינגאַנצן זיך נישט אָנגע־הויבן מיטן מאַרען. אַט האָסטו שוין געקאָנט באַלד האָבן אַריבערגעקומען. שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דעם געדאַנק צו... פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט נישט אַליין און אַז פייגעלע קאָן איצט זיך נישט גיין לאָזן וואַנדערן מיט דיר איבער דער וועלט, זי איז אין אַנדערע אומשטענדן...

ווען איך האָב דעם בריוו אים צוריק דערלאַנגט אין האַנט, האָט איידעלמאַן זיך ווידער איבערגעקערט מיטן פנים אַראָפּ. ער האָט איינגע־גראָבן זיין פנים טיף אין קישעלע צו פאַרשטיקן די טרערן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון זיינע אויגן.

— פאַרפאַלן, ברודער, איך מוז מיין פּלאַן אויפגעבן — האָט ער געמורמלט, כליפּענדיק.

אויסבראַקירט פון דער קאָמיסיע

איך האָב פיל מאָל דורכן ווינטער געהערט אין קאַזאַרמע דערמאַנען דעם נאָמען „יעפּשטיין“. איך האָב געוווּסט, אַז די פּערזאָן, וואָס טראָגט דעם נאָמען, וואַלגערט זיך ערגעץ-ווו אין אַ לאַזאַרעט, אָבער גענוי, וואָס מיט אים איז, האָב איך נישט געוווּסט.

דער ראָטנער שניידער, נחומסאָן, האָט איינמאָל אָנגעהויבן מיר צו דערציילן וועגן דעם „מאָדנעם סוביעקט“, וועגן וועלכן די קאָמיסיע קאָן אַלץ זיך נישט באַשליסן, וואָס צו טון. אָבער גראָד האָט עפּעס דאַן פּאַסירט אין קאַזאַרמע און נחומסאָן האָט געמוזט אונטערברעכן אינמיטן.

איבערהויפּט פלעג איך ווערן נייגיריק צו וויסן, וואָס מיט דעם עפּשטיינען איז, ווען איך פלעג הערן דעם זוואָדנעם וויעראָווקין רעדן וועגן אים. אַ סאַרקאַסטישע מינע פלעגט זיך פּאַרשפּרייטן אויפן טרוקענעם, בייזן פּנים פון זוואָדנעם, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן „יעפּשטיין“. „אָט דאָס איז אַ פּאַרשיווי זשיד, טאַקע מיט אַן אמת“, פלעגט דער זוואָדנער זאָגן, שטאַרק פּאָסמאַקעווענדיק זיך.

אין איין נאָכמיטאָג, אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח, ווען אַלע נאָוואָבראַנצעס פון ראָטע האָבן זיך „געמאָרדעוועט“ בײַ גימנאַסטיקע, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי בײַם אַריינגאַנג: „אָהאָ, יעפּשטיין איז דאָ!“

די געהויבענע, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרטון אין אויסטיילן קלעפּ צו די, וואָס האָבן נישט געמאַכט די גימנאַסטיק ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָבן זיך אַ לאָז געטון צום אַריינגאַנג צו געבן דעם גאַסט אַ געהעריקן קבלת-פּנים. פון אַלע ווינקעלעך קאַזאַרמע האָבן גענומען אַרויסקריכן אַלטע סאָלדאַטן און געהויבענע און מיט אַ שמייכל אויף די פּנימער

זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. דער אורח איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער „טאָלפּאַ“. ער האָט געשמייכלט מיט אַ נאַריש צעקראָכענעם שמייכל און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די „העפלעכקייטן“, וואָס מען האָט אים געצייגט, מיט אַ מינע ווי ער וואָלט זאָגן: „איר מעגט זיך לוסטיק מאַכן איבער מיר וויפיל איר ווילט אַליין, איצט האָב איך אַלע אין דער אדמה“.

דער פעלדפעבל איז אַרויסגעקומען פון קאַנצעלאַריע און דער סאָלדאַט, אין וועמענס קאָמפּאַניע דער אורח איז געקומען, האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דעם טיפן פאַלד אין אַרבל. דער פעלדפעבל האָט פאַרשאַרט זיינע גרויסע וואָנסעס, האָט אָפּגעהוסט אַ פּאָר מאָל, און נאָכדעם ווי ער האָט זיין קורצזיכטיקן בליק איינגעגראָבן אין דעם צעשראָקענעם יונגנמאַנטשיק מיט דעם גרויסן היטל, וואָס איז פונהינטן געווען אַרונטערגערוקט כמעט ביז דער פּלייצע, האָט ער מיט אַ מינע פון וויכטיקייט אָנגעטון זיינע צוואַנציק קאָפּיקענע שפּאַקולן און גענומען לייענען דאָס פּאַפּיר. באַ יעדע פּאָר ווערטער האָט דער פעלפעבל אויפגעהויבן די אויגן פון פּאַפּיר און געוואָרפן שטרענגע בליקן אַרום זיך און ווען ער איז ענדלעך געקומען צו דער לעצטער שורה, האָט ער דאָס פּאַפּיר איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און זעענדיק, אַז דאָרט איז קיין זאַך נישט געשריבן, האָט ער עס לאַנגזאַם צוזאַמענגעלייגט, האָט פונאַנדערגעשפּילעט דעם מונדיר און עס פאַרשטעקט אין בוזעם.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער שטרענגער נאַטשאַלניק געבורטשעט אונטער דער נאָז. — הייסט עס, אַז „יעפּשטיין“ גייט שוין אַהיים. די קאָמיסיע האָט אים אויסגעבראַקירט. נאָר קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט זיין, וואָס זאָגסטו, וויעראָווקין? כע, כע, כע!

די „טאָלפּאַ“, מיט עפּשטיינען אין מיטן, האָט זיך דערווייל צוגערוקט נעענטער צו וויעראָווקינס זוואָד. דער פעלדפעבל איז מיט געמאָסטענע טריט געגאַנגען הין און צוריק פאַרביי די ווענט, וואָס טיילן אָפּ דעם דריטן און פערטן זוואָד, ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און פון זיין פאַרקנייטשטן שטערן האָט מען געקאָנט מיינען — גאָט ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין זיין מוח. די סאָלדאַטן האָבן נייגיריק געקוקט, אַמאָל אויף אים און אַמאָל אויף עפּשטיינען, און אַ שטילקייט האָט גע־

הערשט אין קאזאַרמע, וואָס איז אונטערגעבראָכן געוואָרן נאָר פון לאַנג-זאַמע טריט פון פעלדפעבל.

עפשטיין איז געשטאַנען ווי אַ גולם און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. זיין אויסגעקרומטע פיגור, זיין דינער האַלז און אומנאַר-מאַלער קאָפּ, וואָס איז געווען שמאָל פון פאָרנט און אויסערגעוויינלעך ברייט פון הינטן, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַן אידיאָט. דער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז אויך געווען נישט פון אַ נאָר-מאַלן מענטש און כּדי דאָס צו פאַרדעקן, האָט ער פון מאָל צו מאָל געזוכט צו פאַרשטעלן זיך הינטער אַן אַנגעשטעלטן שמייכל, וואָס האָט אויסגעזען אי נאַריש, אי קרענקלעך. ער האָט געטראָגן אַ ביליק קאָרטן אַנצוג, וואָס איז געווען צעקנייטשט, ווי מען וואָלט אים פון אונטער אַ חורבע שטיינער אַרויסשלעפּן און אַ פּאָר שטיוול מיט קורצע כאַלעוועס, וואָס זענען ווייט אָפּגעשטאַנען פון זיינע דינע פיס.

— הייסט עס, אַז דו גייסט אונז פאַרלאָזן, הם, — האָט דער פעלד-פעבל אַרויסגערעדט מיט זיין באַסאָווער שטימע, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן עפשטיינען. — נו, טאָ לאָמיר כאָטש פאַר דיין אַוועקגיין אָנקוקן נאָכאַ-מאָל דיין קרוין!

זאָגנדיק דאָס, האָט דער פעלדפעבל אַראָפּגעשלעפּט דאָס היטל פון עפשטיינס קאָפּ און דער אָרימער בחור איז געבליבן שטיין מיט אַ הוילן קאָפּ.

— „וואָט פאַרשיווי זשיד"! — האָט דער פעלדפעבל אויסגערופן מיט אַ רוגזה, — אַז מען האָט אים דאָ דעם פאַרך נישט אויסגעהיילט, איז עס שוין איינמאָל אַ ריכטיקער פאַרך.

די סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט פונם אויסגעבראַקירטן סאָלדאַט, האָבן זיך גענומען אָפּרוקן פון אים, ווען זיי האָבן זיין הוילן קאָפּ דערזעען.

דער פעלדפעבל האָט אויסגעשפּיגן און איז אַוועק מיט אַ פאַר-קרומטן פּנים.

וויעראָוקין האָט געהייסן עפשטיינען אויף שנעל דאָס היטל אָנטון און האָט געשיקט אַ סאָלדאַט צו ברענגען זיין פעקל, וואָס איז געווען באַם קאַפּטערנאַמיסט. די נאָוואָבראַנצעס האָבן זיך באַלד אויסגעזעצט צו סלאָוועסנאָסט און עפשטיין איז אָריין אין רוקאָמאָיניק מיט אַן אַרונטער-געלאָזטן קאָפּ.

גלייך נאָך סלאָבאָדקע בין איך אריין אין רוקאָמאַניק. איך האָב געפונען דעם אויסגעבראָכירטן סאָלדאַט, זיצנדיק אין אַ ווינקל אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער. זיינע אויגן זענען געווען רויט פון וויינען.

— נו, גאָט צו דאַנקען, איך ווער דאָך אַמאָל פּטור פון פּאַניעס הענט! — האָט עפּשטיין זיך אָפּגערופן, ווען ער האָט מיך דערזעען. — איר האָט דען עפּעס אַ באַגריף, וואָס איך האָב דאָ איבערגעליטן? איך ווינטש עס נישט מיין גרעסטן שונא.

עפּעלבוים איז אויך באַלד אַריינגעקומען און עפּשטיין האָט פאַר אונדז זיין ביטער האַרץ אויסגעגאָסן:

— איר האָט מיך דאָ נאָך פריער נישט געזען. איר זענט ביידע פון דעם יאָר, — האָט עפּשטיין אָנגעהויבן. — איך זאָג אייך אָבער, אַז מיך איז אסור צו דערקענען. פון מיר איז געוואָרן אַ האַלבער מענטש אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך דאָ אויסגעוואַלגערט. אַ קלייניקייט, אַ יאָר מיט פיר חדשים אַרומגעטריבן צו ווערן פון לאַזאַרעט צו לאַזאַרעט. די יסורים, די דערנידערונגען און די קלעפּ, וואָס איך האָב טאָג־איין, טאָג־אויס געקריגן, זענען געווען גענוג צו מאַכן קראַנק דעם געזונטסטן מענטש, בפרט מיך, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אַ שוואַכער.

„איך האָב געליטן פון שקראָפּל פון מיין קינדהייט אָן. די קראַנקהייט איז בײַ אונדז אין דער פאַמיליע. מיין פאָטער האָט דערפון געליטן און מיינע צוויי יינגערע ברידער ליידן דערפון. עס איז גאָרנישט געווען וואָס צו טון דערצו און איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דעם, אַז איך האָב געמיינט, אַז עס מוז אַזוי זיין. פריינט און באַקאַנטע האָבן מיך געטרייסט, אַז די קראַנקייט וועט מיר גוט צונוץ קומען בײַם פּריזיוו. „נו, אויך אַ שטיקל גליק!" פלעג איך בײַ זיך טראַכטן. ליידן קאָסט דאָך געלט צו מאַכן זיך אַזאַ קראַנקייט. איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט מיך פאַר קיין סאָלדאַט נישט אָפּגעבן.

„אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען מען האָט מיך בײַם פּריאָם, אָנשטאָט פריי צו לאָזן, גאַר נאָגנאַטשעט אויף קאָמיסיע. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז יידן האָבן צופיל קאַליקעס אין פאַרכעס און ווען מען זאָל זיי אַלעמען אויסבראָקירן, וועלן נישט זיין גענוג סאָלדאַטן אפילו ווען מען זאָל אַלע פערווע לגאָטעס אָפּגעבן. האָט מען מיך, הייסט עס, געשיקט אויף קאָמיסיע.

„אַנקומענדיק אהער, האָבן אַ פּאָר וואַטשעס מיך אונטערזוכט. איי־נער האָט געזאָגט, אַז איך האָב דעם אויסשלאַג אויפן קאָפּ זיך אַליין געמאַכט. דער צווייטער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז בײַ מיר נאַטיר־לעך, יעדנפאַלס, האָט ער צוגעשטימט, דאַרף מען זיך נישט אײַלן און זען, וואָס מען קאָן טון דערצו. נאָך זײַן מיינונג האָט מען עס געדאַרפט קאָנען אויסהיילן אין משך פון עטלעכע חדשים. מען האָט מיך דאַן אַוועקגעשיקט אין לאַזאַרעט, וווּ איך האָב פאַרזוכט דעם ערשטן טעם פון פּאַניעס דיסציפּלין.

„נאָך עטלעכע וואָכן מאַטערניש אין לאַזאַרעט, האָבן די וואַטשעס דערקלערט, אַז איך בין פיל בעסער. מען האָט מיר דאַן געבראַכט אין דער קאַזאַרמע און געשטעלט צו „זאַניאַטיע" גלייך מיט אַלע נאָוואָ־בראַנצעס.

„אָט דאָ ערשט האָב איך פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון צרות. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מײַנע פריינט, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַלן אונטער די הענט פון די טיראַנען. זיי זענען דאָך פּשוטע מערדער. איר האָט געדאַרפט קענען דעם זוואָדנעם וויערצשוקין מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען ער איז נאָך אַן אונטעראָפיציר געווען. ער איז געווען אַן איינפאַכער וואַלד־גזלן. אַז ער פלעגט זיך צוכאַפּן צו מיר, פלעג איך מיינען, אַז עס ענדיקט זיך מײַן לעבן און שלאָגן פלעגט ער מיך תמיד נאָר איבערן קאָפּ און דווקא מיטן פּאַיאַס.

„איינמאָל האָט וויערצשוקין מיך אזוי צעשלאָגן, אַז בלוט האָט געראָנען פון אונטער מײַן היטל. דער ראָטנע־קאָמאַנדיר איז גראָד אָנגע־קומען און דאָס באַמערקט און דעם זעלבן טאָג האָט מען מיך צוריקגע־שיקט אין לאַזאַרעט.

„ווידער בין איך אין לאַזאַרעט אָפּגעלעגן אַ פּאָר חדשים און דער קאָמיסיע האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין בעסער. מען האָט מיך צוריק־געשיקט אין קאַזאַרמע, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט דער ראָטנער מיך פון דאָרט ווידער אַרויסגעשיקט.

„אזוי בין איך אַרומגעטריבן געוואָרן הין און צוריק; אַ פּאָר חדשים אין לאַזאַרעט און עטלעכע טעג אין קאַזאַרמע. ביז מײַן קראַנק־הייט איז פיל ערגער געוואָרן. דערצו האָב איך נאָך צוגעקריגן אַ שוואַכ־קייט אין האַרץ און האָב גענומען שטאַרק איינפאַלן, ביז מען האָט מיך

איין טאָג אויף נאָסילקעס געמוזט אַרויסטראָגן פון קאַזאַרמע און ברענגען צוריק אין לאַזאַרעט. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען די נאָוואָבראַנצעס פון דעם יאָר זענען אַהער אָנגעקומען.

„מען האָט מיך געבראַכט אין לאַזאַרעט כמעט אַ טויטן. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר קומט פאָר. איך האָב געהאַט גרויס היץ און, ווי איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט, האָט צו אַלע גליקן זיך געהאַט צו מיר צוגעטשעפּעט טיפוס. נאָר, ווי זאָגט מען: אַז עס איז נישט באַשערט צו שטאַרבן, לעבט מען. די וראַטשעס אין לאַזאַרעט האָבן פאַר דער צייט געמאַכט נאָך אייניקע פּראָבעס צו אויסהיילן מיין שקראָפול און ווען זיי איז ענלעך נמאס געוואָרן צו האָבן צו טון מיט מיר, האָבן זיי דערקלערט, אַז מיין קראַנקייט איז אומהיילבאַר.

„נאָך דעם האָט ערשט געדויערט גאַנצע צוויי חדשים, ביז די קאָמיסיע האָט זיך באַשלאָסן מיך אויסצובראַקירן. איצט אָבער לאַך איך פון זייערע אַלעמענס קעפּ — האָט עפּשטיין געענדיקט אין טאָן פון נצחון.

עפּשטיין האָט קוים געענדיקט דאָס לעצטע וואָרט, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון קאַזאַרמע: „יעפּשטיין!“

דער אויסגעבראַקירטער סאָלדאַט איז אַרויס פון רוקאָמאָיניק און דער פעלדפעבל האָט אים איבערגעגעבן זיינע מטלטלין: אַן אַלט בגד, אייניקע שטיקלעך אונטערוועש און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס זענען געווען איינגעבונדן אין אַן אַלטער פאַטשיילע. דער נאַטשאַלניק האָט עפּשטיינען אויך אָפּגעגעבן צוויי רובל מיט קאָפּיקעס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פונדערהיים.

דער פעלדפעבל האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און געזאָגט צו וויעראָווקינען, אַז אין אַ שעה אַרום זאָל ער צושיקן דעם אויסגעבראַקירטן אין דער פּולקאָוואָיער קאַנצעלאַריע. דאַן האָט ער צוגעוואָרפן עפּשטיינען אַ סאַרקאַסטישן בליק, האָט צוויי מאָל אויסגעשפּיגן און איז אַוועק אין קאַנצעלאַריע.

עפּשטיין האָט גענומען צורעכט מאַכן זיין פּעקל. די נאָוואָבראַנצעס האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אייניקע פון זיי האָבן זיך געמאַכט לוסטיק איבער אים, האָבן אים גערופן „פּאַרכאַטי זשיד“ און אים אַלץ געזוכט אַראָפּצוּוואַרפן דאָס היטל, און די אַנדערע האָבן אויף

אים געקוקט מיט קנאה און געמורמלט: „די יידן האָבן זיך טויזנטער וועגן זיך אַרויסצומאַכן פון דער סלוושבע".

וויעראָווקין איז מיטאַמאָל צוגעקומען און באַלד זענען צוגעקומען פּלעטניאָוו, מיטשורין און אַנדערע געהויבענע. זיי האָבן זיך אַלע איבער־געקוקט און געשמייכלט. וויעראָווקינס פּנים האָט פּלוצלינג אויפגעשטראַלט, ווי עפּעס אַ געוואַלטיקער געדאַנק וואָלט אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן.

— העי, יעפּשטיין! — האָט דער זוואָדנער אויסגערופן מעשה מושל. — דו האָסט נאָך דאָ צו פאַרבלייבן אַ גאַנצע שעה. טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זיצן ליידיק און נישט טון עפּעס. רוען וועסטו צייט האָבן, ווען דו וועסט אַהיימקומען.

וויעראָווקין האָט זיך איבערגעשושקעט מיט פּלעטניאָוון און באַלד האָט מען דעם אויסגעבראַקירטן סאָלדאַט אַוועקגעשטעלט אויף אַ שעה „פּאַדקאַזיראַק" פאַרן שפּיגל.

דערקענט דעם בעל־דבר

עס איז געווען אַ כמורנער נאָכמיטאָג. אַש־קאָלירטע וואָלקנס האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן פֿון הינטער דער קאַזאַרמע צו דער שטאָט צו און די בערג שניי, וואָס די „זאַווירוכע״ האָט אָנגעטראָגן אויפֿן גרויסן מושטיר־פּלאַץ די לעצטע נאַכט, זענען געלעגן ווי אונטער אַ דעקע איינגעהילט. פֿון די קוימנס פֿון די שיטער אויסגעשפּרייטע הייזער פֿון פֿאָרשטאָט האָבן זיילן רויך זיך געקייקלט שווער איבער די דעכער און געזונקען אַלץ אַראָנטער, ווי אַ שווערע משא וואָלט פֿון אויבן אויף זיי געדריקט. און דאָס אָנקומען פֿון אַן „אָדלינגע״ האָט זיך אין דער לופֿט געשפּירט.

דער ראָטנע־קאָמאַנדיר האָט נאָר־וואָס די קאַזאַרמע פֿאַרלאָזט און מיר, יונגע סאָלדאַטן, האָבן געקריגן אַ באַפֿעל, זיך אויסצוזעצן אויף סלאָוועסנאָסט.

אין יעדן וואָך באַזונדער האָבן די נאָוואָבראַנצעס זיך פֿאַרקליבן אין די באַשטימטע ווינקלען און די געהויבענע האָבן זיך מכין געווען פֿאַר דער קנעלונג, זיך רייבנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט.

מיטאַמאָל האָט באַם אַריינגאַנג זיך דערהערט אַ שטיקל טומל. דעם דיזשורניס קול און אַ פּאָר פֿרויען־שטימען האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ היציקן געשפּרעך. באַלד זענען זייך צוגעקומען אַנדערע שטימען, אונטער וועלכע עס האָט צום שאַרפֿסטן אָפּגעקלונגען דאָס מעשענע קול פֿון זוואָדנעם גאָלובאָוו.

אַלע געהויבענע און אַלע אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אין קאַזאַרמע געפֿונען, האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר, אָבער פֿון די נאָוואָבראַנצעס האָט קיינער נישט געוואַגט פֿון אָרט זיך צו רירן. זיי זענען

געוועסן מיט פאַרשפּיצטע אויערן און זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס עס קומט דאָרט פאָר באַם אַריינגאַנג.

באַ יעדן איינעם פון די יונגע סאָלדאַטן איז, קענטיק, געווען אַ געוואַלטיקער חידוש צו הערן דאָס קול פון אַ פרוי אין דערדאָזיקער אומגעבונג. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט פאַרוווּנדערט און אין דער שטיל געפּרוווט טרעפן, וואָס דאָס זאָל מיינען.

— ס'איז אוודאי עמעצנס אַ מאַמע, געקומען זעען איר זון — האָט זיך אָפּגערופן קיריק.

— ניין, עס איז גיכער אַ קרעמערקע, געקומען מאָנען אַ חוב פון אַ געהויבענעם — האָט באַשקאָ מיט אַ כיטרע שמייכל אונטערגעכאַפּט.

לאַזאָווסקי און בוליגאַ זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער און פאַרגאַפט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען, וואָס זייערע חברים דריקן אויס אַזוי פריי, אַליין האָבן זיי אָבער גאָרנישט געוואַגט צו זאָגן מכוח דעם ענין.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דער גאַנצער עולם פון לעבן דער טיר האָט זיך פאַרקליבן אין ערשטן זוואַד. צוויי נידעריקע מיעש־טשאַנקעס אין שווערע פעלצן מיט פאַטשיילעס איבער די קעפּ, איינע אַריבער די מיטעלע יאָרן און די צווייטע, קענטיק איר טאָכטער, אַ שיקסע פון אַ יאָר צוואַנציק, זענען געווען אינמיטן פון דער „טאָלפּאַ", האָבן האַסטיק גערעדט און אומרויק זיך אַלץ אַרומגעקוקט אַרום זיך, ווי זיי וואָלטן געזוכט עמעצן צו דערקענען.

— אפשר איז דאָס איינער פון די ? — האָט זוואָדנער גאָלובאָוו מיט אַן אָנגעשטעלטן ערנסט זיך אָנגערופן צו די פרויען, אָנווייזנדיק אויף די נאָוואָבראַנצעס, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט איבער צוויי לאַנגע בענק אין לינקן ווינקל צום פראָנט.

די פרויען זענען צוגעגאַנגען נאָענט און האָבן פון אונטער די פאַטשיילעס באַטראַכט די נאָוואָבראַנצעס און נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעקוקט הין און צוריק אַ פאָר מאָל, האָבן זיי געשאָקלט זייערע קעפּ אויף ניין.

באַ דער עלטערער גויע זענעןביידע אויגן געווען אונטערגעשלאָגן און באַ דער שיקסע איז געווען צעקראַצט אַרום מויל און די אייבערשטע ליפּ איז געווען שטאַרק פאַרשוואָלן. אויף איר פּנים האָבן אַלע

ווײלע די קאַלירן זיך געביטן און אירע אויגן האָבן געקוקט אַרונטער פֿאַרשעמט און צעשראָקן.

— וואָס טוט זיך דאָס דאָרט? וואָס איז געשען? — האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דעם פֿעלדפֿעבלס קול פֿון דער אָפֿענער טיר פֿון קאַנצעלאַריע. דער שטרענגער נאַטשאַלניק איז באַלד צוגעקומען און זוואַדנער גאַלובאַוו האָט געהייסן די פּרויען איבערדערציילן פֿאַר זיין פֿאַרגעזעצטן זייער געשיכטע.

— גאָספּאָדין פֿעלדפֿעבל — האָט די עלטערע אָנגעפֿאַנגען אַ ביסל הייזעריקלעך. — לעצטע נאַכט אין דער רעכטער זאַווערוכע, איז אַ סאָלדאַט פֿון אייער ראָטע געקומען צו מיר אין הויז אַן אָנגעשיכורטער, האָט שיער דערהרגעט מיך און מײַן טאָכטער און האָט מיר באַרעבאַוועט די עטלעכע רובל, וואָס איך האָב לעצטן זונטיק אָפּגענומען פֿאַר דעם רויטן קאַלב.

— פֿונוואַנען ווייסט דו, אַז דער סאָלדאַט, וואָס האָט דיך באַראַבעוועט, איז געווען פֿון מײַן ראָטע? — האָט דער פֿעלדפֿעבל געפֿרעגט בייזלעך.

— גראַטשאַן, פֿון דער מאָנאָפּאָלקע, האָט מיר דאָס געזאָגט, ווען איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט אונז האָט געטראָפֿן.

— ווי איז דער סאָלדאַט געגאַנגען אָנגעטון? — האָט דער פֿעלדפֿעבל געפֿרעגט עטוואָס מילדער, אַרויסנעמענדיק זיינע שפּאָקולן פֿון שיידל.

— ער האָט געהאַט רויטע שליפֿעס אויפֿן שינעל און אַ היטל מיט אַ בלויע אָקאָלושקע.

— דאָס טראָגן אַלע אין וויאַטסקען פּאָלק.

— יאָ, אָבער גראַטשאַן זאָגט, אַז ער ווייסט באַשטימט, אַז ער איז פֿון דער דריטער ראָטע. אייניקע מינוט איידער דער אויסוואורף האָט מיך באַראַבעוועט, איז ער אין מאָנאָפּאָל געווען. צוויי פֿלעשלעך געקויפֿט. געווען דער איינציקער קונד דעם אָוונט.

דער פֿעלדפֿעבל האָט אַ ווײַלע געקוועטשט מיט די פּלייצעס. דאַן האָט ער אָפּגערופֿן אָן אַ זייט דעם זוואַדנער גאַלובאַוו און וויעראָווקין און מיט זיי געהאַט אַ לענגערן ישוב הדעת.

— אַלע זאָלן זיך גלייך אויסשטעלן אויף פּאָווערקאַ! — האָט וויע־ראָווקין באַלד אויסגערופן.

אַ רייע האָט זיך באַלד פאָרמירט איבער דער גאַנצער לענג פון קאַזאַרמע און איינער פון די אונטעראָפיצירן האָט גענומען לייענען פון אַ צעטל:

— אַגאַפאַר מאַטושין.

— יאָ.

— מאַטווע טיערעסקאַ!

— יאָ.

גריגאָר ניקיטין!

נישטאָ קיין ענטפער.

— גריגאָר ניקיטין! — האָט דער אונטעראָפיציר אויסגערופן אַ צווייט מאָל.

— ניקיטין איז אויף קאַראַול — האָט זוואָדנער וויעראָווקין באַמערקט.

— סטעפאַן באַשקאַ!

— יאָ.

— מיכאַיל קיריק!

— יאָ.

— פיאָדאָר אָגרושקאַ!

— אָגרושקאַ רוימט דעם שניי אין פראָגט פון קאַזאַרמע — האָט וויעראָווקין געזאָגט.

— אַדאַם פּאַוולאָוויטש!

— אויף קאַראַול — האָט זוואָדנער גאָלובאָוו אונטערגעכאַפּט.

ווען דער אונטעראָפיציר איז פאַרטיק געוואָרן מיטן צעטל, האָט דער פעלדפעבל די צוויי פרויען געהייסן פאַרבייגיין יעדן איינעם און זען, אויב זיי וועלן דערקענען דעם בעל־דבר.

די עלטערע גויע האָט פאַרוואָרפן די פּאַטשיילע איבער די שול־טערן און איז לאַנגזאַם געגאַנגען פאַרביי דער רייע, ווען־נישט־ווען אָפּשטעלנדיק זיך באַ איינעם עטוואָס לענגער, איר טאָכטער האָט זיך באַכגעשלעפּט פון היגטן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אירע אויגן האָבן געקוקט מער אויף די שטיוול פון די סאָלדאַטן ווי אויף זייערע געזיכטער.

אירע באַוועגונגען זענען געווען אומגעלומפּערט און אירע באַקן האָבן געפלאַמט, ווי זי וואָלט זיי אַנטקעגן אַ הייסן אויוון געהאַלטן.

— אַנו — האָט דער פעלדפעבל אויסגערופן, ווען די פרויען זענען געקומען צום צווייטן עק פון דער רייע.

— איך ווייס נישט — האָט די עלטערע גויע אין פאַרלעגנהייט געזאָגט. — עס איז געווען פינצטערלעך אין הויז און דאָס פּנים האָט ער געהאַלטן איינגעגראָבן אין קאָלנער, נאָר ווי מיר דאַכט זיך, האָט די פּראָקליאַטע בעסטיע געהאַט ברייטערע פּלייצעס ווי די, וואָס איך זע דאָ.

— וויעראָווקין, ווו האָסטו געזאָגט איז אָגרושקאָ? רוימט דעם שגיי? ברענגט אים גלייך אַרויף!

אַ יעפרייטער איז אַראָפּגעלאָפן און איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוריקגעקומען מיט אָגרושקאָן.

— קענסטו די צווי פרויען? — האָט דער פעלדפעבל זיך שטרענג אָפּגערופן צו אָגרושקאָן, ווען פּלייצעס עס זענען ווירקלעך געווען אויסערגעוויינלעך ברייט.

— ניע קאַק ניעט — האָט אָגרושקאָ געענטפערט מיט אַ יראת הרוממות — איך זע זיי איצט צום ערשטן מאָל.

— וראָש! — האָט דער פעלדפעבל או סגעשריגן. — ווו ביסטו געווען נעכטן אָוונט? צו פּאָווערקע ביסטו אין קאַזאַרמע נישט געווען!

— איך בין אין שטאָט געווען, און ווען איך האָב גענומען גיין אין קאַזאַרמע, איז די זאַווערוכע מיטאַמאָל אַרויסגעפאַלן און איך האָב נישט געקאָנט באַווייזן צו קומען אין דער צייט צו פּאָווערקאַ. איך בין אָבער געקומען באַלד נאָכדעם. איר קאָנט פרעגן דעם דיזשורני.

— ווי שפּעט איז געווען, ווען דו ביסט געווען אין דער מאָנאָ-פּאָלקע הינטער דער אייזנבאַן?

אָגרושקאָ איז רויט געוואָרן איבער די אויערן און זיין בליק האָט אויסגעדריקט גרויס פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך אָבער געמאַכט, ווי ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן.

— אַז דו וועסט נישט זאָגן דעם גאַנצן אמת, וועט דער טשאָרט דיך נעמען — האָט דער פעלדפעבל געדונערט מיט זיין שטימע. — אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן וועל איך דיך פאַרשיקן.

אַגרושקאַ האָט זיך געהאַלטן בײַ אײנס, אַז ער װײסט פֿון קײן זאַך נישט און אַז ער האָט די צװײ פּרויען קײנמאָל נישט געזען.

— און װאָס זאָגט איר? — האָט דער פֿעלדפֿעבל געפֿרעגט, זיך װענדנדיק צו די פּרויען. — דענקט איר, אַז דאָס איז דער סאָלדאַט, װאָס האָט אײַך באַראַבעװעט און געשלאָגן? און װי אַזױ קאָנט איר דאָס באַװײַזן?

— איך װאָלט געשװאוירן, אַז דאָס איז דער ראַזבאָיניק — האָט די שיקסע זיך אָפּגערופֿן אין דער שטיל צו איר מוטער. — פֿון זײַנע פּלײצעס קאָן איך דאָס זעען.

— איך גלײב, אַז דאָס איז ער. — האָט די עלטערע גויע גע-זאָגט מיט אַ מינע פֿון באַשלאָסנקײט. — מײַן טאָכטער גלײבט אױך, אַז ער איז דאָס דער נאַכט-רױבער.

— עס איז אָבער נישט גענוג, װאָס איר דענקט — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט מיט אױטאָריטעט, אױסגלײכנדיק די שפּאַקולן אױף דער נאָז. — מאַלע װאָס מען קאָן דענקען. מען מוז אָבער האָבן באַװײַזן.

די שיקסע האָט זיך אַ װײלע פֿאַרטראַכט. דאַן האָט זי אָפּגערופֿן איר מוטער אָן אַ זײַט און איר עפּעס אַרײַנגעשושקעט אין אױער.

— גאָספּאָדין פֿעלדפֿעבל — האָט די גויע זיך אָפּגערופֿן, װען זי איז צוריק צום נאַטשאַלניק צוגעקומען — מײַן טאָכטער זאָגט, אַז אין דער צײַט, װאָס דער גזלן האָט געהאַלטן מיך אין שטיקן, האָט זי אים אײַנגעביסן אין פֿוס, און זי גלײבט, אַז עס האָט בײַ אים זיך געדאַרפֿט אָפּשטעלן אַ סימן פֿון ביס.

צװײ סאָלדאַטן האָבן אױפֿן באַפֿעל פֿון פֿעלדפֿעבל אַרײַנגעפֿירט אַגרושקאָן אין קאַנצעלאַריע. דער פֿעלדפֿעבל און די זװאָדנע זענען אים נאָכגעגאַנגען און אײדער אַ פּאָר מינוט זענען אַריבער, האָבן אַלע אין קאַזאַרמע געװוּסט, אַז אַגרושקאַ איז דאָס טאַקע דער ריכטיקער בעל-דבר.

צוליב אַ פּאָרציע פלייש

זינט קוזשמענקא איז געוואָרן אַרטעלשטשיק, זענען ניי פּאָראַדקעס איינגעפירט געוואָרן אין קאַזאַרמע.

פאַר אים האָט אַ סאָלדאַט געקאָנט עסן דאָס קרויט אָדער קאַשע פון וועלכן באַק ער האָט נאָר געקאָנט דערלאַנגען, אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט איבערגענומען די השגחה איבער דער קוכניע, האָט יעדער גרופּע געמוזט האָבן איר אייגענעם באַק און אַ סאָלדאַט פון איין גרופּע האָט נישט געקאָנט האָבן אַ צוטריט צו אַ באַק פון אַ צווייטער גרופּע. אַ צווייטע איינפירונג פון קוזשמענקא איז געווען, וואָס באַם עסן זאָל איין סאָלדאַט נישט כאַפּן פאַר דעם צווייטן. ער האָט אויך איינגעפירט, אַלע-מענס לעפל זאָלן זיין פון איין מאָס (זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די גזרה נישט אָנגערירט די געהויבענע, וועמענס לעפל עס זענען געווען טיפער און ברייטער פון די פּראָסטע סאָלדאַטן) און אַז די פּאָרציעס פלייש זאָלן די סאָלדאַטן קריגן צום לעצט און נישט פון אָנהייב „אָביעד", ווי עס איז פון שטענדיק אָן געווען איינגעפירט אין קאַזאַרמע.

פאַר זיין לעצט אויפטועכץ האָבן אַ סך סאָלדאַטן פאַריבל געהאַט אויף קוזשמענקא, ווייל מערסטנטייל פלעגן זיי דאָס ברויט אויפעסן פריער, צוזאַמען מיטן קרויט, און ווען עס איז געקומען צו דעם פלייש, האָבן זיי עס געמוזט עסן מיט גאָרנישט.

אַלטע סאָלדאַטן האָבן זיך „געזשאַלאָבעט" פאַר די געהויבענע, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. קוזשמענקא האָט געטענהט, אַז ער מוז אַזוי טון, כדי צו זיין זיכער, יעדער איינער זאָל קריגן זיין פּאָרציע.

איידער קוזשמענקאָ איז געוואָרן אַרטעלשטשיק, פלעגט טאַקע פּאַ-

סירן, אז נאָוואָבראַנצעס פלעגן בלייבן אָן א חלק פלייש. אמאָל דער אַרטעלשטשיק און אמאָל אַזוי אַ יעפרייטער פלעגט אַרומגיין איבער די זוואָדן, נאָך איידער מען פלעגט טרובען פאַר אָביעד, און פונאַנדערוואַרפן די פּאָרציעס צו די סאָלדאַטן. האָט פּאַסירט, אַז אַ סאָלדאַט איז גראָד אַרויסגעגאַנגען אין רוקאָמאָיניק אָדער אַנדערש־ווו, האָט ער זיין חלק פלייש אינגאַנצן פאַרשפּילט. דער אויסטיילער האָט עס פאַר זיך אַראָפּגעלאָזט אָדער פאַר חברה נאַטשאַלניקעס דאָס אַוועקגעגעבן, און ווען דער געקריוודעטער סאָלדאַט איז געקומען מאָנען זיין חלק, האָט ער געקריגן אין דער „מאַמען אריין" אָדער אין מאָרדע מיטן אויסרייד: „ווו ביסטו פריער געווען?"

קוזשמענקא, וואָס איז געווען פון דער נאַטור אַן אָרנטלעכער „שייגעץ", האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עוולה. ער האָט געזאָגט, אַז באַם צאַר באַטיושקאַ זענען אַלע סאָלדאַטן גלייך און יעדער איינער, וואָס טראָגט דעם קייסערס קליידער, דאַרף קריגן וואָס עס פּאַלאַגאַיעט זיך אים. און ווען ער האָט זוכה געווען צו ווערן אַרטעלשטשיק, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרט, קיין איינציקן נישט צו קריוודען, אַ נאָוואָבראַנעץ אָדער אַן אַלטן סאָלדאַט.

און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן.

זינט קוזשמענקאָ איז אַרטעלשטשיק געוואָרן, האָט קיינער אין קאַזאַרמע זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן, אַז ער האָט קיין פלייש נישט געקריגן, אָדער ער האָט געהאַט ווייניקער קאַשע פון אַנדערע.

טרוגאָוו, דער לעצטער אַרטעלשטשיק פאַר קוזשמענקאָן, וואָס האָט אינגאַנצן נאָר איין־יקע וואָכן געקעניגט אין קוכניע, האָט זיך שטאַרק מתקנא געווען אָן קוזשמענקאָן פאַרן גוטן נאָמען, וואָס ער האָט געקריגן באַם ראָטנע־קאָמאַנדיר. ער האָט אַלץ געזוכט צו טון רשעות זיין נאָכפאָלגער און צוזאַמען מיט די אומצופרידענע פון די נייע פּאַראַדקעס אין סטאָלאָווע, האָט ער באַ יעדער געלעגנהייט געהעצט קעגן דעם נייעם אַרטעלשטשיק.

נישט איין מאָל האָט טרוגאָוו אָדער ווער פון זיינע ברידער געזוכט צוצוגנבענען אַ פּאָר פּאָרציעס פלייש פון שפּייז־קאַמער, כדי קוזשמענקאָ זאָל נישט האָבן גענוג אויסצוקומען באַם פונאַנדערטיילן, אָבער קוזשמענקאָ איז געווען זייער פאַרזיכטיק און האָט נישט צוגעלאָזט קיינעם, אויף ווען

ער האָט דעם מינדסטן פאַרדאַכט געהאַט, צו דער קוכניע אָדער שפּייכלער.

קוזשמענקאָס אויפטו אויסצוטיילן דאָס פלייש צו ענדע אָביעד איז געווען איינפאַך, צו האָבן גענוג צייט איבערצוציילן זיך, אַז ער האָט גענוג חלקים פלייש, און צו קאָנען איבערציילן דריי מאָל, איידער ער גייט זיי אויסטיילן אין סטאָלאָווע.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז באַם דריטן מאָל ציילן האָט זיך קוזשמענקאָ געכאַפּט, אַז אים פעלט אַ פּאָרציע פלייש.

— סטייטש, ווי קאָן דאָס זיין? — האָט ער זיך אָפּגערופן פאַרוואונדערט צו די צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאָלפן אין קוכניע. — איך האָב דאָך נאָר־וואָס אָפּגעציילט צוויי מאָל צו הונדערט זעקס און דרייסיק און מיטאַמאָל — גאָר איינס ווייניקער!

— אפשר האָסטו דאָס לעצטע מאָל געמאַכט אַ טעות? — האָט אים איינער פון די סאָלדאַטן געפרעגט. — בעסער צייל איבער נאָך אַמאָל.

קוזשמענקא האָט גענומען ציילן אַ פערט מאָל.

לאַנגזאַם האָט ער אויסגעלייגט די פּאָרציעס פלייש אויפן טיש, צו צען פּאָרציעס אין אַ קופּקע, אָבער ווען ער איז געקומען צו דער לעצטער קופּקע, האָט ער נאָר געהאַט פינף שטיקער פלייש אין באַק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טשאָרט? — האָט דער אָרטעלשטשיק גערעדט צו זיך אַליין, זיך קראַצנדיק אין פּאַטיליניצע.

ער האָט ווידער גענומען ציילן. דאָס מאָל האָט ער די פּאָרציעס שוין נישט אויסגעלייגט אין קופּקעס, נאָר אין רייעס, צו צען פּאָרציעס אין אַ רייע, באַ דער ענדע איז אָבער געווען דער זעלבער רעזולטאַט: מיט איין פּאָרציע, ווייניקער ווי עס האָט באַדאַרפט זיין.

דער יונגער אָרטעלשטשיק האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טון. ער האָט באַטראַכט מיט פאַרדאַכט די צוויי סאָלדאַטן. געקוקט, פריער אין די פּנימער, דערנאָך אין די הענט, אַרום בוזעם און די קעשענעס. די קאָלירן אין זיין פּנים האָבן זיך געביטן פון ווייס אויף רויט און פון רויט אויף ווייס און זיינע ציין האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט פאַר כּעס.

— ברידער, דאָס האָט געטון איינער פון אייך! — האָט קוזשמענקאָ זיך אָפּגערופן צו די צוויי סאָלדאַטן. — איך בין חושד, אַז איר

זענט אָנגעשטעלט געוואָרן פון טרוגאָוון. בעסער זאָגט אויס און גיט אָפּ די פּאָרציע פלייש.

מאַזורינען, דעם עלטערן פון די צוויי סאָלדאַטן, וועלכער האָט נאָך לאַנגער געדאַרפט אַהיימגיין, איז שטאַרק נישט אָנגעשטאַנען דעם אַרטעלשטשיקס באַמערקונג. ער האָט געמאַכט אַ פעסטן קולאַק און זיך מיט אים פאַרמאָסטן אין קוזשמענקאָס פּנים. קוזשמענקאָ האָט געכאַפּט די ליידיקע באַק פון טיש און עס האָט געהאַלטן בײַ אַ געשלעג, ווען דער יעפרייטער מיטשורין איז אָנגעקומען נאָך די פּאָרציעס פלייש פאַר די געהויבענע.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט מיטשורין אויסגערופן, זיך אַוועקשטעלנדיק צווישן מאַזורין און דעם אַרטעלשטשיק — גאָר שלאָגן זיך? פאַר וואָס? פאַר ווען?

— אַ פּאָרציע פלייש האָבן זיי פון מיר געגנבעט — האָט קוזשמענקאָ געשריגן.

— פּרוּוו עס נאָר זאָגן נאָכאַמאָל, האַק איך דיר דײַנע פאַרשיווע ציין אויס — האָט מאַזורין געקרעוועט, רייסנדיק זיך מיט די פויסטן צום אַרטעלשטשיק.

— קיין אַנדערער אויסער זיי איז דאָ נישט געווען און בײַ די ערשטע צוויי מאָל ציילן, האָב איך געהאַט אַלע פּאָרציעס — האָט קוזשמענקאָ געזאָגט, זיך אַרונטערלאָזנדיק אַ פאָר טענער.

— אַזאַ טייערער ציילער ביסטו דאָס — האָט מאַזורין מיט איראָניע געזאָגט. — אַ ביסל אַן אַרטעלשטשיק אויסגעקליבן, נו!

אַ צווייטער יעפרייטער איז צוגעקומען זעען פאַרוואָס מיטשורין זוימט זיך אַזוי לאַנג מיט דעם פלייש, און מיט זיין צוקומען האָט די מחלוקה צווישן מאַזורינען און דעם אַרטעלשטשיק זיך אָפּגעפרישט. אין סטאָלאָווע האָט מען זיך דערוווּסט, וואָס עס גייט פאַר און די קוכניע איז באַלד געוואָרן פול מיט סאָלדאַטן.

קוזשמענקאָ האָט געגעבן מיטשורינען די חלקים פלייש פאַר די געהויבענע און די איבעריקע האָט ער אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן באַק און עס פאַרשלאָסן אין אַלמער.

צווישן די אַלטע סאָלדאַטן איז געוואָרן אַן אויפריר. „גיב אונז די פּאָרציעס אַהער" — האָבן פיל געשריגן.

קוזשמענקא האָט פון אָרט זיך נישט גערירט. ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט קיינער נישט קריגן זיין חלק, ביז דער גנב וועט אָפּגעבן די געגנבעטע פּאַרציע.

דער פעלדפעבל איז דערווייל פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָביעד און איז צוגעקומען מאַכן אַ פּשרה.

— הע, הע, — האָט דער שטרענגער נאַטשאַלניק געבורטשעט אונטער דער נאָז, פאַרשאַרנדיק מיט ביידע הענט זיינע לאַנגע וואָנסעס אָן אַ זייט. — גאָר אַ מיאַטיעזש מאַכט איר דאָ. איך וועל אייך באַלד ווייזן סוואָלאַטשעס, ווי צו מאַכן מיאַטיעזשן!

די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען אָפּרוקן און דער פעלדפעבל איז צוגעגאַנגען בנעימות צום אַרטעלשטשיק און אים געפרעגט, וואָס עס קומט פאָר.

קוזשמענקאָ האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט אים באַגנבעט און ער האָט אָנגעוויזן אויף די, וועלכע ער האָט חושד געווען אין דער גנבה.

דער פעלדפעבל האָט געגעבן אַ באַפעל, צו זוכן די פּאַרציע פלייש בא מאַזורין און זיין חבר, יורקאָוו, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן עס נישט, האָט ער אָנגעקוקט דעם אַרטעלשטשיק מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגן: „באַשולדיקסט גאָר אומשולדיקע מענטשן!"

— איך ווייס נאָר איין זאַך — האָט קוזשמענקא געטענהט — אַז מען האָט די פּאַרציע פלייש פון מיר געגנבעט. און אויב מאַזורין און יורקאָוו האָבן עס נישט בא זיך, האָבן זיי עס געמוזט איבערגעבן צו עמעצן אַנדערש.

— און וואָס דענקסטו צו טון? — האָט דער פעלדפעבל געפרעגט.

— איך דענק גאָרנישט צו טון. איך וועל היינט קיינעם קיין פלייש נישט געבן, וועלן זיי וויסן, אַז מען דאַרף נישט גנבענען.

דער פעלדפעבל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. ער האָט מעכאַניש געדרייט דעם שפּיץ פון זיין רעכטער וואָנסע און אַ כיטרע שמייכעלע האָט זיך געשפּילט אויף זיינע בלויע ליפּן.

— הם, הם, נישט קיין קרומע זאַך, יעי באָגו — האָט ער אין זיך געברומט. — אַזעלכע היצלעס שאַדט נישט אַמאָל אָנצולערנען.

די זוואָדנע און איבעריקע געהויבענע פון ראָטע זענען אַריין פון

סטאָלאָווע. בא אייניקע האָבן די געלע הילצערנע לעפל ארויסגעשטעקט פון די כאָליעוועס, און בא אַנדערע זענען די מונדירן געווען פונאַנדער־געשפּיליעט און די עקן פון פּאַיאַס זענען ארונטערגעהאָנגען פוןביידע זייטן. דער אונטעראָפיציר פּלעטניאָוו האָט זיך געהאַלטן אין איין פּאַס־מאַקעווען, קענטיק, דער אָביעד האָט אים דאָס מאָל גוט געשמעקט. וואָדנער וויעראָווקין האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכן טאָלפּאַ און איז גע־בליבן שטיין באַם טיש לעבן פעלדפעבל.

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער גנבה, הע? — האָט דער פעלד־פעבל זיך אָנגערופן מיט געמאַכטן ערנסט צום וואָדנעם.

— איך קאָן גאַראַנטירן, אַז אַ סאָלדאַט פון מיין וואָד וועט אַזאַ זאַך נישט טון — האָט וויעראָווקין מיט שטאָלץ געענטפערט.

— מיינסטו צו זאָגן, אַז דאָס איז גאָלובאָווס שולד, וואָס מאַזורין איז אַ גנב? — האָט דער פעלדפעבל בייז אויסגערופן.

— ניעקאַק ניעט, גאָספּאָדין פעלדפעבל — האָט וויעראָווקין גע־זאָגט רויט ווערנדיק — איך האָב געמיינט, טאַק סעביע, מיינע סאָלדאַטן זענען ערלעכע כלאָפּצעס.

דער פעלדפעבל האָט צוגעוואָרפן דעם וואָדנעם אַ שמייכל, וואָס האָט באַדייט, אַז דער בייזער טאָן פון זיינע לעצטע ווערטער איז נאָר געווען פון פּאַרמע וועגן. ער האָט דאַן אַרויפגעלייגט די האַנט אויף וויעראָווקינס שולטער און אים געזאָגט, וואָס קוזשמענקאָ האָט באַשלאָסן צו טון.

— אַ גאַנץ גלייכע זאַך — האָט וויעראָווקין געזאָגט — דאָס איז דאָס איינציקע מיטל דער גנב זאָל נישט קריגן קיין צוויי פּאַרציעס.

אין דער צייט, וואָס עס האָט זיך אַזוי געטומלט, האָט טרוגאָוו זיך אַרומגעדרייט איבער דער קוכניע און געזוכט אין אַלע ווינקעלעך; אַרום אויוון, אונטערן טיש און אונטער די בענק. ער האָט עטלעכע מאָל זיך איינגעבויגן גיט צו באַטראַכטן עפּעס אַ קעגנשטאַנד און מיטאַמאָל האָט ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ שמחה און אויסגעשריגן: אָט איז די גנבה!

אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט און טרוגאָוו איז אַרונטערגעקראָכן אונטער דער ברייטער באַנק לעבן אַלמער און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ שטיקל פליישׁ, וואָס איז געווען אויסגעקאַטשעט אין זאַמד און שטויב.

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט.

— הייסט עס, אַז מיר האָבן דאָ, גאָט זיי דאַנק קיין גנבים נישט! — האָט דער פעלדפעבל אויסגערופן, איינגראָבנדיק זיין בליק אין קוזשמענקאָ. — נו, נו, אַ ביסל אַ טרעוואָגאַ געמאַכט!

דער שטרענגער נאַטשאַלניק האָט זיך אויסגעדרייט אַרויסצוגיין. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער אומגעקערט מיטן פּנים צום אַרטעל-שטשיק און געזאָגט:

— איך וואָלט זאָגן, קוזשמענקאָ, אַז די אויסגעפּאַטשקעטע פּאַרציע זאָלסטו נעמען פאַר זיך אַליין.

קוזשמענקאָ האָט געקוקט אַראָפּ פאַרשעמט און קיין וואָרט געזאָגט.

די פאַריתומטע זנאַמיע

אין פאַדערשטן צימער פון דער „אַדמיניסטראַציע“, ווו די „זנאַמיע“ און סטענדאַרדס פון דער גאַנצער דיוויזיע האָבן זיך געפונען, איז אין אַ ווינקל געשטאַנען אַ שמאָלע, שוואַרצע שאַנק מיט אַ קליין רונד שייבל אין טיר, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזעען אַן אַלטע, אויף פאַסן צעשאָסענע, קאָלירלאָזע זנאַמיע. אַ שוואַרץ טוך, אויף וועלכן עס איז געווען אין מיטן אויסגענייט אַ ווייסער קרייץ, האָט פאַרדעקט די אייבערשטע טייל פון שאַנק און די שוואַרצע פראַנזן, וואָס זענען פון איר באַ די ברעגעס אַרונטערגעהאָנגען, האָבן טיילוויז פאַרשטעלט די אייבערשטע העלפט פון שייבל.

פאַרוואָס די זנאַמיע האָט זיך דאָס דערדינט מען זאָל זי האַלטן באַזונדער אין אַ שאַנק און מאַכן פון איר אַזאַ פאַראַד, האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אָנפאַנגס האָב איך גדענקט, אַז דער יחוס מיט איר איז איינפאַך, ווייל זי איז זייער אַלט און האָט וואָרשיינלעך דורכגעמאַכט מערערע מלחמות, אָבער ווען איך האָב איין מאָל באַמערקט אין אַ ווינקל פון דעם שוואַרצן טוך אין קליינע ווייסע ציפער די יאָרן 1855 און 1877, וועלכע, איך האָב פאַרשטאַנען, באַציען זיך אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון דער זנאַמיע, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט מיט אירע יאָרן צייכנט זיך די זנאַמיע אויס, נאָר מיט עפּעס אַנדערש. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די זנאַמיע איז דאָס די „פאַריתומטע“, די פאַרשאָלטענע“, איבער וועלכער פאַרשידענע לעגענדעס האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין קאַזאַרמע.

לויט איינע פון די לעגענדעס, וואָס איך אַליין האָב געהערט פון

פעלדפעבלס מויל, ווערט די „פּאַריתומטע" זנאַמיע אָפּגעפּרישט צוויי מאָל אין יאָר. פון זיך אַליין ווערט זי אָפּגעפּרישט. מיטאַמאָל קריגט זי צוריק אירע ערשטע קאָלירן און די צעפּאַסעוועטע שטיקער אירע פּאַר-אייניקן זיך אין איין גאַנצעס, וועלכעס ווייעט און פלאַטערט הינטערן שייבל, ווי עס וואָלט געווען באַרירט פון אַ שאַרפן ווינט אויפן שלאַכט-פעלד און דאָס פּאַסירט שטענדיק אין דעם זעלבן טאָג פון יאָר און אין דער זעלבער שעה פון טאָג.

און אַנדערע לעגענדע לייגט נאָך צו, אַז נאָכדעם ווי די זנאַמיע קריגט צוריק איר טרויעריקן אויסזעען, הערט זיך אַ ווײַלע אַ פאַרשטיק-טער יאָמער פון דער שוואַרצער שאַנק און צווישן די פראַנזן פון דער שוואַרצער דעקע גייט אַ שטאַרקער ציטער דורך.

אין די יאָרצייט-טעג פון דער זנאַמיע ווערט אַ „פּאַניכידאַ" אָפּגע-האַלטן אין דער וואַיענער צערקווע. מען ברענגט די זנאַמיע צוזאַמען מיטן שוואַרצן ארון אין דער קירך און עס ווערט געמאַכט אַן אייג-דרוקספולע הזכרה פאַר דעם אָנדענק פון די בראַווע העלדן, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק זייער בלוט פאַר איר פאַרטיידיקונג פאַרגאָסן. אָבער דעם גאַנצן אמת וועגן דערדאָזיקער זנאַמיע האָב איך זיך דערוווּסט ערשט בײַ איינעם פון די „ליטעראַרישע" שבת-אָוונטן, וואָס אונזער ראַט-נע-קאָמאַנדיר, פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי, האָט איינגעפירט אין קאַזאַרמע.

עס איז געווען שבת, אָנפאַנג מערץ, איינער פון דער זנאַמיעס יאָרצייטס-טעג.

די גאַנצע ראָטע האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם ערשטן זוואָד, קורץ נאָכדעם ווי די „פּאַניכידע" אין צערקווע איז געווען פאַריבער און דער ראָטנער האָט מיט אַן ערנסטן טאָן אונז דערציילט:

„אַ קורצע צייט פאַר דעם קרימער קריג, האָט דער מאָסקווער אָקרוג געגרינדעט עטלעכע נייע פּולקן. צווישן זיי איז געווען דאָס „אַנטאָנאָווסקי".

„דאָסדאָזיקע פּולק איז באַלד געוואָרן איינס פון די מיוחסדיקסטע אין דער גאַנצער אַרמיי. אַלס זיין ערשטער קאָמאַנדיר איז באַזונאַטשעט געוואָרן אַ קאַדעט פון דער צאַרסקער פאַמיליע און די זנאַמיע זיינע איז געווען אַ געשאַנק פון אַ יונגער גרויספירשטין.

„אָט די פירשטין האָט פון איר קדושין-פינגערל גאָלדענע פעדים

געלאָזט אויסשפּינען און מיט אירע אייגענע הענט זיי אין דער זנאַמיע אריינגעוועבט.

„אָבער צוזאַמען מיט די גאָלדענע פעדים האָט אַ בייזע קללה זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער נייער זנאַמיע.

„אַן אַלטער מכשף ערגעץ־ווו, וואָס האָט געוווּסט אַלע סודות פון דער יונגער פירשטין, האָט אויף דעם פּרעכטיקן באַנער אַ וויסטן פלוך אַרויפגעוואָרפן.

„און דער פלוך פון דעם מכשף האָט באַלד גענומען ווירקן.

„דאָס פּאָלק איז נאָך נישט קיין חודש אַלט געווען, ווען אַ מגפה איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין זיינע קאַזאַרמעס און צענדליקע סאָלדאַטן זענען ווי די פליגן אויסגעפאַלן. די מגפה האָט געבושעוועט אַ גאַנצע וואָך און קיין מיטל איז נישט געווען זי אָפּצוהאַלטן. ערשט דאַן ווען עס איז געקומען צו דער וואָך, פּונקט אין דער שעה און דער מינוט, וואָס מען האָט זי צוערשט באַמערקט, איז די מגפה פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַזוי פּלוצלינג און געהיימניספול, ווי זי איז געקומען.

„קוים איז געגוּג צייט פאַראיבער צו פאַרגעסן דעם טרויעריקן איינדרוק, וואָס די מגפה האָט הינטער זיך געלאָזט, האָט אַ דונער אין קאַנצעלאַריע געטראָפן, דערהרגעט אַלע שרייבערס און פאַרברענט אויף אַש די ביכער.

„צוויי וואָכן שפּעטער איז דער פּאָלקאָווניק פון אַפּאָפּלעקסיע געשטאָרבן.

„דאַן ערשט האָט מען זיך אַרומגעזעען, אַז דאָס פּאָלק איז אַ פאַרשאָלטנס און מען האָט גענומען זוכן מיטלען דערפון די קללה אַראָפּצונעמען.

„דריי טעג נאָכן פּאָלקאָווניקס לוויה איז אָנגעקומען דער אַרכירעי פון קיעוו מיט אַ גרויסער סוויטע גלחים און אַ פּראָצעסיע מיט איקאָנעס און הייליקע בילדער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין און אַרום די קאַזאַרמעס. דער אַרכירעי אַליין האָט געשפּריצט הייליק וואַסער אויף די אָפיצירן, אויף די סאָלדאַטן און איבערהויפּט אויף דער זנאַמיע און האָט אין זיינע תפילות זיך געצלמט אַזוי פיל מאָל, וויפיל גאָלדענע פעדים עס האָבן זיך אין דער זנאַמיע געפונען.

„דאַן איז דער קריג אויסגעבראָכן און דאָס פּאָלק איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פאַרטיידיקן דעם סעוואַסטאָפּאָלער קרעפּאָסט.

„אַ היפּשע צייט איז אַוועק. דער קריג האָט זיך צעפלאַקערט איבער גאַנץ קרים, אָבער די אַרמייען אַרום סעוואַסטאָפּאָל האָבן זיך געפּילט זיכער. עס האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן, אַז דעם שונא וועט געליג־גען צוצוקומען צו דערדאָזיקער שטאַרקער פעסטונג. דער קיעווער אַרכירעי און די גלחים, וואָס האָבן מתפּלל געווען פאַרן אַנטאַנאָווסקי־פּולק, האָבן געגלייבט מיטן גאַנצן האַרץ, אַז אין דעם זכות פון די תּפילות און דאָס הייליקע וואַסער וועלן דעם שונאס מחנות נישט קאָנען צוקומען נאָענט פונם אַנטאָנאָווסקי־פּולק.

„אָבער מיטאַמאָל זענען די מחנות פון די פיר פיינטלעכע לענדער ווי אַ היישעריק באַפאַלן סעוואַסטאָפּאָל און דאָס אַנטאָנאָווסקי־פּולק, וועל־כעס איז געווען דאָס ערשטע אין פראָנט, איז אין צוויי טעג אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט. אַלץ, וואָס פון אים איז פאַרבליבן, איז געווען די צעשאָסענע, אין בלוט דורכגעווייקטע זנאַמיע פון דעם שונאס הענט צו ראַטעווען.

„אַזוי ווי די זנאַמיע איז פאַרבליבן און אויך אַ סאָלדאַט דערצו, האָט מען נאָכן קריג אויפסנייַ דאָס פּולק געגרינדעט. דאָס מאָל האָט מען עס צוזאַמענגעשטעלט פון סאָלדאַטן, וואָס מען האָט צוזאַמענגעבראַכט פון אַלע עקן רוסלאַנד.

„די קללה, וואָס האָט אויפן פּולק געשוועבט פון זיין ערשטן טאָג אָן, האָט אָבער פון צייט־צו־צייט זיך געלאָזט מערקן אויך אין זיינע נייע רייען, אַמאָל דורך קלענערע און אַמאָל דורך גרעסערע אומגליקן און די תּפילות און פּאַניכידעס, וואָס מען האָט איינגעפירט אין דעם יאָרצייט פון דעם פּולקס מוראדיקער מפּלה, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן.

„ענדלעך איז דער קיעווער אַרכירעי דערגאַנגען ווו דער מכשף, וואָס האָט די זנאַמיע פאַרשאָלטן, ליגט באַגראָבן, און אַ גרויסע צערקווע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן קברפון דעם בייזן פלוכער. מען איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט דעם טויטן מכשף מפּצה זיין און ער וועט צוריקציען דעם פליך פון דעם אַנטאָנאָווסקי־פּולק.

„אַזוי גיך ווי די צערקווע אויפן מכשפס קבר איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך אויפסנייַ גענומען הערן קריג אין לאַנד. דאָס אַנטאָנאָווסקי־פּולק האָט בעקריגן אַ באַפעל צו מאַכן זיך גרייט אויף מלחמה און וועגן

גענעראַל סקאָבעלאָוו איז אַוועק אויף פּלעוונא, איז דאָס פֿולק געווען אויפֿן סאַמע רעכטן פֿלאַנק פֿון זיין אַרמיי.

„ווען עס איז געקומען צו דער פּאַרצווייפֿלטער שלאַכט איז אויפֿן אַנטאָנאָווסקי-פֿולק געפֿאַלן דער גורל צו גיין דער ערשטער קעגן דעם פּאַרצערנדן פֿייער פֿון די טערקן און די סעוואַסטאָפּאָלער קאַטאַסטראָפֿע האָט מיטן זעלבן העלישן שוידער זיך באַלד ווידערהאָלט. די קללה פֿון מכשף האָט באַגלייט יעדע קויל פֿון פֿיינט און די בראַווע אומדערשראָ-קענע סאָלדאַטן זענען געפֿאַלן איינע נאָך די אַנדערע, ווי די זאַנגען אונטער דעם שניטערס סערפּ.

„פֿון זון-אויפֿגאַנג ביז זון-אונטערגאַנג האָבן די אַנטאָנאָווסקי-סאָל-דאַטן, ווי לייבן געקעמפֿט און ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, איז דער טאָל אַרום דעם גרויסן פּלעוונא-פֿעלז געווען פֿאַרזייעט מיט זייערע טויטע קערפּערס. עס איז פֿון גאַנצן פֿולק קיין איין-איינציקער נישט געבליבן אַ לעבעדיקער צו רעטן דעם נאָמען פֿון פֿולק, די זנאַמיע.

„דעם שונאס סאָלדאַטן האָבן די צעפּאַסעוועטע זנאַמיע געפֿונען אַרומגעוויקלט אַרום דער געלעכערטער ברוסט פֿון אַ יונגן אָפֿיציר און האָבן זי מיט הורא-געשרייען צו זיך אין לאַגער געבראַכט.

„די שמחה פֿון פֿיינט האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און ווען פּלעוונאַ איז פֿון אונזערע אַרמייען ענדלעך געשטורעמט געוואָרן, איז די פּאַריתומטע זנאַמיע אָנגעקומען צוריק צו אונז.

„פֿון דאַן אָן עקזיסטירט נישט מער אויף דער וועלט קיין אַנטאָ-נאָווסקי-פֿולק און די זנאַמיע שטייט פּאַריתומט אינדער שוואַרצער שאַנק.

ווי א נאָוואָ־ראַנעץ מאַכט פליטה

אז אָווטשענקאָ וועט ווען עס איז מאַכן פליטה פון קאַזאַרמע, האָב איך גאָר אין אָנהייב סלוזשבע שוין געקאָנט זען. מיטן ערשטן בליק אויף אים האָט יעדער איינער געקאָנט זען, אז ער ליידט פון א שרעקלעכער בענקעניש, וואָס קיין דיסציפּלין אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד צו ברעכן. זיין קוק איז געווען א מאָדנע פאַרטראַכטער און פאַרדאַגהטער און קיין מאָל האָט די פייכטקייט פון זיינע אויגן נישט געוואָלט אויסטריקענען.

די „געהויבענע" האָבן אים גערופן „דער פאַרליבטער" און פלעגן אויס בלויזער רשעות אָפּט חוזק מאַכן פון זיין „דיעוואָטשקאַ", וואָס פלעגט אַרויסברענגען א טיפע רויטקייט אויף זיינע באַקן און טראָפּנס טרערן אין זיינע אויגן.

מיט קיינעם אין קאַזאַרמע, אפילו מיט די נאָוואָבראַנצעס פון זיין אייגענעם זוואָד, האָט אָווטשענקאָ קיין פאַרקער נישט געהאַט. אין די פרייע מינוטן פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין א ווינקל אין „רוקאָמאָיניק", אונטערשפּאַרן דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און אַזוי אָפּזיצן א פאַרטראַכטער, ביז די פליכט פון דער סלוזשבע האָט אים אויפגעוועקט. א גרויסע טייל פון דער פרייער צייט פלעגט ער דורכשטופּן, קייענדיק טרוקן ברויט אָדער „סוכאַרעס". ער פלעגט יעדן טאָג אויסקויפן די שיריים ברויט, וואָס פלעגט בלייבן בא די אַלטע סאָלדאַטן פון זייערע פּאַרציעס. און ווען מען האָט אים אָנגעקוקט קייענדיק, האָט מען געקאָנט זען, אז ער טוט עס מיט א שטאַרקער ליידנשאַפט צו האַלטן זיין באַוווסטזיין

באשעפטיקט, כדי עס זאָלן אים נישט פייניקן קיין טרויעריקע געדאַנקען.

איך בין געווען דער איינציקער, צו וועמען ער האָט געהאַט פיל־וויניק צוטרוי. ער האָט געזעען, אַז איך פיל מיט אים מיט און ער פלעגט מיר אָפט באַדאַנקען דערפאַר מיט אַ קוק פון זיינע פייכטע אויגן.

איינמאָל, ווייט אין ווינטער, אין אַ „גאַלאַ"־טאָג, ווען אויסער „אוטרעננע סמאָטר", „פּראָגולקאַ" און אַ ביסל „סלאָוועסנאָסט" האָבן מיר נישט געהאַט דורכצומאַכן און די גרעסערע העלפט פון טאָג האָבן מיר געהאַט פריי פאַר זיך, איז אָוטשענקאָ צוגעקומען צו מיר, בעת איך בין אויף דער קאָיקע געזעסן און מיט מיר, פאַרן ערשטן מאָל, פאַרצויגן אַ שמועס.

— ווי איך זע, דאָטשקין, וועלן מיר ביידע צו דער קאַזאַרמע זיך נישט צוגעוויינען — האָט ער געזאָגט מיט אַ פליסנדן טאָן, רויט ווערנדיק איבער די אויערן. — איך פיל, אַז פאַר דיר קאָן איך מיין גאַנץ האַרץ אויפדעקן, כאָטש איך בין אַ קריסט און דו אַ ייד, און אויב דו טראָגסט עפּעס אַ סוד אין האַרץ, זאָג איך דיר, אַז דו מעגסט עס דרייסט פאַר מיר דערציילן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז דערווייל האָב איך גאָרנישט צו דערציילן פון מיר, אָבער איך בין גערן אים אויסצוהערן. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך ווייס ווי צו האַלטן אַ סוד און אַז איך האָב זיך שוין לאַנג אָנגעשטויסן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאַר אין זיינע געדאַנקען.

— יאָ, איך פיל, אַז מען באַמערקט אָן מיר, וואָס איך לייד און וואָס איך פּלאָן. איך קאָן זיך אָבער נישט העלפן. די בענקשאַפט צעררייסט איינפאַך מיין האַרץ און טויזנט פעטש פון די געהויבענע קאָנען נישט פאַרשטיקן די געשרייען פון מיין נשמה. איך לייד, ברודער דאָטשקין, שרעקלעך, אַזוי שטאַרק און אַזוי פיל, ווי איך ליב.

צוויי גרויסע טרערן האָבן דעם בלאָנדן „שייגעץ" זיך אין די אויגן געשטעלט, ווען ער האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט.

— אויף אַ יאָר אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן וואָלט איך מיט

צופרידנהייט געגאַנגען, ווען מען לאָזט מיך איצט כאָטש איין קוק טאָן אויף נאַסטאַשען, — האָט אָוטשענקאָ נאָך אַ קורצער פאַרטראַכטקייט כמעט אויסגעשריגן. — אַ, נאַסטאַשאַ, נאַסטאַשאַ! וואָלט איך כאָטש געווען זיכער, אַז אימשטשוק וועט דערוויי̆ל דיר דאָרט דיין קאָפּ נישט פאַרדרייען?

איך האָב אָוטשענקאָן געטרייסט, אַז אין נאָך דריי פיר מאָנאַטן וועלן מיר קריגן „אָטפּוסק״ און ער וועט האָבן פיר וואָכן צייט צו פאַרברענגען מיט זיין געליבטע. ער האָט אָבער ביטער אַ שמייכל געטון און געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג וועט ער נישט וואַרטן.

די „געהויבענע״ האָבן זיך ווייניק־וואָס געקימערט איבער אָוטשענקאָס פאַרטראַכטקייט, זיי האָבן נישט איינגעזען, אַז דאָס „שמעקט״ מיט אַנטלויפן. אויף אַזאַ זאַך, האָבן זיי געדענקט, איז אַ קריסט גאָרנישט פעיק. און אַזוי ווי אָוטשענקאָ איז געווען אַ „גראַמאָטני״ און אין אַלגעמיין אַ גוטער סאָלדאַט, פלעגט מען זיך צו אים נישט טשעפען מער ווי צו די איבעריקע נאַוואָבראַנצעס.

צוליב זיין הויכן וווּקס איז אָוטשענקאָ געווען פון די ערשטע אויפן פראַווי פלאַנק. איך בין געווען דער צווייטער נאָך אים און ווען אונז פלעגט אויסקומען, אויף „אוטשעני״ אָדער „פּראָגולקאַ״, צו גיין צו צוויי אין אַ רייע, בין איך תּמיד געווען גלייך הינטער אים, דורך וועלכן איך האָב געהאַט די געלעגנהייט נאָכצופאָלגן יעדע באַוועגונג זיינע. און וויסנדיק, וואָס באַ אים אין הארץ קומט פאָר, האָט זיך מיר יעדעס מאָל אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט רייסט ער זיך אַרויס פון דער רייע און לאָזט זיך לויפן צו זיין געליבטער נאַסטאַשאַ. איבערהויפּט בין איך געווען מיט דעם איינדרוק, ווען מיר פלעגן זיך געפינען ווייט פון קאַזאַרמע אויפן ברייטן גאַסטשינעץ.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צו מצרף זיין נאַוואָבראַנצעס צו די קאָמאַנדעס, וואָס פלעגן כמעט יעדן זונטיק גיין אין שטאָט, איז אָוטשענקאָ געווען שטענדיק דער ערשטער אָנצוגעבן זיין נאָמען אויפן צעטל. ער האָט אָבער שטענדיק געמאַכט דעם זעלבן טעות, צו מיינען, אַז פון שטאָט וועט אים זיין לייכט צו אַנטלויפן. דער הויפּט פון דער קאָמאַנדע האָט זייער שטרענג אויפגעפּאַסט אויף די יונגע, און אָנקומענדיק אין שטאָט,

האָט יעדער נאָוואָבראַנעץ געהאַט אַן אַלטן סאָלדאַט אַלס אַ שומר און די קאַזאַרמע־דיסציפּלין האָט זיך פאַר אים ווידערהאַלט נאָך פיל פיינ־לעכער אין די פרייע גאַסן פון שטאָט. אָווטשענקאָ האָט איינגעזעען, אַז עס איז אומזיסט פאַר אים צו גיין יעדן זונטיק אין שטאָט און ער האָט עס נאָך אַ פיר פינף פראָבן אינגאַנצן אויפגעגעבן.

דער פאַרצווייפלטער אָווטשענקאָ האָט גענומען זוכן נייע מיטלען. ער האָט דערפאַרן, אַז דער ברונעם, פונוואַנען מען ברענגט דאָס וואַסער יעדן פאַרטאָג אין קאַזאַרמע, געפינט זיך אויף אַ נישט קיין פאַרצוימטן פּלאַץ, אַ שטיק וועגס פון די פאַלקאָוואָיע געביידעס, און ער האָט באַלד גענומען בויען זיינע האָפענונגען אויף דעם ברונעם. אַלץ, וואָס ער האָט געזוכט, איז געווען, אַ געלעגנהייט צו קריגן אַן „אָטשערעד" אויף וואַסער טראָגן, אָבער אויך דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר אים אַ וויים־לויפיקע זאַך. די אָטשערעדס צו טראָגן וואַסער, וועלכע טאָרן לויטן וואָיעננעם געזעץ, צו יונגע סאָלדאַטן אינגאַנצן נישט אויסגעטיילט ווערן, פלעגט תמיד אַריינפאַלן צו די אומפעיקסטע נאָוואָבראַנצעס ווי: בוליגאַ, לאַזאָווסקי, פּוליאַיעוו און כאַמידולין און אַזאַ גוטער סאָלדאַט ווי ער, האָט אויף אַזאַ זאַך גאָרנישט געקאָנט האָפן.

— איך מוז נאָר זען זיך אַרויסצואַרבעטן אויף וואַסער טראָגן — האָט אָווטשענקאָ צו מיר איינמאָל געזאָגט מיט אַ זויערן שמייכל. — איך גלייב, אַז דאָס איז נישט שווערער, ווי רוימען דעם „רוקאָמאָיניק" און נישט וויניקער כבוד, ווי שייערן די „באַקעס". וואָס דענקסטו, דאָטשקין, וועל איך זיך אויף דעם דערשלאָגן?

— ווען דו וועסט פאַרדינען — האָב איך געענטפערט.

פון דאַן אָן האָט אָווטשענקאָ גענומען קליגע ווערן. אָנשטאָט, וואָס ער איז שטענדיק געווען איינער פון די בעסטע אין סלאָוועסנאָסט, האָט זיך גענומען אַרויסווייזן, אַז ער באַנעמט נישט דידאָזיקע תורה מער ווי לאַזאָווסקי און כאַמידולין. בא די געהויבענע איז דאָס געווען אַ גרויס וווּנדער, אָבער זעענדיק, אַז ער איז פאַרט טעמפּ געוואָרן, האָבן זיי געוואָרפן די שולד אויף זיין „דיעוואָטשקאַ" און האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן די דיעוואָטשקאַ פון זיין קאָפּ אַרויסשלאָגן.

דאָס זעלבע, וואָס מיט סלאָוועסנאָסט, איז אויך געווען מיט „רו־

זשעיני פריאָמי", מיט „גימנאַסטיק"" און „מאַרשיראָווקאַ". עס איז גאָר־נישט געווען דער זעלבער אָווטשענקאָ, ער איז געוואָרן אַן אמתער „כאַ־מולא", אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, אַ באַלוואַן. די געהויבענע האָבן גענומען אונטערקלאַפּן, שטעלן „פּאַדקאָזיראַק", אונטער דער ביקס און זעצן אויף „פּריזשקי", אָבער עס העלפט אַלץ נישט.

דעם ראָטנע־קאָמאַנדיר איז שטאַרק אויפּגעפאַלנד געוואָרן די פּלוצ־לינגע ענדערונג אין אָווטשענקאָן. ער האָט אים גענומען איינמאָל אָן אַ זייט און אין אים אַ לאַנגע צייט אַריינגעטענהט. דער שייגעץ האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און דערקלערט, אַז ער ווייסט אַליין נישט, וואָס מיט אים איז. באַם ראָטנעם איז געבליבן, אַז אָווטשענקאָ מוז זיין קראַנק ערגעץ־ווו און האָט אים געשיקט אין אַקאַלאַדאַק אויף אַן אונ־טערזוכונג.

אין אַקאַלאַדאַק האָט מען באַ אָווטשענקאָן קיין חולאת נישט גע־קאָנט געפינען און מען האָט אים צוריקגעשיקט אין דער קאַזאַרמע מיט דער באַמערקונג, אַז ער איז געזונט און שטאַרק, נאָר ער פוילט זיך צו דינען.

פון דאַן אָן, האָט דער שטערבלעך פאַרליבטער נאָוואָבראַנעץ גע־קריגן אויף יעדן פאַרטאָג אַן „אָטשערד". גאַנץ אָפט פלעגט ער אויך קריגן צוויי פאַר אַמאָל. ער האָט געמוזט אויפשטיין מיט אַ שעה פריער פון אַלעמען, כדי אָפּצופּאַרטיקן זיך מיט דער אַרבעט ביזן אוטרענני סמאָטר.

בוליגאַ, לאַזאָווסקי, די פאָר טאַטאַרן און די אַנדערע „באַלוואַנעס" אין ראָטע האָבן זיך גענומען חברן צו אים, אָבער ער האָט זיך פון זיי ווייט געהאַלטן, פונקט ווי ער האָט אין אָנהייב זיך ווייט געהאַלטן פון אַלעמען. דער איינציקער, פאַר וועמען ער פלעגט אַמאָל אַ וואָרט אַרויסרעדן, איז געווען איך, און דאָס פלעגט ער נאָך רעדן פון נאַסטאַשאַן.

ענדלעך האָט אָווטשענקאָ זוכה געווען, מען זאָל אים „נאַזנאַטשען" אָנצוטראָגן וואַסער פאַר דער קאַזאַרמע. אַלס צווייטן צו אים האָט מען נאַזנאַטשעט אַן אַלטן סאָלדאַט.

איך בין דאַן אויפגעשטאַנען פריער צו זען מיין פאַרצווייפלטן

חבר בא זיין לעצטן ארויסגיין פון קאזארמע. איך האָב געגלייבט, אַז ער וועט צוריק מער נישט קומען און ווען ער און דער אַלטער סאָלדאַט האָבן פאַרוואָרפן אויף די שולטערס די גראָבע שטאַנג מיטן גרויסן צעבער, האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער ווי ער זאָגט „פּראָשטשאַי!"

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דאָס פּאָר צוריקגעקומען מיט אַ פולן צעבער וואַסער. אָן זיין פּנים האָב איך באַמערקט, אַז אָוטשענקאָ איז זייער צעטראָגן. ער איז געווען בלאַס ווי קאַלך און זיינע אויגן האָבן געפינטלט ווי בא אַ ווילדן משוגענעם. נאָך אַ ווײַלע אָפּרוען, האָט ער און זיין קאָמפּאַניאָן ווידער פאַרוואָרפן דעם צעבער אויף די פּלייצעס און זיי זענען צוריקגעגאַנגען צום ברונעם.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אָוטשענקאָ ווידער געקריגן דעם זעלבן „אָטשערעד" און האָט ווידער צוזאַמען מיט אַן אַלטן סאָלדאַט געבראַנגט דריי גרויסע צעבערס וואַסער פון דעם ווייטן ברונעם און איך האָב שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער האָט זיך אויך מיט דער האָפענונג אָפּגעגעבן און אַז ער וועט סוף־כּל־סוף דערציען אין קאַזאַרמע ביזן לאַגער און וועט זיך זען מיט זיין געליבטער ערשט ווען ער וועט פאָרן אַהיים אויף „אָטפּוסק", אויב אימשטשוק וועט איר נישט „פאַרדרייען דעם קאָפּ" ביז יענער צייט.

אייניקע טעג שפּעטער האָט אָוטשענקאָ געקריגן דעם אָטשערעד צו ברענגען וואַסער בשותּפות מיט בוליגאַן. אויסער דעם בשותּפותדיקן אָטשערעד, האָט יעדער פון זיי באַזונדער געהאַט אויך אַנדערע אַרבעט צו באַזאָרגן. בוליגאַ האָט געדאַרפט אויסרייניקן דעם „רוקאָמאָיניק" און אָוטשענקאָ האָט געהאַט אויסצושייערן די „באַקעס". דאָס פּאָר איז דע־ריבער אויפגעשטאַנען צוויי שעה פאַרטאָג, ווען אַלע אין קאַזאַרמע זע־נען נאָך פעסט געשלאָפן.

קורץ נאָך זייער אַרויסגיין מיטן צעבער איז בוליגאַ געקומען צו־לויפן אַ פאַרסאָפּעטער און געזאָגט דעם דיזשורני, אַז אָוטשענקאָ איז אַנידערגעפאַלן באַם ברונעם אין חלשות. דער דיזשורני האָט שנעל אויפ־געוועקט דעם זוואָדנעם און יענער האָט געהייסן אויפוועקן אַ צוויי אַלטע סאָלדאַטן, צו גיין ברענגען דעם פאַרחלשטן אין קאַזאַרמע.

פון גערודער האָבן זיך כּמעט אַלע סאָלדאַטן אויפגעכאַפּט און ווען

זיי האָבן זיך דערפאַרן װעגן װאָס עס האַנדלט זיך, האָבן זיי זיך געמאַטערט צו האַלטן די אויגן אָפן, ביז מען װעט ברענגען דעם פאַרחלשטן.

באַ אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען די צװיי סאָלדאַטן צו אַלעמענס, אויסער מיין, איבעררעשונג צוריקגעקומען אָן דעם געחלשטן און יעדער איינער האָט באַלד געװוּסט, אַז אָװטשענקאָ איז אַנטלאָפן.

זיך באַגעגנט מיט אַ גענעראַל

גלופּאָוו, אַן אַלטער סאָלדאַט פון דער צווייטער ראָטע, איז געווען אַ געבוירענער גנב. נאָך אַלס קליין שייגעצל, ווען ער פלעגט זיך נאָכשלעפּן נאָך זיין מאַמען אין די יידישע הייזער, ווו זי האָט וועש געוואַשן און שבת די אויוונס געמאַכט, האָבן אַלע שוין געוווסט, אַז מען דאַרף אים אויף די הענט קוקן. באַ אים איז רעכט געווען צוצונעמען, וואָס אים איז נאָר צו דער האַנט געקומען.

אַז ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט אים זיין מאַמע קוים איינגערעדט צו גיין אַרבעטן. זי האָט פאַר אים געקריגן אַ שטעלע אין אַ פאַבּראָווע מיל. ער האָט אָבער לאַנג זיך דאָרט נישט געקאָנט האַלטן. דער מילנער האָט אים איינמאָל פאַר אַהיימגיין געכאַפּט שטאָפּנדיק מעל אין די קעשענעס און האָט אים גלייך געהייסן גיין ווייטער.

אַ צווייטע שטעלע האָט גלופּאָוו שוין נישט געוואָלט אָננעמען. ער האָט איינגעזען, אַז גנבענען איז אַ לייכטערע זאַך ווי אַרבעטן, און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ גנב.

אין אַ פּאָר יאָר צייט האָט ער געבראַכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט איינמאָל, איינער אַליין אין אַ פינצטערער נאַכט, אַ פּאָר טייערע פערד פון גראַף פּאָדשבעלסקיס שטאַל אַרויסגעפירט. אמת, די גנבה איז אים נישט אָפּגעגאַנגען גלאַט. מען האָט אים אין צוויי טעג אַרום געכאַפּט און פאַרפּאַקט אויף צוויי יאָר אין אָסטראָג. אָבער שטענדיק איז ער געווען שטאָלץ אויף איר און האָט זיך באַ יעדער געלעגנהייט מיט איר באַרימט.

אָנקומענדיק אין קאַזאַרמע, האָט גלופּאָוו גלייך גענומען פּראַקטי-

צירן זיין פּראָפעסיע. די ערשטע צייט האָט ער געגנבעט נאָר פון בריי־דער—נאָוואָבראַנצעס. ער פלעגט צולקחענען פון זיי פּאַרציעס ברויט, פּאַדטיאַנקעס, שוואַקס, פלאָקס צום רייניקן די ביקס און אַנדערע אַרטיקלען, פון וועלכע ער האָט געקאָנט מאַכן אַ געברויך אין קאַזאַרמע.

אַז ער האָט די נאָוואָבראַנסטווא איבערגעפּטרט, האָט גלופּאָוו אויפ־געגעבן די קליינע גנבות און האָט געגנבעט נאָר אַזעלכע זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט געקאָנט קריגן מזומן אין שטאָט. ער האָט גיך אויסגע־פונען די אַלע פּלעצער, וואָס טוען מסחר מיט סאָלדאַטסקע זאַכן, און איז באַלד געוואָרן זייער שטענדיקער ליפעראַנט.

איינמאָל, אין אַ ברענענדן פראָסט, האָט גלופּאָוו אין „זאַניאַטיעס״־צייט זיך אַרויסגעמאַכט פון קאַזאַרמע מיט אַ פּאָר נייע שטיוול אונטערן שינעל, וואָס ער האָט פון אַ נאָוואָבראַנעץ קעסטל אַרויסגעגנבעט.

אויפן סמך פון די עטלעכע גילדן, וואָס ער האָט דערוואַרט פאַר די שטיוול, האָט ער געקויפט אַ פלעשל „מאָנאָפּאָלקע״, וואָס ער האָט פאַר איין מאָל אויסגעליידיקט. אים איז געוואָרן מיטאָמאָל וואַרימער און פריילעכער און ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַ סאָלדאַט דאַרף זיך היטן, ווען ער גייט אין גאַס. ער האָט אַ האַלב צעטומלטער אַרויס־געשלעפּט די שטיוול פון אונטערן שינעל, האָט זיי פּאַרוואָרפן איבערן אָרעם און האָט זיך געלאָזט גיין, זיך צוואויגנדיק אַ ביסל אויף די פיס, אין דער ריכטונג פונעם אַלטן מאַרק.

אָנקומענדיק אויף דער בריק־גאַס, האָט גלופּאָוו זיך פונאַנדערגע־זונגען אויפן קול. די מאָנאָפּאָלקע האָט, קענטיק, אים אָן דער גאַנצער וועלט געמאַכט פאַרגעסן. ער איז געגאַנגען אין זיג־זאַג און אַלע פאַר־בייגייער האָבן אים דעם וועג אָפּגעטרעטן, ווי ער וואָלט כאָטש אַ גענע־ראַל געווען.

מיטאָמאָל איז דער קאָרפּוסנאָיער גענעראַל אים אַנטקעגן אָנגע־פאָרן.

גלופּאָוו האָט אינסטינקטיוו געזוכט צו באַהאַלטן זיך הינטער אַ הויז, דער גענעראַל האָט אים אָבער באַמערקט און האָט אים צוגערופן צו זיך.

מיט אַלע זיינע כוחות האָט גלופּאָוו זיך געמאַטערט צו האַלטן

זיך גלייך אויף די פיס. דער גענעראַל האָט אים באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ. דאַן האָט ער אים געהייסן צוקומען נענטער צו דער קאַרעטע און האָט גענומען אויסגלייכן דאָס היטל אויף זיין קאָפּ.

— אַט אַזוי טראָגט עס אַ סאָלדאַט אַ היטל? — האָט דער גענעראַל אין אַ שטרענגן טאָן געפרעגט. — און די קנעפּ? — האָט דער גענעראַל אויסגערופן. — זיי זעען אויס, ווי דו וואָלט זיי קיינמאָל נישט געטשישטשעט.

דער גענעראַל האָט זיך אַרויסגעבויגן פון קאַרעטע און האָט אַרונ-טערגעלאָזט נידעריקער דעם פּאַיאַס אויף גלופּאַווס שינעל.

— אַט ווי אַ סאָלדאַט דאַרף טראָגן אַ פּאַיאַס, אַט אַזוי! — האָט דער קאָרפּוסנער גענעראַל אויסגערופן, ווען ער האָט דאָס בלעכל פון גלופּאַווס פּאַיאַס געבראַכט אין דער ריכטיקער פּאָזיציע.

גלופּאַוו איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן. אים איז געווען שווער אָנצוהאַלטן די גלייכגעוויכט, און ווען דער גענעראַל האָט אים לייכט אָנגערירט מיט אַ האַנט, האָט ער געפילט, ווי עמעצער שטופּט אים אַראָפּ פון זיינע פיס.

— און אַ דערלויבעניש אַוועקצוגיין פון קאַזאַרמע אין זאַניאַטע-צייט האָסטו! — האָט דער גענעראַל אויסגערופן אין אַ בייזן טאָן. — לאָז מיך אָקאָרשט זעען דיין בילעט!

גלופּאַוו איז בלאַס געוואָרן. ער האָט גענומען שטאַמלען און נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

דער גענעראַל האָט אים אַ ווייל באַטראַכט מיט אַ שטרענגן בליק, דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן: און וואָס זענען דאָס פאַר אַ שטיוול, וואָס דו טראָגסט, געגנבעטע אוודאי, האַ?

גלופּאַוו איז געשטאַנען פאַרן גענעראַל ווי אַ פאַראורטיילטער. ער האָט געזעען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן. דערצו האָט דער קאָפּ זיך אים געדרייט פון דער „מאָנאָפּאָלקע“ און ער האָט פּשוט זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס.

— זאָלסט דאַלאָזשען דיין ראָטנע-קאָמאַנדיר, — האָט דער גענע-ראַל אים אָנגעזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן, — אַז דו האָסט אין

דער צייט און אויף דעם פּלאַץ זיך באַגעגנט מיטן קאָרפּוסנאָיעם גענעראַל.

— סלושאַיו, וואַשי וועליטשעסטוואָ! — האָט גלופּאָוו געענטפערט, קוקנדיק אַ פאַרציטערטער דעם הויכן נאַטשאַלניק אין די אויגן.

צוויי טעג נאָכדעם איז גלופּאָוו געשטעלט געוואָרן פאַר סוד פאַר גנבענען אַ פּאָר שטיוול און אין אַ וואָך אַרום האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויף אַ יאָר אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן.

קאָנקורענטן

בערל כלאָדנע און אהרן פּישעלעוויטש זענען געווען ביידע פון איין שטעטל. מען האָט זיי ביידע אין איין טאָג „אָפּגעגעבן" און אין איין קאַלטן נאָוועמבער-פּאַרנאַכט האָט מען זיי צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט אַנדערע נאָוואָבראַנצעס געבראַכט קיין ג., ווו בערל איז מגולגל געוואָרן אין וויאַטסקען פּולק און אהרן — אין דעם פּערמסקען.

מיטן ערשטן בליק האָט מען געקאָנט זען, אַז בערל און אהרן זענען געבוירן געוואָרן צו קאָנקורירן איינער מיטן אַנדערן.

בערל האָט געהאַט אַ ברייט פּנים, אַ קורצע, עטוואָס פּאַרריסענע נאָז און אַ נידעריקן שטערן, וואָס איז געווען דורגעשניטן איבער דער גאַנצער לענג פון צוויי ברייטע קנייטשן. זיינע פולע באַקן פלעגן זיך האַלטן שטענדיק אין צונויפבלאָזן און זיינע גרויסע גרין-גרויע אויגן מיט די פּיטשינקע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בלוט-טראָפּנס פון אַן איי, האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען אונטער זיינע לאַנגע, שיטערע ברעמען. ער האָט געהאַט אַ פּאַר פולע, ברייטע פּלייצעס און אַ נידעריקן, דיקן האַלז און האָט בכלל געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס דופעט שטאַרק אויף זיין „גשם".

אהרן האָט, ווי בערלען אויף להכעיס, געהאַט אַ לאַנג פּנים מיט טיף איינגעפאַלענע באַקן, אַ הויכן, פּוקאַטן שטערן און אַ האַרבאַטע נאָז, וועמענס שפּיץ האָט אויסגעזען ווי צוגעקוועטש. זיינע קליינע שוואַרצע אויגן האָבן נערוועז געפינקלט און זיינע דינע, בלוט-לאָזע ליפּן האָבן שטענדיק זיך געריסן, ווי אויף צו עפענען זיך. ער איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער ווי בערל. זיינע פּלייצעס האָבן

אָבער פֿאַרנומען העלפֿט פֿון יענעמס. איבערהויפּט איז אהרן געווען אויפֿאַלנד מיט זײַנע לאַנגע אָרעמס, וואָס האָבן קוים אַ צאָל נישט דערגרייכט צו די קני און דער שפּיציקער גאָרגל, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון זײַן דאַרן האַלז.

נאָכן ערשטן לאַגער איז אי בערל, אי אהרן אָנגעקומען אין דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע. זיי איז ביידע באַלד געוואָרן „גוט ווי די וועלט“ און יעדער איינער האָט אויף זײַן שטייגער אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָלע אין פֿאָלק.

בערל האָט געשפּילט אויפֿן קלאַרנעט און האָט געמיינט, אַז ער איז אַ געוואַלדיקער אַרטיסט. און אהרן האָט געקלאַפּט אויפֿן גרויסן באַראַבאַן און איז געווען זייער שטאָלץ מיט דעם.

אויף די פּראָסטע סאָלדאַטן, איבערהויפּט אויף די נאָוואָבראַנצעס, און ווער רעדט נאָך, ווען זיי זענען געווען יידן, האָבן אי בערל, אי אהרן געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ, ווי זיי וואָלטן זאָגן: ווער זענט איר און ווער בין איך? איך בין דאָך עפּעס אַ מוזיקאַנט, אַ מענטש מיט פּריווילעגיעס, פֿאַקראַינעי מיערע, כּמעט אַ „געהויבענער“, אָבער איר זענט נאָך צען מאָל ערגער ווי שקלאַפֿן. אַז בערל און אהרן פֿלעגן זיך באַגעגענען אין גאַס, אין דבורה דער אלמנהס רעסטאָראַן, אָדער אין דער באַלעגאָלעשער שול הינטער דער בינע, פֿלעגן זיי זיך באַלד אַרויסשטעלן אַלס פֿאַרביסענע קאָנקורענטן. זיי פֿלעגן פּראַווען גאווה איינער קעגן אַנדערן און יעדער פֿון זיי האָט זיך באַרימט מיט זיך און מיט זײַן מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע און געמאַכט חוזק פֿון דעם צווייטנס.

— אָ, איז דאָס אײַער קאַפּעלמייסטער אַ שטיק האָלץ, — פֿלעגט בערל אַמאָל אַ זאָג טון צו אהרנען און זיך אַרומקוקן צו זען, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק זײַנע ווערטער מאַכן אויף די צוהערער.

— און אײַער גאַנצע מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע מיטן קאַפּעלמייסטער אינאיינעם איז קיין שאָס פּולווער נישט ווערט, — פֿלעגט אהרן ענטפֿערן אַן אויפֿגעקאָכטער.

— אײַערע באַראַבאַנשטשיקעס זענען וויסטע קאַליקעס. מען מעג זיי די הענט אָפּהאַקן, — פֿלעגט דאַן בערל אַרויספּלאַצן מיט רציחה.

— און ווען די קלאַרנעטיסטן פֿון אײַער קאָמאַנדע שפּילן, קאָן

מען מיינען, אַז הייזעריקע אָקסן ריטשען דאָס, — פלעגט אהרן ענטפערן מיט היץ.

אָט אַזוי פלעגן אהרן און בערל זיך תמיד קריגן, ווען זיי פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן.

און ווען זיי האָבן שוין נישט געקאָנט געפינען מער מיט וואָס מבטל צו זיין איינער דעם אַנדערנס מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע, האָבן די צוויי קעגנער גענומען מאַכן צו גאַרנישט איינער דעם אַנדערנס פאָלק.

— אויך מיר אַ יחוס דאָס פּערמסקע פאָלק! — פלעגט בערל אַ זאָג טאָן מיט שפּאָט, — קאַליקעס און האַלב בלינדע נעמט מען דאָרט אַריין.

— און דאָס וויאַטסקע פאָלק באַשטייט פון קאַזאַנער חזירים־טרייבער און שוואַרצע צעקראַכענע יידלעך, — פלעגט אהרן ענטפערן מיט בזיון.

און ווען די מחלוקה האָט זיך גאָר שטאַרק צעפלאַקערט צווישן זיי, האָט בערל און אהרן איינער דעם צווייטן דעם פּערזענלעכן יחוס פאַרגעוואָרפן. בערל פלעגט אהרנען אַ משומד אין דער משפּחה אַרויפּטראָגן און אהרן בערלען — אַ גליד־שוועסטער־קינדס אַ ממזר. גאַנץ אָפט פלעגט עס באַ זיי האַלטן באַ קלעפּ, אָבער אַלעמאָל פלעגט זיך עמעצער אַריינמישן און נישט דערלאָזן דערצו.

אין דבורה דער אלמנהס רעסטאָראַן, וואָס איז געווען דער זאַמלפּונקט פון די יידישע סאָלדאַטן, האָט בערל, כאָטש אַלע האָבן געוווסט, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז כלאַדנע, נישט געהאַט קיין אַנדערן נאָמען, ווי דער „וויאַטסקער מוזיקאַנט", און אהרן קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי דער „פּערעמסקער באַראַבאַנשטשיק". אַזוי גיך, ווי זיי ביידע האָבן זיך דאָרט צוזאַמענגעטראָפן, האָט עמעצער זיי באַלד „אָנגעסטראָיעט" און קיין שפּאַס פאַרן עולם האָט שוין נישט געפעלט.

פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן אהרן און בערל קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו גיין אין שול. אַמאָל האָט מען זיי געקאָנט טרעפן צוזאַמען אין דער באַלעגאָלישער שול און אַמאָל אין דער אַלטער. עס פלעגט אויך אַמאָל פּאַסירן, אַז זיי פלעגן זיך, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, צעטיילן מיט די שולן און ווען איינער איז געגאַנגען אין דער אַלטער שול, איז דער

צווייטער געגאַנגען אין דער באַלעגאָלישער. די שמשים פון ביידע שולן האָבן געוווסט, אַז דעם „וויאַטסקען" און „פערמסקען" דאַרף מען באַשטעלן באַ די שענסטע באַלעבאַטים. און אויך דאָ האָבן די צוויי קאָנקורענטן געפונען שטאָף פאַר באַרימעריי און קריג.

— דער באַלעבאָס, באַ וועלכן איך האָב געגעסן לעצטן שבת, איז דער גרעסטער גביר אין שטאָט, — רופט זיך איינמאָל אָפּ אהרן צו בערלען.

— נאַט אייך אַ נייעם גביר, — האָט בערל געענטפערט מיט שפּאָט. — פאַראַכטאָגן שבת ערשט בין איך געווען זיין אורח און בין טאַקע אַוועק אַ הונגעריקער פון טיש.

די באַלעבאַטים, וואָס פלעגן קריגן בערלען און אהרנען פאַר אורחים אויף שבת, פלעגן זיין שטאַרק צופרידן מיט זיי, ווייל זיי זענען ביידע געווען זייער רעדעוודיקע און פלעגן „אָנדערציילן" מעשיות און נסים פון זייערע פולקן און מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדעס. בערלס באַלעבאָס האָט געוווסט אויף זיכער, אַז איבערן וויאַטסקען פולק גיט עס נישט, און באַ אַ באַלעבאָס באַ וועמען אהרן האָט געגעסן אַ שבת, איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס פערמסקע פולק איז דאָס סאַמע בעסטע אין דער גאַנצער רוסישער אַרמיי.

האָט זיך איין שבת געמאַכט, אַז דער שמש פון דער אַלטער שול האָט באַשטעלט בערלען באַ נפתלי פּאָדריאַטשיק.

פרייטיק-צו-נאַכטס נאָך די פיש האָט בערל, ווי זיין מנהג איז געווען, אָפּגעוואַרט דער באַלעבאָס זאָל אים אַריינציען אין אַ געשפּרעך, און ווען יענער האָט אים אַ פרעג געטון ווי דער נייער פּולקאָווניק באַהאַנדלט די יידישע סאָלדאַטן, האָט בערל זיך גלייך פונאַנדערגעוואָרעמט און אָנגעהויבן דערציילן נסים און גבורות פון דעם נייעם פּולקאָווניק און פון דעם גאַנצן וויאַטסקע פולק, ביז ער איז געקומען צו דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע.

— אונזער מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע האָט אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט, — האָט בערל זיך צעהיצט באַם רעדן. — זי האָט געשפּילט פאַרן פראַנצויזישן פּרעזידענט, ווען ער איז דאָ געווען צו גאַסט און האָט אָפּגעגעבן קאָנצערטן אין צאַרסקע דוואָרעץ. עפּעס אַ קלייניקייט אונזער קאַפּעלמייסטער! ער האָט דאָך אויסגעשטודירט אַ „קאָנצערוואַטאָריע" און האָט אפשר פופציק מעדאַלן.

— און איך האָב ערשט לעצטן שבת געהערט פון אַ מוזיקאַנט פון פערמסקע פּולק, אַז די פערמסקע מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע איז די בעסטע אין דער וועלט, — האָט דער פּאָדריאַטשיק זיך אָפּגערופן, קוקנדיק מיט חשד אויף זיין אורח.

בערל איז רויט געוואָרן איבערן די אויערן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

— אַזאַ פּאַסקודניאַק! — האָט ער אין דער שטיל געבורטשעט. — אומעטום איז ער מיר אין וועג.

פון דאַן אָן האָט בערל נישט געוואָלט גיין מער שבת צו נפתלין פּאָדריאַטשיק.

ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון

מיטן אָנקומען פון דער פּאָסט האָט זיך גלייך געענדערט די אַט־מאָספערע אין דער קאַזאַרמע, איבערהויפּט אין „סטאַלאָווע", ווו אַלע סאָלדאַטן פלעגן זיך יעדן טאָג צוזאַמענקומען אויף „אָביעד".

אויפן אָרט פון די עטלעכע לויט פלייש, וואָס מיר פלעגן קריגן אין שטיקלעך אָנגעניזשעט אויף אַ שטיקל האָלץ, האָט מען געגעבן הערינג, און אויפן אָרט פון די גערשטן־קאַשע מיט חזיר־פעטס, האָבן מיר געקריגן הירזשענע אָדער כרעטשענע קאַשע, צוגעמישט מיט אַ מין אייל, פון וועלכן עס האָט זיך געשפּירט דער ריח פון פאַרב.

פון די הערינג האָט זעלטן ווער פון די נאָוואָבראַנצעס זוכה געווען צו קריגן אַ שטיקל, ווייל מען האָט עס נישט געגעבן רוי, נאָר מען האָט עס געקאָכט צוזאַמען מיטן קרויט און עס פלעגט, אָדער איינגאַנצן צע־קראָכן ווערן אין קעסל, אָדער עס פלעגט בדרך נס תמיד אַריינפאַלן צו די געהויבענע און די אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געגעסן פון איין „באַק" מיט די יונגע. דאָך האָבן פיל פון די נאָוואָבראַנצעס זיך נישט גענומען צו שטאַרק צום האַרץ דערפון און האָבן זיך געטרייסט, דערמיט כאָטש, וואָס דאָס קרויט האָט אַ בעסערן טעם צוליבן הערינג.

אייניקע נאָוואָבראַנצעס האָט עס אָבער יאָ פאַרדראָסן, איבערהויפּט פאָפּאָוון, פון צווייטן זוואָד, וואָס האָט געהאַט דעם בעסטן אַפּעטיט אין ראָטע און וואָס פלעגט זיך שטענדיק אָפּשטעלן אין סטאָלאָווע דער לעצ־טער, צו קאָנען אויסלעקן די באַקעס. האָט ער געזען, ווי אַ יעפרייטער אָדער אַן אַלטער סאָלדאַט קריכט אַריין דער ערשטער מיט דעם הילצער־נעם לעפל אין באַק קרויט און שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ שטיקל הע־

רינג, האָט ער אים דורכגעשטאָכן מיט זיין בליק. פיל מאָל האָט ער געמאַכט אַ פּאַרצווייפלטן פּאַרזוך, צו שטופּן זיין לעפל אין באַק נאָך איי-דער אַ געהויבענער האָט זיינעם אַריינגעטון אין דעם. עס איז אים קיינ-מאָל נישט געגאַנגען. איין קוק פון געהויבענעם האָט אים קלאָר געזאָגט, וואָס ער וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר האָבן אַ טריפהנעם האַלז, און ער האָט נעבעך געמוזט גובר זיין דעם נסיון.

פּאַפּאָו פלעגט אָבער פון איין טאָג אויפן צווייטן פאַרגעסן און ער איז שטענדיק אַרונטער דער ערשטער אין סטאָלאָווע מיט דער האָפנונג אַריינצוכאַפּן אַ שטיקל הערינג.

כדי צו קאָנען באַווייזן צו זיין דער ערשטער אין סטאָלאָווע, האָט פּאַפּאָו דעם גאַנצן פאַרמיטאָג געהאַט זיין אויסגעשטשערבעטן לעפל גרייט אין דער רעכטער קאַלעווע. גלייך נאָך „אוטרעננע סמאָטר" פלעגט ער אים אהין אַריינטון אום נישט צו דאַרפן פאַרלירן קיין צייט, ווען די טרובע רופט אויף אָביעד.

אָבער פּאָסט איז שוין באַלד געווען אַוועק און פּאַפּאָוס האָפנונג האָט זיך אַלץ נישט פאַרווירקלעכט. ער האָט מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן יעדן טאָג צוגעקוקט, ווי די געהויבענע און „אַלטע" יחסנים עסן די הערינג און ער מוז זיך נעבעך באַנוגענען מיט דעם שאַרף גע-זאַלצענעם טעם פון דעם קרויט, אין וועלכן די הערינג האָבן זיך געקאָכט.

און ענדלעך איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג פון פּאָסט.

גלייך נאָכן אוטרעננע סמאָטר איז פּאַפּאָו צוגעלאָפן צו זיין שאַפ-קע, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען דעם לעפל און קוקנדיק ביי־זלעך, האָט ער אים אַריינגעשטופּט טיף אין קאַלעווע און זיך גענומען אָנטון צו דער פּראָגולקע. אַראָפּנעמענדיק דעם שינעל פון הענגער, איז אים פאַרביי־געגאַנגען בוליגאַ, וועלכער איז שוין געווען פאַרטיק צום „סטראָי".

— וואָס, בוליגאַ, האָסט עפּעס אַ סך פאַרזוכט הערינג היי־יאָ-ריקן פּאָסט? — האָט פּאַפּאָו געפרעגט בוליגאַן אין אַ פליסטערנדן טאָן.

— נישט אַ סימן! — האָט בוליגאַ געענטפערט תמעוואַטע ערנסט. — די אַלטע סוואָלאָטשעס וועלן צו עפּעס דען צולאָזן?

— ווארט נאָר, — האָט פּאַפּאַוו אים דערמוטיקט, — היינט קריגן מיר ביידע הערינג און עס מעג זיין, וואָס עס וויל. מעגסט זיך, ברודער, אויף פּאַפּאַוו פאַרלאָזן.

אַז מען האָט געגומען טרובען פאַר „אָביעד”, איז פּאַפּאַוו ווי אַ האַלב וואַנזיניקער אַרומגעלאָפן אין סטאַלאָווע. בוליגאַ האָט מער לויפנדיק ווי גייענדיק, אים נאָכגעפאָלגט מיט דער האָפנונג, אַז זיין חבר וועט האַלטן וואָרט און ער וועט כאָטש איין מאָל דורך פּאָסט פאַרזוכן דעם טעם פון הערינג.

פּאַפּאַוו האָט זיך געוואָלט צושאַרן צום באַק, בײַ וועלכן דער וואַכער פעטרושענקאָ האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. דאָס קרויט אין יענעם באַק איז געווען רויטער און האָט געהאַט פעטע „אויגן” ווי די אין די אַנדערע באַקס, פון וואָס ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָרט אויפן גרונט ליגן אַ סך הערינג. ווען ער האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט הינטערן וואַכנעס פּלייצעס און זיך גענומען צילן מיטן לעפל צום באַק, האָט דער וואַכער אַ געשריי געטון: „פּאָשאָל וואָן!” מיט אַזאַ רציחה, אַז דער אָרימער שייגעץ איז בלייך געוואָרן פאַר שרעק און ער האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן צו אַן אַנדערן באַק, אין אַ ווינקל סטאַלאָווע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ צען-צוועלף יונגע און אַלטע סאָלדאַטן.

דער באַק איז געשטאַנען אויף דר'ערד. די אַלטע סאָלדאַטן זענען געזעסן מיט די פיס אונטער זיך אָדער געשטאַנען אויף די קני אין אַ קרייז אַרום אים, און די נאָוואָבראַנצעס זענען געשטאַנען הינטער זיי, איינגעבויגענערהייט, און איבער זייערע קעפּ און פּלייצעס געשלעפּט אין גרויס איילעניש די לעפל קרויט צום מויל. ווען עמעצער פון די יונגע האָט געפּרוווט זיך אַ ביסל אַ „גרונטעווע” טון אין באַק אָנצוטאַפּן אַ שטיקל הערינג אויף דער דעק, האָט ער געקריגן פון אַן אַלטן אַ זעץ איבער דער האַנט, אַז דאָס הייסע קרויט האָט פאַרשפּריצט אַלעמענס פּנימער. פּאַפּאַוו האָט געזען, אַז עס איז נישט גוט, אַז עס זעט-זיך קיין האָפנונג נישט צו קריגן אַ שטיקל הערינג, ער האָט געוואָרפן פאַרצווייפלטע בליקן צו די גרופּקעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די אַנדערע באַקעס, איבער דער גאַנצער גרייס פון סטאַלאָווע, און האָט צו זיין באַ-

דויערן איינגעזעצן, אז בא יענע איז נישטאָ מער געלעגנהייט צו קריגן, וואָס זיין האַרץ גלוסט, ווי דאָ, און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן, ווו ער איז.

ווען די חברה אַרום באַק האָבן דערזען פּאַפּאָוון לעבן זיך, האָבן זיי אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען זיין כוונה און האָבן שמייכלענדיק אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „דו מאַכסט אַ גרויסן טעות". פּאַפּאָוו האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק און האָט פאַר צרות זיך גענומען צום קרויט.

— העי, סערי טשאָרט! האָסט, דאַכט זיך, פאַרבלאָנדזשעט? — האָט אָגרושקאָ אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין גראָבער שטימע. — דו בעסער, גיי צום באַק, ווו דו באַלאַנגסט!

דער יעפרייטער מיטשורין, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער גרופּע, האָט געמאַכט אַ פּשרה און עס איז געבליבן, מען זאָל פּאַפּאָוון לאָזן עסן פון דעם באַק, אויב ער וועט נאָר נישט פּראָווען זיינע הינטישע שטיק.

פּאַפּאָוו האָט נעבעך געזעען, אַז ער קאָן נישט העלפן. מיט אַ מינע פון אַ באַזיגטן האָט ער זיך גענומען טרייסטן מיטן הייסן קרויט. אָגרושקאָ, וועלכער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרצייען פּאַפּאָוון פאַר זיין חוצפּה, האָט פון מאָל צו מאָל מיט אַ כּיוון אָפּגעשלאָגן זיין ליידיקן לעפל אָן פּאַפּאָווס פּולן, אויסגיסנדיק העלפט פון דער זויערער זופּ אין באַק אָדער אויף עמעצנס מונדיר.

בוליגאַ, וועמען עס איז נישט געגאַנגען פיל בעסער אין אַ צווייט ווינקל פון סטאָלאָווע, האָט געוואָרפן פונדערווייטנס בליקן אויף פּאַפּאָוון, צו דערפאַרן, וואָס עס הערט זיך מכּוח די הערינג. פּאַפּאָווס אויגן האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט יעדעס מאָל, וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט בוליגאַס, ווי בא איינעם, וואָס שעמט זיך פאַר זיך אַליין.

אַ הוראַ האָט מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט, ווען דער יעפרייטער מיטשורין האָט אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן הערינג פון באַק.

דער הערינג האָט געהאַלטן באַם צעפאַלן, פון צופיל קאָכן, און כּדי אַרויסצוקריגן אים אַ גאַנצן, האָט דער יעפרייטער אים געמוזט אָנ- נעמען מיטן לעפל און די הענט צוזאַמען. מיטשורין האָט אַוועקגעלייגט

דעם הערינג אויף אַ שטיק ברויט, וואָס איז אויף דער ערד לעבן אים געלעגן, און ער האָט עס געלאָזט אויף צולעצט, צו פאַרבייסן מיט אים דעם אָביעד.

באַ פּאָפּאָוון האָבן די אויגן ווי באַ אַ צערייצטע חיה געפינקלט, ווען ער האָט פאַר זיך דערזעען דעם הערינג. זיינע הענט האָבן קענגן זיין ווילן זיך געצויגן צום טייערן אוצר, וואָס איז אַזוי אומבאַוואַכט פאַר זיינע אויגן געלעגן, און באַ יעדן מאָל אַריבערגעבויגן זיך איבער דעם יעפרייטערס פּלייצעס נאָך אַ לעפל קרויט, האָט ער געפילט, ווי עמעצער וואָלט אים פון הינטן געשטופּט, גלייך אויפן הערינג אַרויף. פון דער גרופּע האָט עס אָבער קיינער נישט באַמערקט, ווייל די מערסטע אַרום באַק זענען אַליין געווען פאַרנומען אין זייערע געדאַנקען צוליב דעם זעלבן הערינג.

ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, האָט פּאָפּאָוו גענומען בייטן זיין פּאָזיציע יעדע רגע, ביז ער האָט צום סוף זיך אַרונטערגעלאָזט, האַלב זיצנדיק, הינטערן יעפרייטער, אים איז אפילו נישט געווען אַזוי באַקוועם צוצוקומען מיטן לעפל צום באַק, ווי פריער. דערפאַר אָבער, האָט אַ האָפנונג אָנגעפילט זיין גאַנץ הארץ, צו דערגרייכן דאָס, פאַרוואָס ער איז איינפאַך אויסגעגאַנגען די גאַנצע צייט פון פאַסט.

עס האָט זיך שוין גענומען זען די דעק פון באַק און אַ פּאָר פון די אַלטע סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען אויפהייבן פון דער ערד, ווען מיטשורין האָט מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: „מיין הערינג!“

אַלע האָבן מיט פאַרוווּנדערונג זיך אַרומגעקוקט. מען האָט גענומען זוכן אויף דער ערד, געקוקט איינער אויפן אַנדערנס הענט. פּאָפּאָוו האָט זיך אויך געמאַכט כלומרשט, ווי ער וואָלט העלפן זוכן, אָבער זיין פּנים איז געווען אַזוי בלאַס און צעשראָקן, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַלעמענס פאַרדאַכט.

— לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו פּאָפּאָוון, — האָט ווער פון די אַלטע סאָלדאַטן אויסגערופן. — ער האָט דאָ עפּעס צופיל הינטישע שטיק געמאַכט.

— טאַקע, לאָמיר זיך נעמען צו אים, — האָט אַ צווייטער געזאָגט, —

מיר ווייסן דאָך, אַז פאַר דער קישקע וואָלט ער זיך איינפאַך מוסר נפש געווען.

דער יעפרייטער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ ווײַלע איינגעגראָבן זיין בליק אין פּאָפּאָווס צעשראָקן פּנים. פּאָפּאָוו האָט זיך אָבער אָנגענומען מיט מוט און געטענהט: „זנאַט, ניע זנאַיו".

— קיין אַנדערער, ווי ער האָט דעם הערינג נישט געקאָנט אויפעסן! — האָט אָגרושקאָ געשריגן, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף פּאָפּאָוון.

באַלד האָט פּאָפּאָוון אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע געזינדל, וואָס איז אַ ווײַלע פריער אַזוי רויק אַרום באַק געזעסן און מען האָט זיך גענומען צו אים, ער זאָל זיך מודה זיין. דער יעפרייטער האָט אים געשמעקט פון מויל, ער האָט אָבער נישט געקאָנט זאָגן אויף באַשטימט, אויב עס הערט זיך פון אים הערינג אָדער נישט.

מיטאַמאָל האָט איינער פון דער גרופּע באַמערקט, אַז בײַ פּאָפּאָוון איז די רעכטע האַנט איינגעשמירט אין פעטס, און בײַ קיינעם איז שוין מער קיין ספק נישט געווען, אַז ער, און קיין אַנדערער, האָט דעם הערינג אוועקגעגנבעט. מען האָט אים ווידער גענומען שמעקן פון מויל און טאַפּן אין בוזעם אונטערן מונדיר, אָבער קיין סימן פון פאַרשווונדענעם הערינג. דער באַשולדיקטער שייגעץ איז געשטאַנען בלאַס ווי די וואַנט און געשווירן מיט אַלערליי שבועות, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן.

ענדלעך האָט די גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן, אַלטע ווי יונגע, זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם האַלב צעטומלטן פּאָפּאָוו און יעדער איינער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן דער געהיימנישפולער גנבה. בוליגאַ האָט זיך דורכגעשטופּט נאָענט פון זיין פאַרצווייפלטן חבר און האָט אויסגעדריקט זיין רחמנות צו אים דורך זיין אומעטיקן בליק.

דער זוואָדנער וויעראָווקין איז צוגעקומען און האָט מיט זיינע שטעכעדיקע אייגעלעך אָפּגעמאָסטן פּאָפּאָוון אַ פּאָר מאָל, פריער פון אויבן אַראָפּ, דאַן פון אונטן אַרויף. דאַן האָט ער געפרעגט, אויב מען האָט דעם „סערי טשאָרט" גוט אונטערזוכט און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט געזוכט אונטערן מונדיר און גאַרנישט גע-

פונען, האָט ער אַ פרעג געטון, אויב מען האָט אויך געזוכט אין די כאַלעוועס.

הערנדיק דאָס, האָט באַ פאַפאָוון דאָס געזיכט זיך אָנגעצונדן, ער האָט זיך גענומען ווערגן מיט זיין קול און רעווענדיק ווי אַ געקוילעטער אָקס, האָט ער מודה געווען, אַז ער איז דער גנב און האָט טאַקע באַלד אַרויסגעשלעפט דעם הערינג אַ צעקוועטשטן און צעריבענעם פון כאַלעווע.

סאָלדאַטן־ליבע

אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ שרעקלעכן סוד, האָב איך אָן פּאָגאָדינען באַמערקט גלייך די ערשטע צייט, וואָס איך האָב אים דערקענט.

אָפּטמאָל פֿלעגט אַ טיפֿע אומרויקייט זיך אָפּשלאָגן אין זיינע גרויסע גרויע אויגן און זיין געזיכט פֿלעגט אָננעמען אַ מינע, ווי אַ וויכטיקער באַשלוס וואָלט פֿלוצלינג אין זיין האַרץ געבוירן געוואָרן. קיינמאָל האָב איך קיין שמייכל אויף זיין פּנים נישט באַמערקט און קיינמאָל האָב איך אים פֿריי און זאָרגלאָז נישט געזעען קוקן אַרום זיך. אין קאַזאַרמע האָט מען אים גערופֿן דער „אומעטיקער" און די נאַטשאַלניקעס פֿלעגן צווישן זיך אים רופֿן מיט שפּאָט: „דער פֿאַרטראַכטער פֿילאָזאָף".

זיין קאָיקע האָט זיך מיטן צוקאָפּנס געגרענעצט מיט מיינע, אַזוי אַז ווען ער איז געשלאָפֿן, האָב איך געקאָנט ציילן יעדן שנאָרך זיינעם, און פֿון וואָס איך האָב אין מיינע שלאָפֿלאָזע נעכט באַמערקט, פֿלעגט פּאָגאָדין זעלטן ווען שלאָפֿן רויק. ער פֿלעגט דורך דער נאַכט מערערע מאָל זיך אויפֿכאַפּן און באַ יעדעס מאָל אויפֿכאַפּן זיך, פֿלעגט ער זיך איבערקערן פֿון איין זייט אויף דער צווייטער, האַלב מורמלענדיק, האַלב זיפֿצנדיק: „אָ, באַזשע מאָי, באַזשע מאָי!"

איך בין אָפֿט געווען אַ בעלן צו וויסן, וואָס עס פּלאָגט אַזוי פּאָגאָדינס האַרץ. איך האָב אים דאָס מערערע מאָל מיט מיינע אויגן געפֿרעגט, און מער ווי איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען מיין פֿראַגע און מיר געענטפֿערט מיט זיין טריבן בליק.

דעם אינהאַלט פֿון זיין שטומען ענטפֿער האָב איך נישט געקאָנט

פאַרשטיין, נאָר ווען ער פלעגט אויף מיר זיין בליק אָנשטעלן, פלעגט אַ קאַלטער שוידער מיר דורכלויפן, וואָס האָט מיר קלאָר געזאָגט, אַז מיט דעם סאָלדאַט האָט עפּעס שרעקלעכס געמוזט פּאַסירן.

און ווען איין טאָג, ווען איך האָב געדאַרפט גיין אָפּנעמען אַ פּאַ-סילקע פון שטאָט, האָט מען מיט מיר פּאַגאַדינען אַלס שומר געשיקט. האָט עס מיר אי הנאה, אי ווי געטון. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז מיין געלעגנהייט צו דערגיין פּאַגאַדינס סוד, איך האָב אָבער צו דער זעלבער צייט געפילט, אַז וואָס איך וועל פון אים הערן, וועט נישט זיין קיין אָנגענעמס.

אַזוי גיך ווי דער טשאַסאָוואָי האָט דאָס טירל פון קאַזאַרמע-הויף הינטער אונז פאַרמאַכט און מיר האָבן גענומען גיין צו דער שטאָט, האָט פּאַגאַדין אָנגעהויבן:

— איך בין צופרידן, דאַטשקין, וואָס קומט אויס צו זיין אַ פּאָר שעה מיט דיר אַליין. ביסט אַ בראַווער סאָלדאַט און אַ גוטער מענטש, און — ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדן בליק און זיך געקווענקלט אַ לענגערע ווײַלע.

— מעגסט פאַר מיר דערציילן אַלץ, — האָב איך געזאָגט צו מיין באַגלייטער — אויף העלפט פון וואָס דו ליידסט, האָב איך שוין לאַנג זיך אָנגעשטויסן. דערצייל מיר דאָס איבעריקע און עס וועט דיר ווערן לייכטער אויפן האַרץ. פון מיר וועט דיין סוד ווייטער נישט גיין.

פּאַגאַדין איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. ער האָט אַ ווײַלע איינגעצויגן דעם אָטעם, און איינגראָבנדיק טיף זיין בליק אין מיינעם, האָט ער מיט אַ פאַרשטיקט קול אויסגערופן:

— וואָלסטו געגלייבט, דאַטשקין, אַז איך האָב אַ מאָרד באַגאַנגען, אַ ברודער — סאָלדאַט דערהרגעט, פון הינטן אַ שטיקע אים אין זייט אַריינגעלאָזט ?

עס איז מיר אַ קעלט אַריבער איבערן לייב און עס האָט מיר אַ צופּ געטון באַם האַרץ, טראָץ דעם, וואָס אינסטינקטיוו האָב איך זיך געריכט עפּעס ענלעכס צו הערן.

— יאָ, ברודער, — האָט מיט ערנסט פּאַגאַדין ווייטער גערעדט — אָט דאָס, וואָס דו הערסט. איך האָב אַ ברודער—סאָלדאַט דערמאָרדעט, פון הינטן, נישט וויסנדיק ווער ער איז געוועזן און אפשר אויך נישט

ווימנדיק פאַרוואָס. אַ צעטומלטער בין איך דאַן געווען, נישט געוווּסט וואָס איך טו. טשאָרט פּראָקלאַטי!

— צוליב אַ מיידל מסתמא? — האָב איך געפּרוּווט טרעפן און געקוקט מיט מיטלייד אויף מיין באַגלייטער.

— יאָ, געטראָפן, אָבער אַ מיידל איז דאָס געווען, זאָג איך דיר, ברודער, אַז יעדער איינער האָט פאַר איר געקאָנט משוגע ווערן!

פּאַגאַדינס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטן גלאַנץ און זיינע גראָבע ליפּן האָבן זיך פאַרפרעסט מיט אַ זויערער גרימאַסע. מיר זענען ביידע געגאַנגען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און האָבן שיער פאַרזען אַן אָפיציר, וואָס איז אונז אַנגעקומען אַקעגן.

מיר האָבן אין צייט אויסגעפּיעט אָפּצוגעבן טשעסט און ווען דער אָפיציר איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיר זיך פאַרנומען אויף אַ זייטיק וועגל, ווו דער כּריש געפאַלענער שניי איז געלעגן כּמעט נאָך אומבארירט.

ווען פּאַגאַדין האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און זיך איבערצייגט, אַז קיינער קאָן אים נישט הערן, האָט ער אָנגעהויבן:

— עס איז געווען לעצטן זומער, אין לאַגער.

„אונזער פּולק איז אין שכנות מיטן אוסטיוזשענסקי פּולק געשטאַנען אַ וויאָרסט צוויי פון דעם שטעטל ג. און די פּאַלאַטקעס פון אונזער ראָטע האָבן אַרויסגעקוקט קעגן אַן איינזאַם שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון שטעטל, לעבן די מאָהילקעס.

קיין פייער האָב איך אין דעם שטיבל אינאָווענט קיינמאָל נישט באַמערקט, נאָר ווי עס פלעגט צופאַלן די נאַכט, פלעגט זיך פון דאָרט נעמען טראָגן אַ זיסע פרויען-שטימע, וואָס האָט שעהן נאָכאַנאַנד אָנגעפילט די נאַכט-לופט מיט געזאַנג. פיל מאָל האָבן די טרויעריקע ניגונים, וואָס פלעגן אַריינדרינגען האַלב-פאַרשטיקטע אין מיינע אויערן, מיך פאַרקלעמען בײַ דער נשמה און אַ בענקשאַפט, וואָס איך האָב זייט מיין אָנקומען אין קאַזאַרמע נישט געפילט, האָט מיין האַרץ אָנגעפילט. עס האָט מיך שרעקלעך געצויגן צו אַן אייגענעם ווינקל, צו אַן אייגן ווייב און צו אַ לעבן, ווי אַלע פרייע מענטשן פירן.

„עס האָט מיך ווי אַ מאַגנעט אָנגעהויבן צו ציען צום שטיבל. אין איין טאָג, נאָך זאַנאַטיע, האָב איך מיטאַמאָל זיך אַרומגעזעען, אַז איך

שטיי באַם שטיבל, פאַרן גאַניק, איך האָב זיך געפילט ווייער „גיע לאָווקאָ".

איך האָב זיך אָבער אָנגענומען מיט מוט און בין אריין אינעווייניק.

אַן אַלטיטשקע איינגעהויקערטע מיעשטשאַנקע, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון אַ פינצטער קעמערל, האָט מיך פאַרווונדערט אָנגעקוקט. איך האָב פאַר אַ תירוץ, געבעטן אַ טרונק וואַסער, אָבער זי האָט צולייגנדיק די האַנט צום אויער, מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז טויב און קאָן מיך נישט פאַרשטיין. איך בין אַ ווײלע געשטאַנען, זיך אַרומגעקוקט אינעווייניק און פון דרויסן און ווען קיינער, אויסער דער אַלטיטשקער, איז דאָרט נישט געווען צו זען, בין איך אַוועק צוריק אין לאַגער.

„יענע נאַכט האָט דאָס געזאַנג אין שטיבל זיך אָנגעהויבן אין דער געוויינלעכער צייט און האָט אָנגעהאַלטן לאַנג איבער פּאָוויערקאַ.

„אויף מאָרגן האָב איך גענומען אַ שפּאַציר צום שטיבל פאַרנאַכט און האָב געטראָפן אויפן גאַניק אַ יונג מיידל, וואָס האָט אויסגעזעען האַלב-שטאָטיש, האַלב-דאָרפיש. דאָס מיידל איז רויט געוואָרן, ווען זי האָט געזען, ווי איך בין שטיין געבליבן לעבן גאַניק און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך.

„ביסטו דאָס די, וואָס זינגט אַזוי זיס יעדע נאַכט?" האָב איך געפרעגט דאָס מיידל, אַרויפגייענדיק די טרעפּלעך.

„דאָס מיידל איז נאָך רויטער געוואָרן און ווען זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע ליכטיק-בלויע אויגן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ", האָב איך געמיינט, אַז דער טייוול נעמט מיך.

„איך האָב יענעם אָוונט לאַנג נישט געקאָנט פאַרברענגען מיט יוזעפאַן — אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן — איך האָב געמוזט אָנשפּאַנען צוריק אין לאַגער צו פּאָוויערקע, אָבער די גאַנצע נאַכט האָב איך וועגן איר געטראַכט. איך האָב געפילט לעבן זיך איר פולן, וואַרעמען קערפּער און די רויטע קייקעלעך אויף איר איינגעצויגענעם, ווייסן קאַפּטל, האָבן אַרומגעטאַנצט פאַר מיינע אויגן און געברייצט דאָס בלוט אין מיר.

„צוויי טעג אַרום האָב איך זיך ווידער אַרויסגעמאַכט פון לאַגער און פאַרבראַכט אַ פּאָר גליקלעכע שעה מיט יוזעפאַן. די אַלטיטשקע — עס איז געווען יוזעפאַס באַבע — האָט אויף מיר געקוקט קרומלעך, אָבער יוזעפאַ האָט מיר געזאָגט, איך זאָל וועגן דעם זיך נישט קימערן. דאָס הויז, דער גאָרטן און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, האָט זי געזאָגט, באַלאַנ־

גן צו איר, וואָס איז איר געבליבן אַ ירושה פון אירע עלטערן, וואָס זענען אין איין טאָג געשטאָרבן פון כאָלערע, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען.

אָנקומענדיק אויף דער בריק, האָט פּאַגאַדין אונטערגעבראָכן. צוויי אָפיצירן זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש און געקוקט אויף די אייז-קלומפּן, וואָס האָבן באַדעקט דעם ניעמאַן. מיר האָבן זיי אָפּגע-געבן טשעסט, און אַזוי גיך ווי מיר זענען געווען אויף יענער זייט טייך, האָט פּאָגאָדין פאָרטגעזעצט:

„פון דאַן אָן פלעג איך קומען צו יוזעפאַן אַ נאַכט איבער אַ נאַכט, נאָך פּאַוויערקאַ. אין הויז, אמת, האָט זי מיך נישט געוואָלט אַרייַנלאָזן, כאָטש איך האָב געשוווירן מיט טויזנט שבועות, אַז גלייך נאָך סלוזשבע, וועל איך מיט איר חתונה האָבן. אויפן גאַניק האָט זי אויך נישט גע-וואָלט זיצן אין דער פינצטער מיט מיר. זי פלעגט מיך אויפנעמען בײַ דעם אָפענעם פענצטער אין גערטל, ווו מיר פלעגן אָפּשטיין שעהן, זי פון אינעווייניק און איך פונדרויסן, רעדנדיק פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און אונזער צוקונפט. מיט אַ האַנט האָט זי קיינמאָל נישט געלאָזט זיך צורירן צו איר. דערפאַר אָבער פלעגט זי זיך לאָזן פון מיר אַ קוש טון יעדעס מאָל פאַר מיין אַוועקגיין.

„איך האָב זיך געפילט אמת גליקלעך מיט יוזעפאַן. איך האָב זי ליב געהאַט מיט מיין גאַנץ האַרץ און בין געווען זיכער, אַז זי ליבט מיך אויך. דאָך פלעגט אַ געדאַנק אַמאָל מיך באַאומרויקן: טאָמער שאַרט זיך עמעצער אַנדערש צו צו איר. עס גייען דאָך אַזוי פיל סאָלדאַטן פאַרביי דעם שטיבל אין לאַגער-צייט, אָבער ווען עס זענען בײַ צוויי וואָכן אַריבער און איך האָב געזעען, אַז קיינער קומט מיר נישט אין וועג, האָב איך זיך איינגאַנצן באַרויקט.

„איין שיינעם, ליכטיקן אָוונט, ווען איך האָב געזאָלט בלייבן אין לאַגער, וואַרטנדיק צו קאָנען זען מיין געליבטע ערשט אויף מאָרגן, האָט מיך מיטאַמאָל אַ מאָדנע בענקעניש אָנגענומען און איך האָב געפילט, אַז איך מוז גלייך גיין זען יוזעפאַן. איך האָב זיך שטיל אַרויסגעגנבעט, און גייענדיק דעם גאַנצן וועג געקלערט, ווי איבערראשט יוזעפאַ וועט ווערן, ווען זי וועט מיך אומגעריכטערהייט דערזעען.

„עס האָט מיך ווי אַ דונער געטראָפן, ווען איך האָב געעפנט דאָס

טירל פון יוזעפאָס גאָרטן און דערזעען אַ סאָלדאַט, שטייענדיק אַריבער־געבויגן אין דעם אָפענעם פענצטער. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ צע־מישטער און האָב פון אָרט זיך נישט געקאָנט רירן. אין מיינע אויערן האָט מאָדנע געהודזשעט און אין דעם הודזשען האָב איך געקאָנט הערן, ווי דער סאָלדאַט פליסטערט: „יוזעפאַ. דאָראָגאַיאַ״. מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז איך האָב געהערט איר שטימע און דעם אָפּקלאַנג פון קושן.

„עס האָט מיך, ווי אַ פייער אַ ברען געטון. דאָס בלוט האָט אויפ־געקאָכט אין מיינע אָדערן און איך האָב געפילט, ווי טויזנט הענט האָבן מיך געשטופּט צום פענצטער.

„אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך זיך געפונען בלויז איין טריט פון פענצטער. אויף מיינע הענט און פיס בין איך אַהינגעקראָכן. די ווייסע רובאַשקע פונם סאָלדאַט, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט לבנה־שיין, האָט מיינע אויגן געבלענדט און די שוואַרצע שטיקע, וואָס איז אויף זיין ליג־קער זייט געהאָנגען, האָט מיך ווי אין האַרץ געשטאָכן.

„צען טייוולאָנים האָבן מיך באַפאַלן — — — — — —

„דעם נעכסטן מאָמענט האָב איך געפילט ווי מיין האַנט ציט פאַר־זיכטיק אַרויס די שטיקע פון דעם סאָלדאַטס שיידל און באַלד נאָכדעם, האָב איך דערהערט דאָס געררויש פון אַ טומפּן שטאָך און אַ געשריי:

„ראַטואיטיע!״

„ווי אַזוי איך בין יענע נאַכט צוריקגעקומען אין לאַגער קאָן איך ביז איצט זיך נישט דערמאָנען. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב זיך גלייך אָוועקגעלייגט און בין געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער ביז גרויסן טאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון אַ געוואַלטיקן טומל אַרום די פּאַלאַטקעס.

„אויף מיין פראַגע: „וואָס איז געשען?״ האָט מען מיר געענטפערט, אַז אַ סאָלדאַט פון אוסטיוזשענסקי־פּולק איז געפונען געוואָרן אַ דער־הרגעטער.

סאָלדאַטן־ליבע, 2

שרה דער אַלמנהס רעסטאָראַן איז געווען דער זאַמל־פּונקט פֿון די יידישע סאָלדאַטן אין ג.

צו יעדער צייט פֿון טאָג, פֿון ניין־צען אינדערפֿרי, ביז אַ שטיק נאָך „פּאָווערקע", האָט מען דאָרט געקאָנט טרעפֿן אַ פּאָר צענדליק יונגע מענטשן אין אוניפֿאָרמען פֿון פּערמסקי, וויאַטסקי, אוסטיוזשענסקי און פּעטראָזאַוואָדסקי פּולק, זיצנדיק איבער אַ גלאָז טיי, אַ טעלער זופּ אָדער אַ היימיש געבראָטן שטיקל פֿלייש און פֿאַרברענגען צוזאַמען אין יידישן געמיש פֿון וואָלינער, פּוילישן און ליטווישן דיאַלעקט. אַ וואָלקן פֿון פּאַפּיראָסן־רויך איז שטענדיק געהאָנגען איבערן גרויסן צימער און דער ריח פֿון געבראָטנס מיטן ריח פֿון שינעל־און מונדיר־געוואַנט האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם באַם אַריינגיין.

צוויי הייזער פֿון שרה דער אַלמנהס רעסטאָראַן, איז געווען די גאָרקיך פֿון לייבע אַמדורער, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק „געשאַרט" גאָלד פֿון די יידישע סאָלדאַטן, און נאָך אַ פּאָר הייזער ווייטער, גלייך קעגנאיבער די קראָמען, איז געווען דער רעסטאָראַן פֿון פּסח בריה, אויף וועמען מען פֿלעגט אַמאָל זאָגן, אַז זיינע טעכטער ברענגען אים אַריין אוצרות אין הויז, אָבער זינט לייבעס עלטערע מיידל איז געשטאָרבן און פּסח בריהס טעכטער האָבן חתונה געהאַט, איז די פּרנסה פֿון זייערע רעס־טאָראַנען אויסגערונען, און די מזל ברכה איז אַריבער צו שרה דער אַלמנה, וועמענס צוויי טעכטער האָבן געהאַלטן אין רעכטן בליען.

די עלטערע טאָכטער פֿון דער אַלמנה, באַשקע, איז געווען אַ ברו־נעטקע פֿון אַ יאָר צוואַנציק, מיט קלוגע שוואַרצע אויגן און מיט אַ

דרייסטקייט אויפן פנים, אין אירע באַוועגונגען, וואָס איז געווען אויפפאַלנד און צוציענד. זי האָט זיך געהאַלטן „פאַני בראַטסי" מיט אַלע סאָלדאַטן און פלעגט אָפּט אַ שטיף טון מיט דעם אָדער מיט יענעם אויף אַן אָנשטענדיקן אופן.

די ייִנגערע, פערל, איז געווען אַ העלע בלאָנדינקע, מיט אַ פנים פון בלוט און מילך. זי איז געווען הויך געוואַקסן און אויסערגעוויינלעך שטאַרק אַנטוויקלט נאָך אירע יאָרן. זי האָט געהאַט אַ פאָר פאַרטראַכטע בלויע אויגן און אַ נאַיוון שמייכל אויף אירע פולע, ראָזעווע ליפּן, מיט וועלכן זי פלעגט גוטמוטיק באַשענקען יעדן איינעם.

די מערסטע געסט פלעגן „אוכאַזשעווען" די ייִנגערע. זיי פלעגן זי באַשיטן מיט קאָמפּלימענטן און זיך דערקלערן אין ליבע צו איר, אָבער די עלטערע האָט עס, קענטיק, ווייניק וואָס געאַרט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט צופרידן מיט דער ליבע פון בערקאָוויטשן, אַ מוזיקאַנט פון וויאַטסקע פולק, וואָס איז פאַר איר פשוט אויסגעגאַנגען.

בערקאָוויטש איז געווען אַ שטילער יונגערמאַן מיט איידעלע מאַנירן, און כאָטש ער האָט שוין געדינט דאָס לעצטע יאָר, האָט ער מיט זיין צוריקגעצויגנקייט און שעמעוודיקייט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאָוואָבראַנעץ אין די ערשטע וואָכן פון סלוזשבע. די סאָלדאַטן פלעגן אים רופן דער „ייִדענער יונגערמאַנטשיק" און די באַלעבאָסטע, שרה די אלמנה, פלעגט קלויבן נחת אין דער שטיל, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַן אויגן ער קוקט אויף באַשקען.

אין בערקאָוויטשס געגנוואַרט האָט באַשקע זיך באַנומען מיט מער „סטאַט", ווי אין זיין אָפּוועזנהייט. זי פלעגט זיך איינהאַלטן מיט איר פרייען שמייכל און זיך אָפּהיטן נישט אַרויפצולייגן אַ האַנט אַ סאָלדאַט אויף דער פלייצע און ווען ווער פון די געסט פלעגט זיך צו איר צורירן אָדער צו איר אַ שמייכל טון, האָט זי זיך אָפּגערוקט מיט אַ מינע ווי ווי דאָס וואָלט געווען אַן עוולה קעגן וועמען.

די סאָלדאַטן האָבן צווישן זיך גענומען רעדן, אַז בערקאָוויטש גייט ווערן אַ חתן פאַר באַשקען, אָבער שרה די אלמנה, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ קלוגער ייִדענע, האָט געזוכט דעם קלאַנג צו פאַרשטיקן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס איז נישט קיין מעלה פאַר איר פרנסה און ווען עמעצער פון די סאָלדאַטן האָט זי געפרעגט, אויב עס האָלט טאַקע באַ

אַ שידוך צווישן איר טאָכטער און דעם מוזיקאַנט, האָט זי געענטפערט: „מאַלי וואָס לייטישע מיילער רעדן, מיין באַשקע האָט זיך נישט וואָס צו איילן. זי איז נאָך אַ יונג קינד".

נישט אַלע סאָלדאַטן האָט אָבער שרה דער אַלמנהס ענטפער געקאָנט צופרידנשטעלן. אַ פּאָר אַלטע איינגייער, וואָס פלעגן ליב האָבן צו „פּאַר־ברענגען" אַמאָל מיט באַשקען, האָבן אויסגעזוכט אַ נייעם פּלאַץ, אויף דער סאָראָווער גאַס. אייניקע האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען זעלטענער און די אַלמנה האָט גענומען פילן, אַז דאָס לייזן ווערט שוואַכער.

באַשקע איז געווען שטאַרק באַקימערט, וואָס עס קומען אָפּ קונדן אין רעסטאָראַן. זי האָט געוווסט, אַז זי איז די אורזאַכע דערפון, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי זיך געפילט געשמייכלט וואָס, כאָטש זי, די עלטערע און נישט די שענערע, האָט מען אין איר זיך פאַרליבט און נישט אין פערלען.

פון אָנפאַנג האָט באַשקע בערקאָוויטשן נישט צו שטאַרק ליב געהאַט. אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך גאָר פאַרגעשטעלט, אַז דער „וואָלני אופּרעדעלאיושצי" מירקין וועט זיך אין איר פאַרליבן. איז אָבער, פונקט ווי אויף להכעיס, ווען ער פלעגט אַמאָל אין אַ נאָווינע שוין קומען אויף אַ האַלבע שעה, פלעגט מירקין פאַרברענגען מיט פערלען און אויף איר אפילו זיך נישט אומקוקן. איר האָט דאָס אי פאַרדראָסן, אי וויי געטון, און ווען איר איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפּפאַלנד די אויפמערקזאַמקייט, וואָס בערקאָוויטש שענקט איר, האָט זי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, ווי אַ הינקענדיקער אָן אַ שטעקן.

זי האָט געהערט, אַז בערקאָוויטש קומט פון אַ זייער שיינע פאַמיליע. זי האָט געזען, אַז ער איז אַן איידעלער מענטש, אַ שטילער מענטש און אויך נישט קיין מיאוסער, אָבער אין זיין באַנעמען איז געווען עפּעס, וואָס האָט געוואָרפן אַ שאָטן בײַ איר אין האַרץ. זי האָט געפילט, אַז ער ליבט זי שטאַרק, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי אויך געפילט, ווי עפּעס, וואָס ס'איז שטאַרקער פון אים, וואָלט אים צוריקגעהאַלטן פון איר.

מיט דער צייט האָבן די געפילן בײַ איר זיך אויסגעוועפּט און זי האָט, כאָטש ער האָט מיט איר וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט, גע־

דענקט נישט אַנדערש, אַז אַזוי גיך ווי בערקאָוויטש וועט דעם לעצטן לאַגער איבערפּטרן, וועט זי פאַר אים אַ כּלה ווערן.

איינמאָל, אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען שרה דער אַלמנהס רעסטאָראַן איז געווען אָנגעפילט מיט סאָלדאַטן, רויך און טומל און באַשקע מיט פערלען זעגען מיט פול און ליידיק געפעס הין און צוריק אַרומגעלאָפן, איז בערקאָוויטש צוגעקומען צו מיר און געפרעגט, אויב איך וואָלט נישט וועלן זיך דורכגיין מיט אים אַ ביסל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיט מיר עפּעס וויכטיקס צו רעדן און איך בין מיט אים געגאַנגען.

ווען מיר זענען אַריין אַ שטיל הינטער־געסל, נישט ווייט פון דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק, האָט בערקאָוויטש אָנגעהויבן:

— איך בין מיאוס אַריינגעקראָכן, דאַטשקין, און נישט נאָר איך בין אַליין אַריינגעקראָכן, נאָר כ'האָב אויך עמעצן אַנדערש אַריינגעשלעפּט, און אַלץ צוליב מיין פאַסקודנער נאַטור, וואָס מענטשן נעמען אָן פאַר פיין און איידל.

איך האָב פאַרשטאַנען וועגן וואָס ער ציט מיך אָן און האָב אים געגעבן צו רעדן קלאָרע דיבורים.

— ווי דו זעסט, ברודער — האָט דער מוזיקאַנט האַלב װושקענ־דיק געזאָגט, — האָב איך ליב דער אַלמנהס עלטערע טאָכטער און כאָטש איך האָב געוווסט, אַז איך טאָר וועגן איר נישט טראַכטן, האָב איך מיין האַרץ אַזוי ווייט נאָכגעגעבן, אַז דאָס אָרימע מיידל האָט שוין גענומען בויען האָפנונגען אויפן רעכענונג פון מיין ליבע און אַלע אין רעסטאָ־ראַן און קאַזאַרמע רעדן פון אונז, ווי מיר וואָלטן שוין חתן־כּלה געווען.

„איך האָב מיט דעם מיידל קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַ בשותפותע צוקונפט, איך האָב איר נישט אויפגעגעבן קיין פּלענער. אויב זי האָט געמאַכט וועלכע, זענען זיי בּאַ איר אַליין געבוירן געוואָרן. אַלץ, וואָס איך האָב איר אַרויסגעוויזן, איז געווען ליבע, ריינע אמתע ליבע. מער ווי דאָס האָב איך נישט געקאָנט, נישט געטאָרט, האָבנדיק אַ פרוי אינדערהיים, וואָס ציילט די טעג, איך זאָל שוין צוריקקומען.

בערקאָוויטש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן פאַרגעזעצט:

— יאָ, מיין פריינט, איך האָב אַ פרוי אינדערהיים, וואָס איך האָב אמת ליב. מיר האָבן חתונה געהאַט אַ פאָר יאָר פאַר מיין פריזיוו. איך האָב געהאַט אַ „פערווע לגאָטע" און קיינער האָט גאָרנישט געקאָנט

דענקען, אַז מען וועט מיך אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. דאָס בענקען נאָך מײַן פרוי האָב איך די ערשטע צײַט פון סלוזשבע נישט געקאָנט אַרײַבערטראָגן. איך האָב געמיינט, איך וועל פון זינען אַראָפּ. און ווען איך האָב שפּעטער זיך פאַרליבט אין באַשקען, איז דאָס געווען אויס רײַנער בענקעניש נאָך מײַן פרוי.

„דו לאַכסט, הא, נאָר איך זאָג דיר, אַז עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, ווען וואָך־אײַן, וואָך־אויס, אַז מען זעט נישט קיין פרויענצימער פאַר די אויגן. דאָס ערשטע יאָר האָב איך פון דער קאַזאַרמע גאָרנישט געקאָנט אַרויס. הײַנט איז גאָלד קעגן דרײַ יאָר צוריק, הײַנט האָט אַ באַוואָרבאַנעץ אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן אַמאָל די שטאָט, אָבער מיט דרײַ יאָר צוריק איז געווען כמעט פאַרפּוילט צו ווערן אין קאַזאַרמע. נו, אַז איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן צו קומען אין שטאָט און דערזעען, אַז די וועלט איז נאָך אַ וועלט. מענער, פרויען און קינדער גייען אַרום פרײַ איבער די גאַסן, שמייכלען, לאַכן, רעדן, ווי קיין דיסציפּלין וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. ווי די קאַזאַרמעס מיט די יעפרייטערס און די זוואָדנע, וואָס געפינען זיך נישט ווײַט פון די פרײַלעכע גאַסן זענען נאָר באַשאַפן געוואָרן צוליב פאַראַד און פרײַלעכקייט וועגן, האָט מײַן בענקשאַפט נאָך מײַן פרוי זיך אָפּגעפרישט און ווען איך האָב דערזען באַשקען, וועלכע האָט אַ ביסל ענלעכקייט צו מײַן פרוי, האָט מיר גלײַך באַם האַרץ אַ צופּ געטון.

„ווי עס זאָל נישט זײַן און וואָס איך זאָל נישט דענקען פון דער גאַנצער זאַך איז איינס באַ מיר באַשטימט: אַז איך בין באַגאַנגען אַן עוולה קעגן באַשקען. איבערהויפּט פיל איך עס איצט, ווען דאָס מיידל הייבט אָן צו נעמען ערנסט מײַן ליבע און זייטיקע מענטשן מאַכן דערײַבער גאַנצע פּירושים.

— זאָג מיר. פרײַנט דאָטשקין, וואָס טוט מען, גיב מיר אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דער פאַרדרייעניש אַזוי, אַז איך זאָל באַשקען קיין יסורים נישט פאַרשאַפן.

אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט ראָטן דעם פאַרליבטן „באַלעבעסל“, איז געווען, נאַטירלעך, אויפצוהערן גיין אין דער אַלמנהס רעסטאָראַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט מיטאַמאָל, און אָפּצוגעוויינען אויף אַזאַן אופן באַשקען פון אים און זײַן ליבע.

ווען איך בין אין איינִיקע וואָכן אַרום געקומען אין שרה דער אלמנהס רעסטאָראַן, איז באַשקע אַרומגעלאָפן איבערן הויף פריש און לעבעדיק, ווי עס וואָלט קיין זאַך מיט איר נִישט פאָרגעקומען. איר זילבערן געלעכטערל האָט שאַרף אָפּגעקלונגען אין דעם הוי־האַ פון סאָלדאַטן־שטימען. זי האָט געשמייכלט צו איינעם, געווונקען צו אַ צווייטן און אַ קלאַפּ געטון אין פלייצע אַ דריטן, און פון איר באַנעמען זיך האָט מען געקאָנט מיינען, אַז איר איינציקע אויפגאַבע איז צופרידנצושטעלן דער מאַמען און די קונדן. די אלמנה האָט געקוקט צופרידן אַרום זיך און ווען איינער פון די סאָלדאַטן האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס מעט זעט עפּעס נִישט בערקאָוויטשן, האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול און, ווענדנדיק זיך צום גאַנצן עולם, אויסגערופן: „עס זעט אויס, אַז אַלע האָבן געמאַכט דעם זעלבן טעות. אַז מיין טאָכטער גייט ווערן אַ כלה פאַרן וויאַטסקע מוזיקאַנט, אָבער לאָזט מיך אייך זאָגן, אַז מיין טאָכטער איז נאָך אַ יונג קינד און קאָן זיך באַגיין אָן אַ חתן אַ לאַנגע צייט. דאָס האָבן מיינע שונאים, לייבע אַמדורער און פסח בריה אויסגעקלערט, אַז זי גייט אַ כלה ווערן".

אַ חתונה אין קאַזאַרמע

וואָדנער גאָלובאָוו האָט געדינט די דריטע סלוזשבע און איז געווען געוואַלדיק שטאָלץ מיט דעם.

זיין העכסטער אידעאַל איז געווען, צו דערדינען זיך צו פינף בענדלעך אויפן אַרבל, וואָס האָט געמיינט, דורכצומאַכן פינף טערמינען אין דעם קייסערס דינסט.

צייטנווייז האָט אים אפילו געקרענקט, וואָס פעטוכין, אַ יינגערער פון אים, בלויז מיט צוויי בענדלעך אויפן אַרבל און אַן איינפאַכער מיעשטשאַנין ווי ער, זאָל זיין פעלדפעבל און ער נישט מער ווי אַ וואָדנער, אָבער ער האָט אין האַרץ געמוזט צוגעבן, אַז פעטוכין איז מער „אָסאָבע" ווי ער און איז אויך מער גראַמאָטנע פון אים. דערפאַר אָבער קעגן די איבעריקע וואָדנע, האָט ער געוווסט, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו שעמען און ווען ער פלעגט טראַכטן פון דעם, וואָס ער האָט דריי בענדלעך אויפן אַרבל, פלעגט ער זיך פילן ווי אַ מענטש, וועמען מענטשן מעגן מקנא זיין.

גאָלובאָוו האָט קיינמאָל נישט געדענקט פון חתונה האָבן. ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז ווען גאָט וועט אים העלפן אַהיימצוקומען נאָך דער פינפטער סלוזשבע, וועט ער מיט דעם קאַפּיטאַל פון קרוב צוויי הונדערט רובל, וואָס ער וועט ביז יענער צייט האָבן אָנגעקליבן, נעמען האַנדלען מיט פערד, צו וואָס ער האָט געשטרעבט זייט זיינע קינדער יאָרן, און פירן אַ כאָלאָסטאָיסקע לעבן.

אָבער, ווי זאָגט אַ ווערטל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

און אַז עס איז באַשערט חתונה צו האָבן, העלפט נישט דאָס נישט וועלן און אפילו די קאַזאַרמע אַליין קאָן דערפון נישט באַשיצן.

און ווען איין טאָג איז האַנולקע די וועשערקע געקומען זיך נאָכפרעגן אויפן „געהויבענעם מיט דריי בענדלעך אויפן אַרבל", האָבן די נאַטשאַלניקעס אין ראָטע גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמעקט מיט חתונה און האָבן שוין געזעען נקמה אָן דעם נאַרישן בעל-גאווה, ווי זיי פלעגן גאָלובאָוון רופן צווישן זיך.

האַנולקע איז געווען גוט באַוווסט אין קאַזאַרמע, נישט אַזוי צוליב איר אַליין ווי צוליב אירע דריי טעכטער. בײַ איר אין הויז פלעגן פאַרקערן קלענערע געהויבענע פון פאַרשידענע פולקן און אַזוי ווי אי״ר „כאַטקע" איז געווען נישט ווייט פון דעם מאַנאַפּאָל, האָבן קיין הוליאַנקעס דאָרט קיינמאָל נישט געפעלט. ווער רעדט אַ זונטיק אָדער כאַגע, איז דאָרט געווען ווי אַן אמתע קרעטשמע. „אונטערגעשנאָשקעטע" נאַטשאַלניקעס פלעגן מאַכן אַ טומל און דאָס הייזל איז געווען פול מיט האַרמאָניקע-טענער, טאַנץ און געזאַנג.

גאָלובאָוו איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין האַנולקעס הויז. ער האָט אַהין אָנגעהויבן צו גיין, ווען האַנולקעס מאַן, אַנטאָש, האָט נאָך געלעבט און די עלטסטע פון די דריי טעכטער איז נאָך איבער דער גאַס אַ באָרוועסע אַרומגעגאַנגען. אַנטאָש האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון גאָלובאָוון און האָט זיך תמיד געווונטשן נישט קיין ערגערע איידעמס ווי ער פאַר זיינע טעכטער צו קריגן, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן. אָבער אַנטאָשן איז נישט באַשערט געווען צו זעען ווי זיינע טעכטער וועלן אויסוואַקסן. אַ בליץ האָט אים דערהרגעט, ווען ער האָט אויף אַ דאַך פון אַ קלויסטער געאַרבעט.

נאָך איר מאַנס טויט האָט האַנולקע אירע טעכטער צעשיקט איבער דער שטאָט דינען, אָבער אַזוי גיך ווי זיי זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיי צוריק אין הויז אַריינגענומען.

קיין פרנסה האָט האַנולקען נישט געפעלט. זי האָט אַריינגענומען וועש אין הויז, האָט געהאַלטן בולקעס און פלעצלעך צו פאַרקויפן און האָט געהאַט אַ קו, וואָס פלעגט געבן ניין קוואָרט מילך אַ טאָג. „נאַטשאַלניקעס" פלעגן געבן פיין צו לייזן פאַר „פאַרבייסן", און וואָס די

טעכטער אירע זענען מער אויסגעוואַקסן, האָט די פּרנסה אין הויז זיך אַלץ געמערט.

גאַלובאָוו האָט אָנגעהויבן זיך צוצומאַכן צו סטעפּאַניען, דער עלטסטער פון די דריי מיידלעך, און אַזוי גיך, ווי די איבעריקע אַריינגייער האָבן געזעען, אַז דער יחסנדיקער וואָדנער איז פאַראינטערעסירט אין איר, האָבן זיי זיך גענומען האַלטן פון איר פונדערווייטנס און האָבן „אויסגעוואַשעוועט" די יינגערע.

עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד איז גאַלובאָוו, ווען ער האָט נאָר געקאָנט אָפּרייסן צייט, אָפּגעהיניעט אין האַנולקעס הויז, אָבער מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהערט אַהינצוגיין און האָט גענומען אויסמיידן די גאַס, וווּ דער וועשערקעס „כאַטקע" געפינט זיך.

האַנולקע האָט נאָכגעפרעגט בײַ אַנדערע געהויבענע פון וויאַטסקע פּולק, פאַרוואָס מען זעט נישט גאַלובאָוון. עס האָט איר אָבער קיינער נישט געקאָנט געבן קיין ריכטיקן ענטפער. זי האָט גענומען אויספאָרשן סטעפּאַניען און באַלד האָט זי זיך דערוווּסט, אַז צווישן דעם וואָדנעם מיט די דריי בענדלעך און איר עלטערער טאָכטער איז אַ ביסל צו ווייט געגאַנגען.

די געקרענקטע מוטער האָט דאַן דורכן אונטעראָפיציר פלעטניאָוו געלאָזט אָנזאָגן גאַלובאָוון, אַז זי מוז אים זעען, ער זאָל אַריבערקומען אַזוי גיך ווי ער קאָן. דער וואָדנער האָט אָבער געשמייכלט אין זיינע וואָנסעס, ווען פלעטניאָוו האָט אים דעם גרוס איבערגעגעבן.

— נישקשה, עס וועט זיין רעכט, אַז איך וועל זי נישט זעען — האָט גאַלובאָוו געזאָגט מעשה כוואַט. — איך בין אַהין שוין גענוג געגאַנגען, אפשר שוין אַ ביסל צו פיל. איצט זאָלן אַנדערע גיין.

ווען האַנולקע האָט דערהערט גאַלובאָווס ענטפער, איז זי גלייך אַוועק אין קאַזאַרמע.

נישט לייכט איז דער וועשערקע אָנגעקומען, ביז זי האָט דעם וואָדנעם געטראָפן. דאָ האָט מען זי אין קאַזאַרמע נישט אַריינגעלאָזט, ווייל עס איז געווען די צייט פון זאַניאַטיע, דאָ איז דער געהויבענער אין וואַך נישט געווען און דאָ עפּעס אַנדערש, נאָר ווען זי האָט אים ענדלעך געפּאַקט, האָט זי אויסגעלאָזט צו זיין קאָפּ אַלץ, וואָס איר האָט זיך די גאַנצע צייט אויפן האַרץ אָנגעקליבן. גאַלובאָוו האָט זיך געשעמט

פאַר די סאָלדאַטן און איז אַרויס מיט דער פרוי אויסטענהן זיך אין קאָרידאָר.

אַ פּאָר טעג אַרום איז האַנולקע ווידער זיך געקומען זעען מיטן זוואַדנעם, און נאָך עטלעכע טעג שפּעטער איז זי געקומען מיט איר עלטסטע טאָכטער, וואָס האָט מיט דער גרויסער פּאַטשיילע, אין וועלכער זי איז געווען איינגעוויקלט, קוים געקאָנט פאַרדעקן דעם סוד פון גאָלו-באָווס דערוויייטערונג.

די שיקסע האָט געקלאָגט און געוויינט פאַר גאָלובאָוון, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן ווי ער האָט איר פאַרשפּראָכן. זי האָט געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט עס נישט טון, וועט זי דאָס קינד דערשטיקן אַזוי גיך ווי עס ווערט געבוירן. דער געהויבענער איז אָבער געווען נישט צו רירן. ער האָט געטענהט, אַז ער איז נישט דער איינציקער, וואָס גייט אַריין צו איר אין הויז...

ווען די מוטער האָט דערהערט דיזאָזיקע ווערטער האָט, זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן זוואַדנעם מיט די נעגל ווי אַ קאַץ און האָט גע-וואָלט נישט אַנדערש, ווי נאָר די אויגן אים אַרויסרייסן. דער זוואַדנער האָט זי אָבער מיט איין טרייסל פון זיך אָפּגעשאָקלט. די קליינע, דאַרע וועשערקע האָט זיך דאַן צוגעכאַפּט צו די בענדלעך פון זיינע אַרבל, וועלכע זי האָט געוואָלט פאַר כעס אַרונטעררייסן, אָבער אויך דאָס איז איר נישט געלונגען. גאָלובאָוו האָט איר דערלאַנגט אַ וואָרף פון זיך און ווען איר טאָכטער דערכאַפּט זי נישט, וואָלט זי מיטן קאָפּ אין וואַנט געטראָפן.

דער פעלדפעבל און די אַנדערע זוואַדנע האָבן זיך אַריינגעמישט און די מוטער מיט דער טאָכטער זענען ווי עס איז אַוועק.

זעענדיק, אַז זי קאָן מיט גאָלובאָוון גאָרנישט מאַכן, איז די ווע-שערקע אַוועק צום ראָטנע-קאָמאַנדיר מיט אַ זשאַלאָבע. דער ראָטנער האָט אַריינגערופן דעם זוואַדנעם אין קאַנצעלאַריע און געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך, נאָך וועלכן גאָלובאָוו איז אַריין אין קאַזאַרמע מיט אַ באַזאָרגטער מינע און אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

עטלעטע טעג שפּעטער האָט דער וועשערקעס זשאַלאָבע דערגרייכט אַזש צום פּולקאָווניק און דער האָט אַרויסגעשיקט אַ פּריקאַז צום באַטאַ-ליאָנעם קאָמאַנדיר, וואָס האָט צו זאָגן איבער גאָלובאָווס ראָטע, ער זאָל

זעען, דער זוואָדנער זאָל חתונה האָבן מיטן מיידל, וואָס ער האָט פאַר־פירט און אַז די חתונה זאָל פּאַרקומען טאַקע אין זיין קאַזאַרמע.

ווען גאָלובאָוו האָט זיך דערוווּסט פון דעם פּולקאָווניקס פּריקאַז, האָט אים שיער דער שלאַק געטראָפן.

— אָט דאָס איז אַ ביסל אַן אומגליק. — האָט דער פּאַרצווייפל־טער געהויבענער שיער געוויינט פאַרן זוואָדנעם וויעראָווקין, — גאָר מוזן חתונה האָבן אינמיטן דערינען. מיין איינציקער ווונטש איז שטענ־דיק געווען צו פירן אַ כּאָלאָסטאָיסקע לעבן, אָן פאַמיליע־כלאָפּאָט און צום סוף נאַ דיר. אַמווייניקסטנס וואָלט איך כאָטש שוין מיין לעצטע סלוזשבע געפּטרט!

וויעראָווקין האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערט די טרויע־ריקע לאַגע פון זיין חבר. ער האָט געשאָטן „מי שברכס" אויף דער ווע־שערין, אויף אירע טעכטער און דעם גאַנצן פּרויען־געשלעכט.

אַ קורצע צייט אַרום האָט מען אין קאַזאַרמע זיך גענומען גרייטן צו גאָלובאָווס חתונה. דער חתן האָט, קענטיק, זיך שוין גענומען צוגעצ־ווינען צו זיין שיקזאָל. ער האָט אַרויסגעצייגט פאַרדראָס, ווען ווער פון זיינע חברים האָבן זיך דערלויבט אַ שפּאַס צו טון וועגן דער וועשערקע אָדער אירע טעכטער און ווען־נישט־ווען איז ער געגאַנגען זיך זעען מיט דער כּלה.

כּדי די שמחה זאָל זיין פאַר פיל, האָט גאָלובאָוו באַשטימט די חתונה אויפן געבורטסטאָג פון נאַסליעדניק. די סאָלדאַטן קריגן דאַן סיי־וואי־סיי אַ גלעזל בראָנפן און אַ ווייסע בולקע און אַזוי ווי דער ראָטנער האָט פאַרשפּראָכן צווייי קוואָרט וואָדקאַ לכּבוד דער חתונה און צוויי קוואָרט האָט ער געדענקט אַליין צו קויפן, וועט עס זיין ווירקלעך אַ גאַנצע הוליאַנקע.

די מחותנתטע, האַנולקע, האָט זיך אויך געשטעלט גרויס און האָט צוגעזאָגט געקאָכטע אייער צום פאַרבייסן פאַר אַלעמען אין גאָלו־באָווס זוואָד.

— נאָך אַלעמען, וואָס וועל איך דערלייגן, אַז איך וועל חתונה האָבן — האָט גאָלובאָוו אַ פאַר טעג פאַרן נאַסליעדניקס געבורטסטאָג זיך אָנגערופן. — אפשר אַ מיאוסע מויד סטעפּאַניע, וואָס? אַזאַ יאָר מיר ווי שיין און געזונט זי איז.

ווען דעם נאָסליעדניקס געבורטסטאָג איז געקומען, האָט דער יום־טוב אין קאַזאַרמע אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. אויף אַ לאַנג ברעט זענען געלעגן אויסגעלייגט ווייסע בולקעס. דערביי זענען געשטאַנען צוויי קערב מיט באַראַשקענע פאַראַד־היטלען און די נאָוואָבראַנצעס האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און געוואָרפן אויגן אויף דעם ווייסן געבעקס. גאָלובאָוו האָט זיך געפוצט און געגלעט מיט גרויס הרחבה. צוויי נאָוואָבראַנצעס האָבן זיינע יום־טובדיקע שטיוול געפוצט און איינער האָט זיין פּאַיאָס געבראַכט אין אָרדנונג. די געהויבענע זענען אַלע ווײַלע צוגעלאָפן צום חתן און געפרעגט, אויב זיי קאָנען אים מיט עפּעס דינען.

אין רוקאָמאָיניק האָט אַ קאַפּעליע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי האַרמאָניקעס און אַ פּייקל, געמאַכט אַ רעפּעטיציע און טייל פון די מחותנים האָבן געכאַפּט דערווייל אַ טענצל.

באַלד זענען אַלע צוועק אין דער פּולקאָוואָיער צערקווע, ווי די כלה און די מחותנים פון איר צד זענען אָנגעקומען און דער פּולקאָוואָיער גלח האָט געמאַכט גאָלובאָוון און סטעפּאַניען פאַר מאַן און ווייב.

פון צערקווע איז דער גאַנצער עולם צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע און עס איז געווען שמחה וששון ביז פּאָווערקע.

יאָרצייט אין קאַזאַרמע

מיט טרערן אין די אויגן איז סימכאָוויטש אויפגעשטאַנען נאָך אַן אומרויִקער, שלאָפלאָזער נאַכט.

אויף די שפּיץ-פינגער, נישט אויפצוּוועקן זיינע חברים, איז ער פון קאַזאַרמע אַרויס, איז אַריין אין רוקאָמאַיניק און האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פענצטער, דורך וועלכן שימערנדיקע פייערלעך האָבן פונדערווייטנס דורך דער פייכטער, טונקל-גרויער לופט אַרייַנגעקוקט. אויפן האַרץ איז אים געווען שווער און זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין אַ ווירוואַר פון טרויעריקע זכרונות. אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגענומען דעם קאַזאַרמע-הויף און דער דומפּער אָפּקלאַנג פון דעם טשאַסאָוואָיס טריט, וואָס האָט בײַם טויער הין און צוריק, אויף אַ שטח פון פיר טריט אַרומגעמאַרשירט, האָט אים דערמאַנט אָן זיין אָנקלס אַלטן וואַנט-זייגער, וואָס האָט מיט אַ הייזעריקן טיק-טאַק דורך טאָג און נאַכט זיין מאָנאָטאָנע עקזיסטענץ זיך געמיט פאַרצווזעצן.

דער דיזשורני איז אַרייַנגעקומען זען, וואָס סימכאָוויטש טוט דאָרט אַזוי לאַנג אין רוקאָמאָיניק, און ווען ער האָט אים געטראָפן אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אָן פענצטער, האָט ער געמיינט, ער איז איינגעשלאָפן און האָט אים דערלאַנגט אַ שנעל אין דער נאָז, אַז ער איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר ווייטיק.

— דאָ איז נישט קיין פּלאַץ צום שלאָפן! — האָט דער דיזשורני אויסגערופן. — גיי, דיין קאָיקע וואַרט אויף דיר, הלוואַי וואָלט איך געקאָנט זיך צוּלייגן אויף אַ פּאָר שעה, איך וואָלט, דאַכט זיך, מיך מחיה געווען.

סימכאָוויטש האָט געבעטן דעם דיזשורני, ער זאָל אים לאָז צורו. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן נישט מער שלאָפן און ער וויל איבערזיצן די שעה אָדער צוויי אין רוקאַמאַיניק, ביז אַלע וועלן אויפשטיין.

דער דיזשורני האָט גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטון סימכאָוויטשן איבער דער פּלייצע און איז אַרויס, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און מורמלענדיק אונטער דער נאָז: „טשודאַק בלייבט טשודאַק!”

די טרויעריקע געדאַנקען האָבן סימכאָוויטשן באַלד ווידער אַרומגענומען.

היינט איז דער ערשטער יאָרצייט נאָך זיין מאַמען. פּונקט אַ יאָר צוריק, דריי טעג נאָכדעם, ווי מען האָט אים פּאַר אַ סאָלדאַט אָפּגעגעבן איז זי געשטאָרבן. פּאַר דער צייט איז זי פון דער וועלט אַוועק. ווען מען נעמט פון איר ניט צו איר בן־יחיד און שפּייזער, האָט זי נאָך אפשר צוואָנציק יאָר געקאָנט לעבן, כאָטש זי האָט אַזויפיל געליטן אויף איר לעבן.

ער דערמאָנט זיך אָן דעם טאָג, וואָס זיין טאַטע איז געשטאָרבן.

ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל שטעלט זיך אים פאַר אַ בילד, ווי אַ מת ליגט אויסגעצויגן אויף דר'ערד אויפן מיטן שטוב אונטערגעבעט מיט שיטער אויסגעשפּרייט שטרוי. אַ ווייס לייַלעך דעקט אַריבער דעם פאַרגליווערטן קערפּער, אַ פּאָר צענדליק ברענענדע ליכט בילדן אַ מחיצה צווישן בר־מנן און דעם יאָמערנדן עולם. די ליכט ברענען אַזוי האַסטיק, די פלאַמען שאָקלען זיך מיט אימה און צעשמאָלצענער חלב גיסט זיך איבער די לייכטער און אויף דער פּאָדלאָגע; יידן שאָקלען זיך איבער תהילימס און זאָגן מיט אַ טרויעריקן ניגון און ווייבער וויינען, יאָמערן און ברעכן פאַרצווייפלט מיט די הענט. ער קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, ווו זיין מאַמע איז דאַן געווען, ער קאָן זיך אויך נישט דערמאָנען, אויב איר יאָמערנד קול האָט זיך געהערט אין דער אַלגעמיינער יללה, נאָר עס שטייט אים קלאָר פאַר די אויגן ווי זי איז, צוריקקומענדיק פון בית־עולם, געפאַלן אַ פאַרחלשטע אויף דער שוועל פון זיין אָנקלס הויז.

ער דערמאָנט זיך אָן דעם קאַלטן שוידער, וואָס האָט אים דורכ־

געגומען, ווען זיין מוטער האָט שפּעטער. נאָכדעם ווי מען האָט זי קוים צו זיך געבראַכט, איז מיט אַלע אירע כּוחות צו זיך צוגעדריקט און מיט אַ פאַרשטיקט קול געיאָמערט: „מיין יאָסעלע, מיין יתומל, וויי איז אונז געשען!"

געגוי ווי זיין טאַטע האָט אויסגעזען, קאָן ער בשום אופן נישט געדענקען. אַלץ, וואָס איז פון אים אין זיין זכרון געבליבן, איז: אַ הויכע, איינגעבויגענע פיגור, אַ בלאַס פּנים, אַ שיטער שוואַרץ בערדל און אַ הוסט, וואָס האָט געקלונגען, ווי ער וואָלט פון אַ פּוסט פאַס גע-קומען.

עס שווימט אַרויס פּלוצלינג אַ בילד פאַר זיינע אויגן, ווי דער אָנקל האָט אים דאָס ערשטע מאָל צו זבולון דעם מלמד אין חדר גע-ברענגט. עס קלינגט אים נאָך אין די אויערן, פּונקט ווי ער וואָלט עס איצט הערן, ווי זיין אָנקל זאָגט צום מלמד: „איר זאָלט נישט וואַגן אים צו שלאָגן. ער איז אַ יתום, נעבעך".

דאַן באַווייזט זיך פאַר אים דאָס בילד פון זיין מוטער, ווי זי זיצט אויפגעהויקערט איבער אַ קאָשיק געבעקס אויפן מאַרק לעבן ראַד קראָ-מען; ווי זי קומט אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרשוויצטע אַהיים און ווי זי גייט צו צו אים, אַזוי גיך ווי זי לאָזט דעם קאָשיק אַרונטער, קוקט אים צערט-לעך אַריין אין די אויגן און זאָגט: „יאָסעלע, מיין קינד, האָסטו געגעסן דעם קוכן, וואָס איך האָב פאַר דיר איבערגעלאָזט? האָסטו עפּעס גוט געלערנט היינט, האָט דער רבי דיך געשלאָגן?"

ער דערמאָנט זיך ווי שפּעטער, ווען זיין אָנקל, וואָס האָט געצאָלט שכר לימוד פאַר אים, איז פאַראָרימט געוואָרן און ער האָט געמוזט אָנ-קומען אין תּלמוד תּורה, דאַן, ווי ער איז אין אַ פאָר יאָר אַרום אָנגעקו-מען צו בערל סטאָליער זיך לערנען סטאָליעריי, און שפּעטער, ווען ער האָט אַן ערב פּסח דערלאַנגט זיין מאַמען די ערשטע פאָר רובל, וואָס ער האָט פאַרדינט נאָך דער לערע. ער פילט נאָך, דאַכט זיך אים, דעם קוש אויף זיין שטערן, וואָס זיין מוטער האָט אים דאַן געגעבן.

אַזוי האָבן די בילדער איינס נאָך דעם אַנדערן פאַרבייגעשוועבט אין סימכאָוויטשס געדאַנק, ביז דער בּריאָם האָט זיך פאַר אים געשטעלט לעבעדיק אין זיין זכרון.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז ער, אַן איינציקער און

דער שפּיזער פון אַ שוואַכע, קראַנקע אַלמנה, זאָל דאַרפן גיין דינען און ביז צוויי וואָכן פאַרן פּריזיוו, האָט ער זיך געפילט גאַנץ רויק און זיכער. דאַן האָט מען אָבער גענומען רעדן אין שטעטל, אַז מען דערוואַרט אַ שלעכטן פּריזיוו, עס זענען געווען אַ סך נעלמים דאָס יאָר און מען האָט מורא געהאַט עס וועט אָנקומען צו לגאַטעס.

ער האָט גענומען פּילן אַן אומרויקייט אין האַרץ, נישט אַזוי צו־ליב זיך, ווי צוליב זיין מוטער, וואָס איז געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט די לעצטע צייט און האָט קוים געהאַט כּוח אַריבערצוגיין איבערן הויז.

אַז עס איז געקומען צום פּריאָם, און מען האָט גענומען בראַקירן אַ סך פון די קליינע זשערעבעס האָט ער גלייך איינגעזען, אַז עס האַלט שלעכט און ווען מען האָט אויסגערופן זיין נומער, איז ער צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט נישט געוווסט, וואָס מיט אים טוט זיך, ביז ער האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז ער איז פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט די אָפּגעגעבענע.

צוויי טעג שפּעטער האָט מען אים אָפּגעלאָזט אויף אַ טאָג און אַזוי ווי ער האָט פאַרשפּעטיקט די דילעזשאַנסן, איז ער געלאָפן צופוס די דריי מייל פון דער אויעזדנער שטאָט צו געזעגענען זיך מיט זיין מוטער. ער האָט זי געפונען אין אַ שטאַרבנדן צושטאַנד. די בשורה, אַז מען האָט איר בן־יחיד אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, האָט זי אינגאַנצן געבראָכן.

אויף מאָרגן, ווען ער איז אָפּגעפאָרן צום „סבאָרני פּונקט", איז זיין מוטער שוין אָן לשון געלעגן. ער איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון. ער האָט געפילט, ווי לייגן זיך לעבן איר און שטאַרבן מיט איר אינאיינעם. דער „סאָטסקי" איז אָבער געקומען און אים פאַרן קאָלנער אַרויסגעפירט צום וואָגן, וואָס האָט געוואַרט בײַ דער „מיעשטשאַנסקע אופראַווע".

סימכאָוויטש איז מיטאַמאָל געשטערט געוואָרן פון זיינע געדאַנקען. די סאָלדאַטן האָבן גענומען אויפשטיין און דער רוקאָמאָיביק איז פול גע־וואָרן מיט טומל און ליאַרם. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, האָט אויסגעווישט די פייכטקייט פון זיינע אויגן און האָט זיך גענומען צוגרייטן צום „אוט־רענני סמאָטר".

נאָך „אָביעד" האָט סימכאָוויטש גענומען אַ בילעט צו גיין אין שטאָט. ער האָט געוואָלט אַהין אָנשפּאָרן פאַר מנחה און האָט געהאָפט צו קריגן אַ שול אָדער אַ בית-המדרש, ווו ער וועט קאָנען דאַוונען פאַרן עמוד צום אָנדענקען פון זיין מוטערס טויט.

פונקט מנחה-צייט איז ער אָנגעקומען צום אַלטן בית-מדרש, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר הייזער פון דבורה דער אַלמנהס רעסטאָראַן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום שמש און אים געבעטן, ער זאָל אים דערלויבן צו דאַוונען מנחה בּאַם עמוד, ווייל ער האָט יאָרצייט נאָך דער מאַמען.

דער שמש האָט אים געזאָגט, ער וואָלט אים זייער גערן געלאָזט דאַוונען פאַרן עמוד, האָט אָבער היינט דער דיין, ר' משה, אויך יאָרצייט און ער איז בילכער.

סימכאָוויטשן איז זויער געוואָרן אויפן האַרץ. די צייט איז קורץ, גיין זוכן אַן אַנדער בית-מדרש איז צו שפּעט. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט יוצא זיין פאַר זיין מאַמען, ווען ער דאַוונט נישט פאַרן עמוד אין איר יאָרצייט. ער האָט ווידער געגומען בעטן דעם שמש, איז דאַן צוגעלאָפן צום גבאי, אָבער זיי טענהן אַלץ, אַז ר' משה דיין איז בילכער.

מיטאַמאָל איז ר' משה דיין אַריינגעקומען.

דער שמש איז אַרויף אויף דער בימה, האָט געטון אַ פּאַטש איבערן טיש און דער דיין איז צוגעגאַנגען צו זיין „שטאָט" אין ווינקל ארון-קודש, האָט אַרויסגענומען זיין טלית פון שטענדער און זיך גענומען מכין זיין צו דער תפילה, ווען סימכאָוויטש איז צו אים צוגעטרעטן און מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן:

— רבי, איך האָב היינט יאָרצייט נאָך מיין מאַמען. די ערשטע יאָרצייט, זי איז געשטאָרבן דעם טאָג, וואָס מען האָט מיך אין פולק אַוועקגעשיקט, און איך וואָלט וועלן מען זאָל מיר דערלויבן דאַוונען פאַרן עמוד צום אָנדענקען פון איר נשמה.

דער אַלטער דיין איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט. זיין געל איינגעשרומפּן פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות און זיינע ציטערנדיקע הענט האָבן נערוועז געטאַפּט דעם טלית, וואָס ער האָט נישט אויסגעשפּרייט צו פאַרלייגן אויף די שולטערס.

דער גבאי איז צוגעטרעטן און שטעלנדיק זיך צווישן דיין און סאָלדאַט, האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום לעצטן:

— איר קאָנט מאַכן אַ מנין באַ דבורה דער אלמנה אין רעסטאָראַן. מען קאָן דאָרט צו יעדער צייט קריגן אַ מנין יידישע סאָלדאַטן.

דער דיין האָט אַ קוק געטון מיט פאָרוווּרף אויפן גבאי, דאַן האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית און אים דערלאַנגט סימכאָוויטשן.

— איר זענט בילכער — האָט דער דיין מיט צערטלעכקייט אויסגערופן, אָננעמענדיק דעם סאָלדאַט באַ דער האַנט און צופירנדיק אים צום עמוד.

אַז עס איז באַשערט צו כאַפּן פּעטש

דער ווינטער איז שוין באַלד געווען אַוועק. עס איז געווען אַ דריי־פיר וואָכן פאַרן לאַגער און מיר, נאָוואָבראַנצעס, האָבן זיך שוין געגומען פילן באַלד ווי אַלטע סאָלדאַטן. די אימה פאַר די „העכערע" האָט גענומען ווערן שוואַכער און די דערוואַרטונג, אַז אין לאַגער וועט די דיסציפּלין, וועלכע האָט אונז דעם גאַנצן ווינטער געהאַלטן ווי אין אייזערנע צוואַנגען, כמעט אינגאַנצן ברעכן, און עס וועט נישט זיין מער קיין חילוק צווישן אונז און די אַלטע סאָלדאַטן, האָט אונז געמאַכט די לעצטע שווערע צייט פון דער נאָוואָבראַנסטוואָ פיל לייכטער צו פאַרטראָגן. כמעט יעדער נאָוואָבראַנעץ אין ראָטע איז שוין געווען צוגעוווינט צו דער סאָלדאַטשינע און אויף יעדן איינעמס פּנים האָט מען געקאָנט לעזן דעם אויסדרוק: אָט, דאָס שווערסטע בין איך שוין אַריבערגעקומען.

איך, וועלכער האָב פון דער סאָלדאַטסקער דיסציפּלין געליטן אפשר מער פון אַלע מיינע חברים אין ראָטע, כאָטש נאָר איין מאָל, דעם ערשטן טאָג באַם „אוטרעגני סמאָטר", האָב איך אויף מיין פּנים געפילט די האַנט פון אַ „יעפרייטער", האָב מיטן אָנקומען פון פרילינג זיך אויך גענומען פילן אַ ביסל פרייער און די שבתים, ווען מיר האָבן געהאַט „זאַניאַטיע" נאָר אַ האַלבן טאָג, און זונטיקן, ווען מיר זענען געווען אינגאַנצן פריי פון „סלוזשבע", פלעג איך מיר אָפּזיצן שעהן־לאַנג אין דעם אָנגערויבערטן „רוקאָמאָיניק", זיך אינגאַנצן איבערגעבנדיק צו דער פאַנטאַזיע, וועלכע פלעגט מיך אויף אירע פאַרבאָרגענע פליגלען דורכפירן די אַלע פלעצער, נאָך וועלכע איך האָב דעם גאַנצן ווינטער אָן אויפהער מיט אַ צעוווּנדעט האַרץ געבענקט.

איין זונטיק שטיי איך אַזוי באַם פענצטער אין רוקאַמאַיניק און קוק האַלב־פאַרטראַכט אויף די לוזשקעס וואַסער, וואָס די וואַרעמע זון־שטראַלן האָבן פאַרוואַנדלט פון דעם לעצטן שניי אין פּראַנט פון דער קאַזאַרמע. עטלעכע יונגע סאָלדאַטן און אַ פּאָר אַלטע זענען געזעסן אויף די נידעריקע בענק, גערייכערט „מאַכאָרקע" און גערעדט וועגן פאַר־שידענע זאַכן. ווען עס קומט אַריין קיריק, אַ „יונגער" פון מיין זוואָד, אַ פאַרסאַפּעטער און זאָגט, אַז עס איז דאָ אַ פּריקאַז פון פּאָל־ראַטנעם צו זעצן אַלע די, וואָס זענען נאָך נישט גוט באַהאַוונט אין „סלאָוועס־נאָסט" אויף אַ פּאָר שעה זאַניאַטיעס.

— פאַרשיווען! — האָבן די פּאָר אַלטע סאָלדאַטן געמורמלט אונ־טער דער נאָז. — אין אונזערע צייטן האָט מען פון אַזעלכע זאַכן, ווי זיצן זונטיק אויף זאַניאַטיע, נישט געהערט.

די עטלעכע נאָוואָבראַנצעס האָבן מיט אומצופרידענע מינעס אויס־געלאָשן, ווער די ליולקע, ווער דעם פּאַפּיראָס, און זיך געמאַכט גרייט צו גיין זעצן זיך צו סלאָוועסנאָסט.

ווען מיר זענען אַרויס פון רוקאַמאַיניק, איז די גרעסטע טייל פון די נאָוואָבראַנצעס געווען אויסגעזעצט אין איין ווינקל פון קאַזאַרמע. דער „יעפרייטער" מיטשורין, פון צווייטן זוואָד, וועלכער איז געווען דער גרעסטער למדן אין סלאָוועסנאָסט אין דער ראָטע, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קאַזאַרמע און געקרייזלט די פלאַקסענע וואָנסעלעך מיט גרויס רחבות און אַזוי גיך ווי באַשקאָ איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אויס־ברענגען דאָס בלעכל פון דעם פעלדפעבלס פּאַיאָס און בוליגאַ האָט גע־ענדיקט אויספּוצן די שטיוול פון זיין זוואָדנעם, האָט מיטשורין אויסגע־טון דעם פּאַיאָס און האַלטנדיק אים גרייט אין האַנט, איז ער צוגעקו־מען אונז פאַרהערן אין דער סאָלדאַטסקער תורה שבעל פּה.

אַז מיטשורין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קלייגער שאַפקע באַם ענד פון דער רייע „קאַיקעס" און אָנגעשפּאַרט איין פוס אָן ברעג באַנק, ווו איך בין געזעסן, דרייענדיק דעם פּאַיאָס אין דער רעכטער האַנט, איז אונז אַלעמען געוואָרן גאַרנישט פרייליך אויפן האַרץ. בוליגאַ האָט טיף אָפּגעזיפצט און לאַזאָווסקי איז געזעסן מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה.

— האַלט זיי נישט לאַנג, מיטשורין — האָט זיך דערהערט דעם

פעלדפעבלס קול פון א ווינקל קאזארמע. — ווער עס וועט ענטפערן ריכ־טיק, זאָלסטו גלייך אָפּלאָזן, נאָר די באַליואַנעס זאָלסטו זעען וואָס איינדויבן אין קאָפּ.

— סלושאַיו! — האָט מיטשורין געענטפערט און זיך גענומען צום שיעור.

איך בין געווען דער ערשטער. דער יעפרייטער האָט מיר גע־שטעלט עפּעס א פראַגע, אַזוי פון יוצא וועגן, ווייל ער האָט געוווסט, אז ער וועט מיך סיי־ווי־סיי מיט קיין זאַך נישט כאַפּן, און באַלד בין איך געווען צוריק אין רוקאָמאָיניק. עס האָט נישט גענומען לאַנג און באַשקאָ איז צוגעקומען און נאָך אים קיריק און אַזוי נאָך און נאָך, ביז דער רוקאָמאָיניק איז ווידער געוואָרן פול. פאַרבליבן בא די סלאָוועסנאָסט זענען נאָר בוליגאַ, לאַזאָווסקי און די צוויי טאַטאַרן, גאַמידולין און כאַבידולין.

דער אָפּקלאַנג פון פעטש, קללות און זידל־ווערטער האָט זיך אָפּגע־דערטראָגן דורך דער אָפענער טיר אין רוקאָמאָיניק. דאָס האַרץ האָט מיך פאַרדריקט. איך האָב געוווסט, אז מיינע חברים וועלן דאַרפן אַלע ארויס מיט פאַרשוואָלענע פּנימער. איבערהויפּט לאַזאָווסקי, וועמענס אַנגעגאָסן פּנים מיטשורין האָט געהאַט א באַזונדער פאַרגעניגן צו פּאַטשן.

דער יעפרייטער האָט מיטאַמאָל א רוף געטון פּוליאַיעוו צוריק פון רוקאָמאָיניק.

פּוליאַיעוו איז אויך נישט געווען פון די עלוים און אים עפּעס אַריינהאַקן אין קאָפּ איז געווען גאָרנישט קיין גרינגע זאַך. עס איז אים גראָד דאָס מאָל אָפּגעגאָלטן צו ענטפערן ריכטיק און ווען מיטשורין האָט געפרעגט, ווי עס הייסט דער „נאַטשאַלניק וואָיסקאָמי" (עס איז דאַן גראָד געווען א נייער) און קיינער פון די פיר פאַרבליבענע האָט נישט געוווסט צו ענטפערן, איז ער געווען א בעלן צו זעען אויב פּוליאַיעוו ווייסט עס.

דער אָרימער פּוליאַיעוו האָט טאַקע נישט געוווסט און האָט גע־כאַפּט א פּאָר פייערדיקע פּעטש, אויף וועלכע ער האָט דאָס מאָל זיך שוין מער נישט געריכט.

דער יעפרייטער האָט דאַן גענומען רופן צוריק, איינציקווייז, איינע

נאָך די אַנדערע, פון אונטן אַרויף, ביז ער האָט שוין געהאַלטן בײַ באַשקאַ, װעלכער איז געװען פאַר מיר.

און געהאַנדלט האָט עס זיך אַלץ װעגן דער זעלביקער פראַגע.

— דאַטשקין, — הער איך מיט אַמאָל מיטשורינס שטימע.

איך בין אַרײַן, זיך געזעצט אויף מײַן פּלאַץ און געװאַרט אויף דער פראַגע. מיטשורין האָט מיך באַטראַכט מיט אַן איראָניש שמייכעלע, װי ער װאָלט װעלן זאָגן: אָט װעלן מיר באַלד זען צי דו ביסט טאַקע אַזאַ קענער. מײַנע חברים זענען אַלע געזעסן שטיף, די הענט פאַרלייגט אויף דער קני און געװאַרפן אויף מיר בליקן פון דער זײַט, צו זען, װאָס דאָ װעט פאָרקומען.

— װאָס איז דער נאָמען פון דעם נײַעם נאַטשאַלניק װאָיסקאָמי? — האָט דער יעפרייטער אויסגערופן מיט אַ ביטערער מינע, אַרומנעמענדיק זײַן שפּיציקע מאָרדע מיט דער רעכטער האַנט.

איך האָט געענטפערט אָן דעם מינדסטן נאָכדענקען. מיט אַ װאָך צוריק האָט מען עס אונדז געהאַט געזאָגט, נאָר פון דאַן אָן האָט מען עס קיינעם פון אונדז נישט איבערגעפרעגט.

דער יעפרייטער איז געבליבן זיצן פאַרװוּנדערט.

— װאָס װעט איר איצט זאָגן? — האָט ער זיך געװענדט צו אַלע־מען נאָך אַ קורץ נאָכדענקען. — אָ, כּמו־לעס װאָס איר זענט! איך װעל אײַך באַלד װײַזן, װער עס איז דער נאַטשאַלניק װאָיסקאָמי!

ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן פּאַיאַס און אים געװאָלט אַרונטער־לאָזן אויפן ערשטן בעסטן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן, דער/עענדיק דעם „זװאָדנעב“ װיעראָװקין צוקומען.

— װאָס זאָגט איר צו דידאָזיקע אָקסן? קיין איינער פון זיי אוי־סער דעם זשידאָק, האָט דאָך נישט געװוּסט װער דער נאַטשאַלניק װאָיס־קאָמי איז? — האָט מיטשורין זיך געװענדט צום זװאָדנעם, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— זאָל דאַטשקין געבן יעדן איינעם פון זיי אַ פּאַטש, װעלן זיי געדענקען, — האָט דער זװאָדנער געפּסקנט, אַ בליץ טוענדיק מיט זײַן ביסטרע קוק אויף די נאָװאָבראַנצעס.

— דאַטשקין, — האָט דער יעפרייטער אויסגערופן, אַ װוּנק טוענ־דיק צו מיר, איך זאָל מקיים זײַן דעם פּסק.

פון דעם ערשטן טאָג, זינט איך בין אָנגעקומען אין קאַזאַרמע, האָב איך זיך נישט געפונען אין אַזאַ אומאָנגענעמער לאַגע. איך האָב געפילט, אַז מען פאַרלאַנגט פון מיר אַ זאַך, וואָס מיר איז אוממעגלעך צו טון. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, געקוקט מיין „העכערן" גלייך אין די אויגן און אים מיט מיין בליק געבעטן, ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן.

מיטשורין האָט מיך באַטראַכט מיט אַ סאַרקאַסטישער מינע, אים האָט, קענטיק, מיין פאַרלעגנהייט שטאַרק הנאה געטון. פון די עלטערע און פערציק נאָוואָבראַנצעס האָט זיך קיין פּאָרע נישט געהערט, זיי זענען געזעסן מיט אָנגעשטעלטע בליקן, פונקט ווי זיי וואָלטן געוועזן אָנגעשטאָפּטע.

— אויף וואָס וואַרטסטו? — האָט דער יעפרייטער אויסגערופן און זיך אויפגעשטעלט, וואַרפנדיק אויף מיר אַ בייזן קוק.

איך האָב זיך געמאַכט הארץ, בין דורכגעגאַנגען פאַרביי מיינע חברים און מיט דער האַנט אָנגערירט זייערע באַקן, ווי מ'צן רירט אָן, פאַרבייגייענדיק, שטעקעלעך פון אַ פּלויט.

דער יעפרייטער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט און איך האָב געדענקט, אַז איך וועל דאָ גאָר גוט אָפּשניידן. מיינע געפּאַטשטע חברים האָבן צוגעשמייכלט, ווען מיין האַנט איז אַריבער זייערע געזיכטער און די שטימונג איז געוואָרן כמעט אַ לוסטיקע. אָבער ווען איך בין געקומען צום לעצטן, צו לאַזאָווסקין, האָב איך דערהערט מיטשורינס קול: „דאָ גיב אַ פּאַטש, טאַקע אויף אַן אמת!"

איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט און זי עטוואָס שווערער אַראָפּגעלאָזט אויף לאַזאָווסקיס פליישיקער באַק. עס האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלונג, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז ווי טון האָט עס אים נישט געקאָנט.

— דאָס איז נישט קיין פּאַטש, — האָט מיטשורין געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן. — איך ווייס, אַז דו קאָנסט געבן אַ בעסערן. נו, מאַ קום שוין אַרויס דערמיט!

איך האָב לאַזאָווסקין מכבד געווען מיט נאָך אַ פּאַטש, וואָס האָט מיר פיל מער וויי געטון ווי אים, אָבער דער יעפרייטער איז אַלץ נישט געווען צופרידן. אַ ווײַלע איז מיטשורין געשטאַנען פאַרטראַכט, דאַן האָט ער זיך געווענדט צו לאַזאָווסקין און געזאָגט:

— לאַזאָווסקי, גיב דאַטשקינען אַ פּאַטש, זאָל ער וויסן, וואָס אַ פּאַטש הייסט.

דער אומגעשיקטער לאַזאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעזעען מער בער ווי מענטש, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט כּדי צו ווייזן דעם „געהויבענעם", אַז וואָס ער קאָן נאַר, טוט ער עס, ווי מען פאָדערט פון אים, מיר ארונטערגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז די קאַזארמע האָט פארקלונגען.

מיטשורין האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און די נאָוואָבראַנצעס האָבן אַלע צוגעשמייכלט.

דער אָפּקלאַנג פון פּאַטש האָט געבראַכט צו דער סצענע מיין וואָדנעם, וויעראָווקין, און דעם אונטעראָפיציר פלעטניאָוו, פון צווייטן זוואַד. זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט און געוואַרט צו זען, וואָס דאָ וועט זיין די ענדע.

ווי דערמוטיקט דורך דעם, האָט דער יעפרייטער אויכגערופן צו מיר מיט אַ געלעכטער: — זעסט שוין, ווי מען גיט אַ פּאַטש? נו, טאָ פּאָדאַוואַי. אין לאַזאָווסקיס פערדישער צורה.

איך האָב ווידער אויפגעהויבן די האַנט, אָבער אַ פּאַטש, ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט געבן. דער דריטער פּאַטש איז געווען נאָך שוואַכער פון די פריערדיקע צוויי.

— לאַזאָווסקי, — האָט מיטשורין אויסגערופן און איין ווונק זיינער איז געווען געניג דעם אומגעלומפּערטן מוזשיק מיט די נאַרישע גרויע אויגן און די לויז אַראָפּגעהאָנגענע דאָפּלטע מאָרדע, קלאָר צו מאַכן, וואָס דער יעפרייטער מיינט.

איך האָב באַלד דערפילט לאַזאָווסקיס שווערע האַנט אַ צווייט מאָל אויף מיין לינקער באַק. איך האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע האַלבע געזיכט האָט מיר געפלאַמט און אין מיינע אויערן האָט געהילכט, ווי אַן אויסגעצויגענער טאָן פון אַ גלאָק.

— נו, דאַטשקין, ווערסטו אים אַמאָל דערלאַנגען, ווי עס באַדאַרף צו זיין? — האָט מיטשורין זיך געווענדט צו מיר מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: אָן דעם הענגט אָפּ די גאַנצע וועלט!

איך האָב נאָך אַמאָל אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף לאַזאָווסקיס געזיכט, אָבער יעדער איינער האָט געקאָנט זען, אַז דאָס איז נישט קיין

באַטש פֿאַר אַ סאָלדאַט, די קאַזאַרמע איז באַלד פֿאַרקלונגען מיט אַ דריטן פּאַטש, וואָס לאַזאָווסקי האָט מיר דערלאַנגט.

די „געהויבענע" האָבן זיך געשמאָלצן פֿון נחת צוצוקוקן צו דער סצענע. וויעראָווקין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אמת „טריאַטער" און פּלעטניאָוו האָט באַמערקט, אַז פֿון מיין קאָפּ און לאַזאָווסקיס הענט, האָט מען געקאָנט מאַכן אַ גאַנצן סאָלדאַט.

עס האָט אַזוי אָפּגעהאַלטן אַ זיבן אַכט מאָל. איך לאַזאָווסקין אַ גלעט און לאַזאָווסקי מיר אַ פּאַטש, אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר יעדעס מאָל אָן אַ זייט פֿאַרדרייט. ענדלעך, באַם אַכטן אָדער ניינטן מאָל, ווען עס איז ווידער געקומען צו מיין „נעקסט" צו געבן אַ פּאַטש, האָט לאַזאָווסקי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין און אויסגערופֿן:

— דאָטשקין, האָב אויף מיר רחמנות און גיב מיר אַ פּאַטש!

עס איז געוואָרן שטיל אין קאַזאַרמע. די „געהויבענע" האָבן זיך איבערגעקוקט אַ ווײַלע, דאַן האָט וויעראָווקין געזאָגט, אַז עס איז גענוג אויף היינט.

אַלע נאָוואָבראַנצעס האָבן שנעל פֿאַרלאָזט זייערע פּלעצער און זיך געלאָזט לויפֿן אין רוקאָמאָיניק. נאָר לאַזאָווסקי אַליין איז געבליבן שטיין, נישט קאָנענדיק זיך רירן פֿון אָרט. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום פֿענצטער און זיין כליפּען האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער קאַזאַרמע.

„זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!"

פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי, דער קאָמאַנדיר פון אונזער ראָטע, איז געווען באַליבט סיי בײַ די אַלטע, סיי בײַ די יונגע סאָלדאַטן. איבערהויפּט האָבן פון אים געהאַלטן די יידישע סאָלדאַטן, צו וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעוויזן באַזונדערס פרײַנטלעך.

די געהויבענע, פון די יעפרייטערס ביז דעם פעלדפעבל, פלעגן בשתיקה אויף אים אונטערמורמלען. טייל האָבן געהאַט אַ האַרץ אויף אים פאַר זײַן „בית פּאָסעמוי"-ממשלה און טייל האָבן אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז געווען אַ פּאָליאַק.

צו מיר איז פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי געווען אויסערגעוויינלעך פרײַנטלעך, פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אין קאַזאַרמע אָנגעקומען. איך האָב, קענטיק, בײַ אים נושא חן געווען, וואָס איך בין אַ בלאָנדער. איינמאָל האָט ער צו מיר אַליין געזאָגט, אַז צו אַ בלאָנדן ייד האָט ער מער צוטרוי, ווי צו אַ שוואַרצן.

און ווען ער האָט איינגעזען, אַז איך טויג זיך גוט צו דער סלוזשבע און בין דער בעסטער בײַ גימנאַסטיק און רוזשעיני פּריאָמעס, האָט ער אָנגעזאָגט מיין זוואָדנעם צו באַהאַנדלען מיך ווייניקער שטרענג, ווי די איבעריקע.

פאַר מיר, ווידער, איז פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי געווען זייער סימפּאַטיש צוליב זיין אויסערגעוויינלעכן הדרת פּנים און שיינער אָסאָבע. איך האָב נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען אַזאַ שיינעם מאַנספּאַרשוין ווי ער, אַזעלכע איידעלע און צו דער זעלבער צייט שטאַרקע געזיכטסצוגן, ווי זיינע, און אַזאַ פעסטגעבויטן, בויגזאַמען קערפּער, ווי ער האָט געהאַט.

פלעגט ער נעמען רעדן מיט זיין העל-קלינגענדן קול, האָט ער געמאַט דעם איינדרוק פון אַן „אַפּאָללאָ", און פלעגט ער שטיל, די הענט אויף הינטן פאַרלייגט און די פיין-צעקעמטע, אויף העלפט-פונאַנדערגעטיילטע בלאָנדע באָרד טראַגנדיק פאָרויס, פאַרבייגיין די רייען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז גענעראַל סקאָבעלאָוו איז תחית המתים אויפגעשטאַנען און איז געקומען באַגייסטערן די סאָלדאַטן מיט זיין אָנוועזנהייט.

מער פון אַלץ האָב איך אין פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי באַוואונדערט זיינע גרויסע, ווייט פונאַנדערגעעפנטע בלויע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק קלאָר און פול מיט ווייכקייט געקוקט פאַר זיך, ווי דער אייציקער ציל פאַר זיי וואָלט אַ שיינע פרוי געווען. פיל מאָל פלעג איך בא זיך טראַכטן, אַז די גאַנצע „סאָלדאַטשינאַ" איז בא אים נאָר אַ פליכט אויף אַ ווײַלע און אַז בא אים אין האַרץ עקזיסטירט קיין זאַך אויסער „ווייב, ווײַן און געזאַנג".

ווען איך פלעג אָבער זעען דעם פּאָרוטשיק דערפילנדיק זיין אַמט, פלעגט מיין מיינונג וועגן אים זיך גלייך בייטן. דאַן האָב איך געקאָנט זעען, אַז ער איז אַ סאָלדאַט ביז די וואָרצלען פון זיין נשמה. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אַ מענטש, וואָס נעמט נישט די סלוזשבע צו ערנסט, קאָן אַזאַ פולקאָמענהייט נישט דערגרייכן. ער האָט אַלץ געטון בעסער, ווי די וואָס אונטער אים. זיין גראַציעזע האַלטונג אין שטיין, אין גיין און אין לויפן, האָט קיינער נישט געקאָנט נאָכמאַכן, אפילו נישט דער אונטעראָפיציר פלעטניאָוו, וואָס איז געווען אַ „מאַדים" אַ סאָלדאַט און דער ליבלינג פון קאָמאַנדיר.

דערצו האָט פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי גענומען אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין יעדן סאָלדאַט באַזונדער. ער האָט געוווסט יעדן איינעמס שוואַכע זייטן און בא יעדער געלעגנהייט געזוכט אַליין אָדער דורך זיינע אונטערגעאָרדנטע זיי צו באַזייטיקן.

אַזוי האָט ער לאַזאָווסקין גאַנץ אָפט אַ פרעג געטון אין „סלאָווענאָסט" און געזוכט מיט זיסע רייד איינצורייבן אים עטוואָס אין זיין גראָבן קאָפּ. כאַבידולינען פלעגט ער פאַרהערן אין גימנאַסטיק און ווען דער אומגעשיקטער קדר האָט זיך געפּלאָנטערט מיטן גאַנצן קערפּער און נישט געקאָנט דורכפירן עפּעס אַ גימנאַסטישע „קונץ", האָט ער זיך נישט

געפוילט און צו די פאַרווונדערונג פון אַלע נאָוואָבראַנצעס, אַליין אים געצייגט ווי מען דאַרף עס מאַכן.

קעגן מיר האָט דער ראַטנע־קאָמאַנדיר קיינמאָל נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן. אים פלעגט שטענדיק געפעלן ווי געלאַסן און געשיקט איך טו יעדע זאַך און ער האָט נישט איינמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט זיך געוווּנטשן די איבעריקע נאָוואָבראַנצעס זאָלן נעמען אַ ביישפּיל פון מיר. איינמאָל האָט ער אפילו באַדויערט, וואָס איך בין אַ ייִד. ווען איך וואָלט נישט געווען קיין ייִד, האָט ער געזאָגט, וואָלט איך נאָך אפשר אַמאָל פעלדפעבל געוואָרן.

איך האָב אָפט דערפון זיך געפונען געשמייכלט, אָבער אינגאַנצן צופרידנגעשטעלט האָב איך זיך נישט געפילט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז מיר האָבן נאָך נישט אַלץ דורכגעמאַכט און אַז מען דאַרף אונז נאָך לערנען שיסן.

פאַרן שיסן האָט מיך דאָס האַרץ אַ ביסל געשראָקן. איך האָב געוווּסט, אַז פון גאַנץ ווייט קאָן איך נישט זעען צו גוט, כאָטש דער דאָקטאָר פון דער וואָיענער פריסוטסטוויע האָט עס באַם פריאָם נישט געוואָלט צוגעבן, און איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען עס וועט קומען צו שיסן אין ציל, וועל איך האָבן צרות.

און די צייט איז אויך געקומען.

קעגן מיין דערוואַרטונג האָב איך זיך באַם ערשטן מאָל גראַד אויסגעצייכנט. מיר האָבן געשאָסן פון דער נאָענט און איך האָב דעם ציל גאַנץ דייטלעך געקאָנט זעען.

פאַרוטשיק סטעפּאַנסקי איז דערביי געשטאַנען און געקליבן נחת. בײַ יעדן מאָל, וואָס איך האָב געטראָפן אין ציל, האָט ער אויסגערופן: „מאָלאָדיעץ, זשאַטשקין!" און ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע פּאַטראָנעס, איז ער צוגעקומען צו מיר, האָט מיר אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און צוגעוואָרפן אַ צופרידענעם שמייכל.

עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונז געשטעלט שיסן אויף ברענענדע ליכט. דער ציל פאַר אונז איז געווען דאָס פלעמל, און געשאָסן האָבן מיר מיט פּוסטע פּאַטראָנעס, און יעדעס מאָל, וואָס דאָס ליכט פלעגט פאַרלאָשן ווערן, איז געווען אַ סימן, אַז עס איז געווען גוט געצילט. איך

האָב דערביי זיך אויסגעצייכנט בעסער ווי אַלע. כּמעט יעדעס מאָל, וואָס איך האָב אויסגעשאָסן, האָב איך דאָס ליכט פאַרלאָשן.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שיסן פונדערווייטנס.

קליינע קלעצעלעך, קוים ווי אַ פויסט די גרייס, האָט מען אוועקגעשטעלט אין איין עק קאַזאַרמע, און וועלכע מיר האָבן געדאַרפט טרעפן, שיסנדיק פון צווייטן עק, אַ מהלך פון איבער זעכציק טריט. מיר איז קוים געלונגען צו טרעפן דריי מאָל פון די צען, וואָס איך האָב אויסגעשאָסן.

דער קאָמאַנדיר האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. עס האָט אים, קענטיק, גאָר זיך נישט געוואָלט גלייבן, איך זאָל מיטאַמאָל אַזוי קאַליע ווערן.

נאָכן שיסן איז ער צו מיר צוגעקומען, און אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף מיין שולטער, האָט ער מיט אַן אָנגעשטעלטן שמייכל געפרעגט:

— מיט וואָס זענען דאָס דיינע געדאַנקען היינט געווען פאַרנומען באַם שיסן?

— מיט קיין זאַך נישט, וואַשי בלאַגאָראָדי — האָב איך געענטפערט. — איך האָב דעם ציל נישט געזען. איך האָב אַ שוואַכע ראיה פונדערווייטנס.

מיין טאָן האָט קענטיק איבערצייגט דעם קאָמאַנדיר, אַז איך זאָג דעם גאַנצן אמת. ער האָט צוגערופן מיין זוואָדנעם און אים פאַרזאָגט צו שיקן מיך אויף מאָרגן אין אָקאָלאָדאָק, צו זען, וואָס איז דער מער מיט מיינע אויגן.

אויף מאָרגן, פרי קומענדיק אין אָקאָלאָדאָק, בין איך געווען איבערראַשט צו טרעפן דאָרט מיין קאָמאַנדיר און ווען דער וראַטש האָט, נישט פרעגנדיק מיך, גענומען אונטערזוכן מיינע אויגן, האָב איך באַלד געוווּסט, אַז פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי האָט מיטן דאָקטאָר גערעדט וועגן מיר פאַר מיין אָנקומען.

אפשר אַ פערטל שעה האָט דער וראַטש מיך געמוטשעט מיט זיין אונטערזוכונג. ער האָט מיר שיער די אויגן-דעקלעך אָפּגעריסן, פונאַנדערעפענענדיק זיי אַלע ווײַלע. ער האָט געקוקט דורך פאַרשידענע

גלעזלעך אין מיינע אויגן, האָט זיי געדריקט און געטאַפּט און מיך גע־געהייסן לייענען באַקאַנטע פּסוקים פון סלאָוועסנאָסט, וואָס זענען גע־ווען געדרוקט אין קליינעם שריפט אויף דער הינטערשטער וואַנט פון אָקאָלאָדאָק.

ווען ער איז מיט מיר פאַרטיק געוואָרן, האָט דער ווראַטש גע־זאָגט פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי, אַז ער האָט אויף מיינע אויגן גאָרנישט געקאָנט געפינען.

דער ראָטנע־קאָמאַנדיר האָט מיר צוגעוואָרפן אַ ברוגזלעכן בליק און איך האָב געפילט, אַז איך האָב בײַ אים מיט איין מאָל די גאַנצע לאַסקע פאַרלוירן.

אויף מאָרגן איז אונז ווידער אויסגעקומען צו שיסן אין די זעלבע צילן פון דער זעלבער ווייטקייט און מיר איז נישט געגאַנגען בע־סער, ווי בײַם ערשטן מאָל. פּאָרוטשיק סטעפּאַנסקי איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט, אָבער זיין ערנסטער קוק האָט מיך דורכגענומען ביזן האַרץ.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען מיט אונז איבערגעחזרט די לעק־ציע פון שיסן אין ברענענדע ליכט און איך בין ווידער געווען דער ער־שטער אין מיין זוואָד. פון צען מאָל האָב איך נאָר איין מאָל פאַר־פעלט, צו מיין שלימזל איז דער ראָטנער דאַן גראָד נישט געווען, און דער פעלדפעבל, וואָס האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען, האָט פון מיין דערפאָלג גאָר קיין פּירוש נישט געמאַכט.

ווען די געהויבענע פון מיין זוואָד האָבן באַמערקט, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם חן בײַם ראָטנעם, האָבן זיי אויך געביטן זייער פיל־ווייניק־פריינטלעכע האַלטונג צו מיר. גאַנץ אָפט, איבערהויפּט אין קעגנוואַרט פון ראָטנעם, פלעגן זיי צו מיר זיך טשעפּען פאַר גאָרנישט. מער פון אַלעמען האָט זיך געפלייסט פאַרן ראָטנעם מיט זיין שטרענגקייט צו מיר, דער יעפרייטער מאַקלאַקאָוו. יעדן טאָג האָט דערדאָזיקער געהויבענער אין מיר נייע חסרונות אַנטדעקט, און ווען ער האָט נישט גע;אָנט געפינען, פלעגט ער זוכן מיך מבזה זיין כאָטש מיט אַן אויסגעשטעלטער צונג אָדער מיטן עק פּאָלע, וואָס ער האָט

געלאָזט אַרויסשטעקן פון דער האַנט, ווי אַ חזיריש אויער. (אַ באַ־לײדיקונג, וואָס יידן האָבן אָפט אויסצושטיין פון גויים פאַר נישט עסן חזיר).

איך האָב זיך געפילט שרעקלעך צו מוט. עס איז נאָך געווען אַ פינף וואָכן צו פסח און די פינף וואָכן בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל מוזן אָפּפּאָקוטעווען אין קאַזאַרמע. און צו דאַרפן עס טון אונטער די קרומע בליקן פון די געהויבענע, איז מיר געווען זייער נישט אָנגע־נעם. עס האָט מיך נישט געאַרט אַזוי פיל פאַר די געהויבענע מוזשיקעס. פון זיי האָב איך פון ערשטן טאָג אָן זיך צוגעוויינט נישט אָנצונעמען קיין באַליידיקונגען, אָבער פאַר דער לאַסקע פון ראָטנע־קאָמאַנדיר, וואָס איך האָב פאַרלוירן, האָט מיך שטאַרק געקרענקט. איבערהויפּט האָט עס מיך געקרענקט, וואָס ער האָט געגלייבט, אַז איך האָב געזוכט אים צו נאַרן מיט מיין שוואַכער ראיה. זינט מען האָט אונטערזוכט מיינע אויגן אין אָקאָלאָדאָק, האָט דער ראָטנער מיך געלאָזט פילן, אַז ער איז אַנטוישט אין מיר, און אַז ער האָט חרטה אויף דער פריינטשאַפט, וואָס ער האָט מיר די גאַנצע צייט געוויזן.

פיל מאָל האָב איך בא זיך באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם צום ראָטנעם: צו בעטן אים, ער זאָל מיך שיקן צו אַן אויגן־ספּעציאַ־ליסט, כדי צו איבערצייגן אים, אַז איך מאַך זיך נישט פאַר קורצזיכ־טיק, אָבער ווען איך פלעג באַגעגענען זיין בליק, פלעג איך דעם מוט פאַרלירן.

מיט מיין זוואָדנעם האָב איך יאָ איינמאָל פאַרצויגן אַ געשפּרעך וועגן דעם. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז בא אים איז קיין ספק נישט, אַז איך זאָג דעם אמת. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיט צוויי יאָר צוריק האָט פּאַסירט פּונקט אַזאַ געשיכטע מיט אַ רייכן קדר, וועלכער איז אויס־בראַקירט געוואָרן פון פּולק צוליב דעם.

מיטן אָנקומען פון פּאַסט איז דאָס שיסן געוואָרן דער שווער־פּונקט פון דער אוטשעניע. אָנשטאָט ווי פריער, אָפּצוגעבן זיך מיט דעם בלויז איין שעה אין צוויי טעג, האָט מען אונז אין דעם איינגעשפּאַנט אויף אַ פּאָר שעה יעדן טאָג.

מיט יעדן טאָג זענען די ציל־ברעטלעך קלענער געוואָרן. די סאָל־

דאַטן־פיגורן, וואָס זענען אויף זיי געווען אויסגעמאָלט, זענען פאַר מיר פון דער נאָענט נישט געווען צו קלאָר צו באַמערקן, און ווען איך האָב געצילט אין זיי פונדערווייטנס, האָב איך זיך בלויז משער געווען דעם פּלאַץ, ווו זיי געפינען זיך.

ענדלעך איז געקומען דער לעצטער טאָג פון פּראַקטיצירן ציל־שיסן און די קלענסטע ציל־ברעטלעך זענען אויסגעשטעלט געוואָרן זעכ־ציק טריט אין פראָנט פון די שיסער.

פּוליאַיעוו און קיריק, די בעסטע שיסער אין ראָטע, זענען געווען די ערשטע צו שיסן. זיי האָבן געטראָפן צו פינף מאָל פון די צען, וואָס זיי האָבן אויסגעשאָסן און דער ראָטנער האָט אויסגעדריקט אַ שטאַרקע אומצופרידנהייט איבער דעם. די מיטלמעסיקע שיסער האָבן געטראָפן צו דריי און צו פיר פון יעדע צען קוילן, וואָס האָט די אומצופרידנקייט פון קאָמאַנדיר נאָך מער אַרויסגערופן.

ווען ער איז געקומען צו מיר, האָט דער ראָטנער מיט איראָניע געפרעגט, אויב איך זע די ווייסע קלעצלעך באַם אַנדערן עק קאַזאַרמע. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך זע נישט, אויף וואָס ער האָט סקעפּטיש צוגעשמייכלט און מיך געהייסן שיסן.

איך האָב אויסגעשאָסן פינף קוילן און קיין איינע האָט נישט געטראָפן. איך האָב דאַן מיין ביקס אָנגעלאָדן פון דאָס־ניי און אויסגעשאָסן נאָך פינף מאָל, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער.

ווען איך האָב דעם פּריקלאַד פון דער ביקס צוגעשטעלט צו מיין רעכטן פוס, האָב איך געפילט ווי אַלעמענס בליקן נעמען מיך דורך. איך האָב געהערט פון ווייטן פּלעטניאָוווס געלעכטער און דעם פעלדפעבלס קול, ווי ער זאָגט:

— דאָס איז פּאָקראַיִניעי מיעריע אַ שיסער!

דער ראָטנער איז געשטאַנען און זיין פּנים האָט געברענט פון רציחה. איך האָב געפילט, אַז ער שטעכט מיך דורך מיט זיין בליק. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו מיר און דערלאַנגט אַ ריס אַרויס די ביקס פון מיין האַנט. איך האָב געמיינט, אַז ער גייט מיר געבן מיט דער ביקס איבערן קאָפּ און איך האָב זיך שוין פאַרגעשטעלט די ווייטיק, וואָס איך גיי באַלד פילן. ער האָט זיך אָבער, קענטיק, מיט

גרויס אָנשטרענגונג אָפּגעהאַלטן, און אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט טון, איז געווען אויסצושרייען, נישט ווי מיט זיין קול: „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!"

גלייך נאָכדעם איז ער כמעט ווי אַנטלאָפן פון דער קאַזאַרמע.

דערלעבט ערב פסח

דעם גאנצן ווינטער האָב איך די אויגן אויסגעקוקט אויפן ערב פסח. אַלע מיינע האָפנונגען און אַלע מיינע פּלענער פאַר מיין באפרייונג האָב איך אויף דעם טאָג געבויט. איך האָב געוווסט, אַז מען וועט מיך אָפּלאָזן צום סדר און האָב באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט דער געלעגנהייט צו באַפרייען זיך פון סאָלדאַטסקע גלות.

אַוועקגעצויגן פיר יאָר פון דער בעסטער צייט פון מיין לעבן, האָט זיך מיר אויפן געדאַנק גאַרנישט געקאָנט לייגן. דאָס האָט מיר אויסגעזען אַזוי אוממעגלעך, ווי עס איז אוממעגלעך אַזאַ לאַנגע צייט אָן לופט צו לעבן. אָבער נעמען און אַנטלויפן, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווי אַ סך פאַרצווייפלטע טוען עס, האָב איך זיך נישט געקאָנט דערלויבן און האָב מיטן ערשטן טאָג אין קאַזאַרמע אָנגעהויבן צו מאַכן די נייטיקע פאַרבאַרייטונגען פאַר דעם טאָג פון ערב פסח.

און ווען די צייט האָט זיך ענדלעך אָנגערוקט און די יידישע סאָלדאַטן אין ראָטע האָבן שוין אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך וועגן יום-טוב, האָב איך אין מיין קעסטל שוין געהאַט ליגן אַ מיעשטשאַנסקע פּאַס און האָב געוואַרט אויפן לעצטן טאָג, ווען מיינס אַ פריינט האָט געדאַרפט קומען אַזש פון ל. מיט דעם נייטיקן געלט און אַ שיפסקאַרטע פון אַמעריקע, וואָס מיין אָנקל האָט מיר צוגעזאָגט צו שיקן.

דער פריינט האָט געדאַרפט אָנקומען אין סאַמע ערב פסח. ער האָט אינדערפרי געזאָלט קומען אין קאַזאַרמע אָפּצורעדן מיט מיר ווו צו טרעפן זיך מיט מיר אין שטאָט, ווען מען וועט מיך אָפּלאָזן צום סדר.

נאָך צוויי מענטשן אין ג. האָבן געוווסט, אַז איך קלויב זיך צו

אגטלויפן; אַ סאָלדאַט פון דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע, וואָס איז געווען מיינס אַ לאַנדסמאַן און אַ חבר פונדערהיים, און דער פריינט פון אונזער פאַמיליע אין שטאָט, אויף וועמענס אַדרעס איך פלעג באַקומען די בריוו. איך בין געווען זיכער, אַז דער סוד וועט ווייטער פון זיי נישט גיין און ווען איך פלעג זיך מיט זיי טרעפן, פלעג איך צו זיי אַלץ רעדן וועגן מיין אַנטלויפן.

דער מוזיקאַנט האָט שטענדיק געזוכט מיך אָפּצורעדן. ער האָט פאַר מיר געשילדערט די סכנה, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ שריט און ער האָט געזאָגט, אַז חלילה וחס מען וועט מיך כאַפּן, איז נישט נאָר וועל איך אַליין האָבן אויסצושטיין די גרעסטע צרות, נאָר אויך אַלע יידישע סאָלדאַטן אין פולק וועלן צוליב מיר דאַרפן ליידן, איבערהויפּט די, וועלכע זענען געווען באַקאַנט מיט מיר און פלעגן מיך קומען באַזוכן אין קאַזאַרמע. איך האָב געוווּסט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט, איז אמת. איך האָב געוווּסט, אַז סיי מיר וועט דאָס אַנטלויפן געלינגען און סיי נישט, וועלן אייניקע אומשולדיקע מענטשן דאַרפן אויסשטיין אומאָנגענעמלעכקייטן צוליב מיר, אָבער מיין פאַרצווייפלטער באַגער נאָך פרייהייט האָט אַלץ אָן אַ זייט פאַרשאַרט און מיין אייגענער „איך" איז מיר געשטאַנען נעענטער, ווי אַלץ אין דער וועלט.

וואָס נעענטער צום יום־טוב, האָבן די טעג זיך אַלץ לאַנגזאַמער געשלעפּט. טייל פון זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט וועלן אַוועקגיין, אָבער צום סוף איז פאָרט געקומען דער טאָג, דער ערב פּסח.

מיט אַ קלאַפּנדן האַרץ בין איך אויפגעשטאַנען, ווען מיינע חברים זענען נאָך אַלע פעסט געשלאָפן. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און מיין בליק איז גלייך געפאַלן אויפן פאַנאַר לעבן וואָקזאַל, פון וועלכן עס האָבן זיך געצויגן רויטע שפּיזלען אַרום אין דער געדיכטער טומאַנער לופט. קיין סימן פון לעבן איז נישט געווען צו זען אויפן גאַנצן שטח, אויף וועלכן איך האָב געקאַנט אַרויסקוקן.

— וואָס איז מיט דיר היינט די שמחה? — האָט דער דיזשורני מיך געפרעגט, — זענען דיר די מצות צו חלום געקומען? — גיי, לייג זיך צוריק. עס איז נאָך קיין צוויי דער זייגער נישט!

איך האָב זיך צוריקגעלייגט, אָבער מיינע אויגן האָבן זיך נישט גע־

וואַ־ט צוקלעפּן. זיי זענען געווען ווייט אָפּן און האָבן נאָכגעפּאָלגט די בילדער, וואָס זענען דורך מיין געדאַנק אין ווירוואַר געפּלויגן.

נאָכן „אוטרענני סמאָטר״ האָט מען א ווגז געזאָגט, אַז קיין „פּראָ־גולקא״ וועט דעם פרימאָרגן נישט זיין, ווייל פאַרמיטאָג דאַרף פּאָרקומען „פּערעסטרעלקע״ (דאָס אויספּרובירן די ביקסן, אויב מען קאָן מיט זיי שיסן ריכטיק אין ציל).

אַ נאַסער שניי געמישט מיט קאַלטע רעגן־טראָפּנס און שטיקער האָגל גרויס ווי אַרבעס האָט געשאָטן, ווען אונזער ראָטע איז אָנגעקומען צום פעלד הינטער אשכינאזיס קאַזאַרמעס. אייניקע ראָטעס זענען דאָרט אָנגעקומען פאַר אונז און אייניקע אַנדערע האָבן געהאַלטן אין אָנקומען פון פאַרשידענע ריכטונגען.

די אָפיצירן האָבן צוגלייך מיט די פּראָסטע סאָלדאַטן זיך געווייגט אין דער נאַסקייט און האָבן הין און צוריק אַרומגעטאָפּטשעט אין דער קלעפּיקער ווייס־גרויער מאַסע, וואָס איז פון מינוט אַלץ טיפער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען.

— שוין באַלד צען דער זייגער און עס איז צייט אָנצוהייבן — האָט אונזער באַטאַליאָנער קאָמאַנדיר זיך אָפּגערופן צו זיינע „ראָטנע״, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. — עס איז נישט גוט, וואָס עס איז אַזאַ מיאוס וועטער, אָבער קיין תירוץ.

איינער פון די אָפיצירן האָט באַמערקט, אַז די ביקסן וועלן פאַר־זשאַווערט ווערן אינעווייניק פון דעם וואַסער, וואָס רינט אין זיי אַריין, אָבער דער „באַטאַליאָנער״ האָט געזאָגט: „ניטשעוואָ, די כלאָפּצעס וועלן זיי ריין מאַכן״.

אַז דאָס גאַנצע פולק האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אויפן פעלד, האָט די „פּערעסטרעלקע״ זיך אָנגעהויבן.

אַ פּאָר אָפיצירן, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען פאַר זייער שיסן, האָבן זיך געשטעלט קעגן די ציל־ברעטער. וואָס האָבן זיך קוים אָנגע־זעען באַם ענד פון פעלד, און באַלד האָט זיך געלאָזט הערן איינס נאָך דעם אַנדערן: טראַך, טראַך! קלענערע געהויבענע האָבן נאָך יעדן מאָל אויסשיסן זיי דערלאַנגט אַן אַנדערע ביקס און דאָס קנאַלן איז אַזוי אָנ־געגאַנגען כסדר. נאָך יעדן קנאַל, וואָס האָט אין דער געדיכטער לופט, ווי הינטער אַ וואַנט אָפּגעקלונגען, האָט אַ רויטע אָדער ווייסע פאָן זיך

באַוויזן פֿון הינטער די ברעטער, צו לאָזן וויסן, אויב די קויל האָט גע־טראָפֿן אָדער נישט.

דער נומער פֿון מײַן ביקס איז געווען זייער אַ הויכער. און אַזוי ווי מען האָט אָנגעהויבן פֿון דעם קלענסטן נומער, בין איך געווען זיכער, אַז ביז עס וועט קומען צו מײַנעם וועלן שוין פֿאַרבײַגיין. איך האָב זיך געשטעלט אָן אַ זײַט און מײַן ביקס אינגאַנצן אַרויסלאָזנדיק פֿון זינען, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן זיך אַליין.

„וווּ וועל איך מאָרגן זײַן?" איז געווען די ערשטע פֿראַגע, וואָס איז אײַן מײַן געדאַנק געקומען. „וואָס וועט זײַן, ווען אַלע מײַנע האָפֿ־נונגען, וואָס איך האָב דעם גאַנצן ווינטער געבויט, וועלן ווערן צו נישט?"

אַ שוידער איז מיר אַריבער, דענקענדיק פֿון דער מעגלעכקייט פֿון אַזאַ זאַך.

אַ קאַלטער ווינט האָט גענומען בלאָזן פֿון טאָל, וואָס אַרום דעם ביעמאַן, און דער רעגן מיטן נאַסן שניי האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעהערט. אַ געדיכטער האָגל האָט אַ פּאָר מינוט האַסטיק אַ שאָט געטון און דאַן האָט עס אויפֿגעהערט און די גרויקייט פֿון הימל האָט גענומען ווערן שיטערער.

די נאַטשאַלסטוואָ האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס דאָס וועטער האָט זיך מיט אַ שעה פֿריער נישט אויסגעלייטערט. זיי האָבן אָבער אויסגע־דריקט צופֿרידנהייט, וואָס ענדלעך האָט דאָך אויפֿגעהערט צו גיסן. מיט אַ היפּשער טייל פֿון די ביקסן האָט מען זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט און מיט דעם אויסלייטערן זיך, האָבן די אָפֿיצירן גענומען פֿאָרזעצן דאָס שיסן מיט מער שנעלקייט.

עס האָט שוין געהאַלטן נישט ווייט פֿון דעם נומער פֿון מײַן ביקס, ווען אַ קוריער איז געקומען צו רײַטן און איבערגעגעבן אַ פּריקאַז פֿון פּולקאָווניק, אַז צוליב דעם שלעכטן וועטער זאָל די פּערעסטרעלקע אָפּ־געלייגט ווערן אויף דרײַ טעג.

עס זענען פֿאַרבליבן נאָר עטלעכע ביקסן צום פּרובירן, אָבער אַ פּריקאַז איז אַ פּריקאַז. די פּערעסטרעלקע איז גלייך אונטערגעבראָכן געוואָרן און קורץ נאָכדעם האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צוריק אין קאַזאַרמע.

אָנקומענדיק אַהין, האָב איך דערוואַרטעט צו טרעפֿן מײַן „אויס־

לייזער", אָדער הערן, אַז ער איז דאָרט געווען. אָבער צו מיין ביטער־סטער פאַרצווייפלונג איז דער פאַל געווען נישט אַזוי און נישט אַזוי. איך האָב זיך געפּרוּווט איינרעדן, אַז ער איז יאָ געווען, נאָר מען האָט עס פאַרגעסן מיר איבערצוגעבן. איך האָב אַ לענגערע צייט זיך געקווענקלט, צי זאָל איך פרעגן וועגן דעם אָדער נישט. מיין האַרץ האָט מיך שטאַרק געשראָקן, טאָמער וועט זיין דער ענטפער: ניין. ענדלעך האָב איך דער־פאַרן, אַז קיינער האָט אויף מיר נישט געפרעגט.

די גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן האָט זיך גלייך אַ נעם געטון צו די ביקסן, די יונגע האָבן אויסער זייערע אייגענע אויך געהאַט צו רייניקן די ביקסן פון די געהויבענע און פון די סאָלדאַטן, וואָס אַרבעטן אין די פאַרשידענע „מאַיסטערסקאַיאַס" אין פּולק.

איך האָב פונאַנדערגענומען מיין ביקס, אַרויסגענומען דעם פלאַקס און די אייל פון קעסטל און גענומען רייניקן. די אָפענע טיילן זענען געווען איינגאַנצן מיט ברוינעם זשאַווער באַדעקט און דער „סטוואָל" אינע־ווייניק איז געווען ווי אויסגעשאָטן מיט אַ הויט־קראַנקייט. איך האָב איינ־געזען, אַז איך וועל די כּוחות דאַרפן אַוועקלייגן עס ריין צו מאַכן, און זעענדיק, אַז דער לעצטער פונק האָפנונג וויל מיך נישט פאַרלאָזן, האָב איך זיך פאַרלאָזט אויף אַ נס, האָב צוזאַמענגעשטעלט די ביקס און אי־בערגעלאָזט דאָס רייניקן פאַר עמעצן אַנדערש...

די עטלעכע אַלטע יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען גרייטן אין שטאָט און איך און די אַנדערע נאָוואָבראַנצעס האָבן אויך גענומען מאַכן הכנות, כאָטש בפירוש האָבן מיר פון קיין נאַטשאַלניק נאָך נישט געהערט, אַז מען וועט אונז לאָזן גיין אין שטאָט צום סדר. נאָכומאָוויטש, וואָס האָט געדינט דאָס לעצטע יאָר, און האָט זיך בּאַ יעדער געלעגנהייט אַרויסגעשטעלט פאַרן פאַרטרעטער פון די יידישע סאָלדאַטן אין ראָטע, האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין גערעדט וועגן מיר און עפּלבוים מיט אַ גבאי פון אַ גרויסער שול, און דער גבאי האָט אים האַלב צוגע־זאָגט צו באַשטעלן אונז אויפן ערשטן סדר בּאַ די רייכסטע באַלעבאַטים.

אין דער צייט, וואָס נאָכומאָוויטש, עפּלבוים און איך זענען געשטאַ־נען אין „רוקאָמאָיניק" און גערעדט, איז דער ראָטנער שניידער, ירוחמסאָן, אַריינגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער און געזאָגט, אַז עס איז אַ סברא, אַז מען וועט הייי־יאָר די נאָוואָבראַנצעס נישט אָפּלאָזן צו די סדרים.

װען ער האָט דאָס אַרױסגערעדט, האָט דער ראָטנער שניידער אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַ מיטלײַדפולן בליק, איך האָב געפילט, אַז מײַן געזיכט איז בלאַס געװאָרן און מײַנע נערװן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעשפּאַנט אױש צום פּלאַצן.

— עס איז אַלץ צוליב דעם פאַרשיװע עפּשטײן, דער טײװל זאָל אים נעמען, — האָט נאָכומאָװיטש געזאָגט מיט כּעס. — ער איז לעצטן יאָר אַװעק צום סדר און אַזױ זעט מען אים אָן ביז הײַנט. נאָר, ניטשעװאָ, איך װעל שױן פועלן, אַז פון אונזער ראָטע זאָל מען די נאָװאָבראַנצעס יאָ לאָזן גײן.

נאָכומאָװיטש איז גלײַך אַװעק צום ראָטנעם אין הױז און איז אין אַ האַלבער שעה אַרום צוריקגעקומען מיט אַ בילעט פאַר אַלע ײדן אין ראָטע צו גײן אין שטאָט לכּבוד דער ערשטער נאַכט פון פּסח. נאָר מיטן באַדינג, אַז די נאָװאָבראַנצעס זאָלן צו „פּאָװיערקע" זײַן צוריק אין קאַזאַרמע.

אַדיע קאַזאַרמע

ערב פּסח.

שטיל, אָן מוט האָט אונזער קליינע קאָמאַנדע די קאַזאַרמע פאַר־לאָזט און זיך גענומען מיטן שטעגל, וואָס ברענגט גיכער אין שטאָט.

דער הויפּט פון דער קאָמאַנדע, דער ראָטנער שניידער, נחומסאָן, איז געווען שטאַרק אַנגעברוגזט. ער איז, קענטיק, געווען זייער אַנטוישט פון דעם, וואָס ער האָט צוליב די נאָוואָבראַנצעס פאַרשפּילט די סדר־נאַכט.

דער פעלדפעבל האָט אים אָנגעזאָגט צו ברענגען די קאָמאַנדע צוריק אין קאַזאַרמע פאַר פּאָווערקע און ער האָט געוווסט, אַז מיט דעם פעלדפעבלס באַפעל קאָן מען זיך נישט שפּילן.

וואָס נענטער מיר זענען צו דער שטאָט געקומען, אַלץ מער אָנ־געברוגזט איז נחומסאָן געוואָרן. ער האָט פון צייט־צו־צייט עפּעס צוגע־בורטשעט אונטער דער נאָז און האָט אונז געמאַכט פילן, ווי מיר וואָלטן געווען שולדיק אין דעם, וואָס ער קאָן נישט פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט אין שטאָט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

קיינער פון די נאָוואָבראַנצעס האָט אַ וואָרט נישט גערעדט. זיי זענען, ווי עס האָט אויסגעזען, געווען נישט ווייניקער אַנטוישט פון נחומסאָנען, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז זיי קאָנען זיך צו אים נישט גלייכן.

באַ מיר איז דאָס האַרץ געווען אינגאַנצן פאַרגליווערט. פון גרויס געשפּאַנטקייט זענען מיינע געפילן געוואָרן ווי פאַראַליזירט. דעם קריזיס אין מיין לאַגע און דעם ערנסט פון דעם מאָמענט, האָב איך נאָר ווי מיט פרעמדע געדאַנקען געקאָנט באַגרייפן. איך האָב געפילט, ווי איך

באַגלייט זיך אַליין אויף אַ וועג, מיט וועלכן איך וועל צוריק זיך קיינמאָל נישט אומקערן.

איך האָב געוווּסט נאָר איין זאַך: אַז עס איז געקומען דער מאָמענט, אויף וועלכן איך האָב דעם גאַנצן ווינטער מיט איבערמענטשלעך געדולד געוואַרט. איך האָב געפילט, אַז די קאַזאַרמע מיט אַלע אירע פּלאָגן און שרעקן איז פאַר מיר געוואָרן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

יעדע רגע האָט אַ נייער צווייפל מיך אַ צופּ געטון באַם האַרץ: טאָמער איז צ. נישט געקומען? טאָמער האָט מען זיך דערוווּסט וועגן מיין פּלאַן? טאָמער, טאָמער, טאָמער? אָבער יעדעס מאָל האָט אַ געפיל פון בטחון זיך אַרויסגערוקט פון אַ ווינקל פון מיין באַוווּסטזיין און באַזייטיקט אַלע ספקות.

איך האָב נישט געקאָנט זען קלאָר, וואָס דער קומענדיקער מאָמענט וועט מיר ברענגען, צי פרייהייט, צי עפּעס אַנדערש. איך האָב אָבער געפילט זיכער, אַז פון דעם יאָך פון דער „סאָלדאַטשינאַ“ בין איך באַפרייט, אויף שטענדיק באַפרייט. איך האָב מיטאַמאָל באַמערקט, אַז אונזער קליינע קאָמאַנדע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דבורה דער אלמנהס רעסטאָראַן. נחומסאָן האָט אונז אָנגעזאָגט זיך צוזאַמענצוקומען צוריק אויף דעם זעלבן פּלאַץ נישט שפּעטער, ווי אַכט דעם זייגער. ער האָט מיט פאַרגנבעטן פאַרדאַכט אונז אַלעמען אָנגעקוקט און ווען זיין בליק איז אויף מיר געפאַלן, איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— געדענקט, ברידער, נישט צו פאַרשפּעטיקן — האָט דער ראָטנער שניידער אויסגערופן מיט אַ ווייכן טאָן — איך בין פאַר אייך אַלעמען פאַראַנטוואָרטלעך און ווען עמעצער פון אייך וועט פאַרשפּעטיקן פּאָווערקע, וועל איך האָבן אויסגעריסענע יאָר דערפאַר.

אַלע האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן זיך צוזאַמענקומען אין צייט. איך האָב עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז, איך געדענק אַליין נישט וואָס.

אַזוי שנעל, ווי די קאָמאַנדע איז זיך צעגאַנגען, בין איך אַוועק צו ש. ב. אין קראָם אויסצוגעפינען אויב צ. איז נאָך מיר געקומען. דער קרעמער, וואָס איז געווען איינער פון די צוויי מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט פון מיין פּלאַן און וואָס איז געווען זייער שטאַרק באַאומרויקט, טאָמער קאָן ער נאָך אַמאָל האָבן צרות צוליב מיין אַנטלויפן, האָט מיך

באַגעגנט אַ בלאָסער באַ דער שוועל און מיר שטיל צערײַנגעשושקעט אין אויער, אַז צ. וואַרט אויף מיר אין מאָסקאָווסקאַיאַ גאָסטיניצאַ.

איך האָב אים געגומען אויספרעגן אײַנצלהייטן וועגן צ׳ס קומען, וועגן דער גאָסטיניצאַ און וועגן אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו מײַן פּלאַן. דער קרעמער איז אָבער געווען אַזוי נערוועז, אַז ער האָט אַ וואָרט ניט געקאָנט רעדן. עס האָט מיך פאַרדריקט באַם האַרץ צו זען אים אין אַזאַ לאַגע.

— פאָלגט מיך, דאָטשקין, פאַרלירט נישט קיין צייט אומזיסט — האָט ש. ב. געזאָגט מיט גרויס אָנשטרענגונג — איך האָף נאָר, אַז אַלץ זאָל אָפּגיין כשורה.

— שרעקט זיך נישט, — האָב איך אים באַרויקט, — ווען איך וואָלט וועלן אַנטלויפן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, וואָלט איך זיך נישט גע־דאַרפט פּלאָגן אַזאַ לאַנגע צייט. איך בין זיכער, אַז צ. האָט מיר גע־בראַכט די אַלע נייטיקע זאַכן, וואָס איך האָב פון קאַזאַרמע באַשטעלט, פון אַ פּאַספּאָרט ביז אַ שיפסקאַרטע.

— יאָ, ער האָט דאָס מיטגעבראַכט — האָט דער קרעמער אומגע־דולדיק געענטפערט. ער האָט דאַן מיט ביידע הענט געדריקט מײַן רעכ־טע האַנט און האָט מיר געוווּנטשן אַ גליקלעכע רייזע.

— איך בעט נאָר גאָט, — האָט ער צוגעלייגט אין דער שטיל, ווען איך בין פון קראָם אַרויס — אַז קיינער זאָל צוליב אייער אַנטלויפן נישט דאַרפן לײַדן. ערשט די וואָך האָט מען אַ היגן פּיינעם באַלעבאָס פאַרשיקט אויף דריי יאָר אויף אַ בלבול, אַז ער האָט געהאָלפן אַ כאַל־דאַט אַנטלויפן.

אָנקומענדיק אין „מאָסקאָווסקאַיאַ גאָסטיניצאַ״ האָב איך דערפאַרן, אַז הער צ. פון ל., וואָס איז מיט צוויי טעג צוריק אָנגעקומען, האָט יע־נעם פרימאָרגן זיך אַריבערגעצויגן אין האָטעל סעמינאַל און אײַניקע מי־נוט שפּעטער בין איך געווען אין די אָרעמס פון מײַן אַלטן פרײַנט, וואָס האָט אויף מיר אויסגעקוקט מיט אומגעדולד.

אין דער צייט, וואָס אונזערע ליפן האָבן זיך באַגעגנט אין אַ לאַנגן, האַרציקן קוש, האָט צ. דעם שינעל פון מיר אַראָפּגעצויגן. זײַן פּנים איז געווען בלאַס ווי די וואַנט און זײַן גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— זיי דאָך נישט אַזוי אויפגערעגט — האָב איך זיך געבעטן בײַ מיין פריינט. — איך זע דאָ קיין סכנה נישט.

— יאָ, ווען דו וואָלסט אָבער געוווסט, וואָס מיך האָט נאָר־וואָס געטראָפן? — האָט צ. מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, ווי ער וואָלט מורא האָבן, די ווענט זאָלן עס נישט הערן.

איך האָב געפילט, ווי אַ שוואַכקייט וואָלט מיר דורכגעגאַנגען דורך די גלידער. אין האַרץ איז מיר געוואָרן פוסט און עס האָבן גענומען שווינדלען פאַר מיינע אויגן פאַרטושטע בילדער פון קאַזאַרמע־גרויל־טאַטן. איך האָב זיך אָבער באַלד באַהערשט און כלומרשט קאַלטבלוטיק גענומען אויסטון דעם מונדיר.

— עס זענען נאָר־וואָס אַרויס פונדאַנען צוויי יידישע סאָלדאַטן, מיט רויטע אַקאָלושקעס. צוואַנציק רובל האָב איך יעדן פון זיי געמוזט געבן, אַבי זיי זאָלן שווייגן.

אַ פאַרדאַכט האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעבליצט אין מיין געדאַנק און איז געפאַלן גלייך אויף מיין פריינט, וואָס איך האָב אַ ווײַלע צוריק באַטראַכט אַלס מיין מלאך הגואל.

„ווי קומען עפּעס מיט אַמאָל פערמסקע סאָלדאַטן צו וויסן, אַז איך קלויב זיך אַנטלויפן און אויסגעפינען דעם פּלאַץ, ווו צ. איז פאַר־פאָרן?" האָט אַ פראַגע מיר זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ. איך האָב זיך אָבער באַלד פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר דער קליינלעכקייט צו פאַר־דעכטיקן אַ פריינט, און נאָך אַזאַ פריינט, וואָס שטעלט זיך אַזוי פיל איין צו העלפן מיר צוריקגעווינען די פרייהייט, אַז ער וועט מאַכן אַזאַ פאַלשן אָנשטעל צוליב פערציק רובל.

— די סאָלדאַטן — האָט צ. נאָך אַ קורצער פּויזע געזאָגט — האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי ווייסן ויעגן וואָס איך בין געקומען. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געפונען דיין טאַטנס אַ בריוו צו דיר און האָבן פאַרזיכערט, אַז ווען דאָס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סאָלדאַט פון זייער פאָלק, וואָלטן זיי פאַר קיין געלט נישט געשוויגן, נאָר אַזוי ווי דו ביסט פון וויאַטסקען פאָלק, אַרט עס זיי נישט אַזוי שטאַרק און זיי זע־נען גרייט צו מאַכן אַ שוויג, ווען זיי קריגן צו עטלעכע קערבלעך.

— נו, מילא, — האָב איך געזוכט צו באַרויקן מיין פריינט. — זיך קימערן איצט צוליב עטלעכע רובל, לוינט זיך געוויס נישט.

— ווער ווייסט, צי דען קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף זייער וואָרט — האָט מיין פריינט געזאָגט מיט אַ באַזאָרגטער מינע. — זייער אויסזעען געפעלט מיר נישט צו שטאַרק.

— נו, טאָ לאָמיר טאָקע דערפאַר נישט פאַרלירן קיין אומזיסטע צייט — האָב איך מיט אַנטשלאָסנהייט געזאָגט. — וויפיל דעם זייגער גייט אָפּ די באַן נאָך ק.

— עטלעכע מינוט נאָך פינף — נאָך גוטע דריי פערטל שעה.

מיין פריינט האָט מיך דאַן אַריינגעפירט הינטער אַ פאַראַוואַן, ווו איך האָב דערקענט אַ היימישן קאָרב, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט קליידער און ביכער, וואָס איך האָב געבעטן, מען זאָל מיר שיקן.

עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, און איך בין געווען איבערגעטון אין מיין יומטובדיק אַנצוג, פון וועלכן עס האָט זיך נאָך געשפירט אַן אויסגעוועפּטער ריח פון פערפום. פאַר דער צייט, וואָס איך האָב זיך איבערגעטון, האָט מיין פריינט די סאָלדאַטסקע קליידער אין קאָרב אַריינגעשפּאַרט און אים פאַרבונדן פעסט מיט שטריק און רימענס.

צ. האָט אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער און געלאָפן צום פענצטער, ווו ער האָט אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרונע פון פאַרמאַכטן לאָדן. ער האָט זיך קיין אָרט אין צימער נישט געקאָנט געפינען.

ענדלעך האָט ער מיך איבערגעלאָזט אַליין און איז אַרויס באַשטעלן אַן איזוואָשטשיק.

ווען ער איז עטלעכע מינוטן שפּעטער צוריקגעקומען, איז ער געווען נאָך מער נערוועז און אומגעדולדיק ווי פריער. איך האָב געקאָנט זעען ווי די געשפּאַנטקייט ברעכט אים צוזאַמען און איך האָב געפילט, אַז איך וועל מיין גאַנץ לעבן פאַר אים נישט קאָנען יוצא זיין.

אַזוי גיך ווי איך האָב די היימישע קליידער אויף זיך ווידער געהאַט, האָב איך זיך געפילט איגגאַנצן זיכער. איך האָב געשפירט די פרייהייט גלייך אַרום מיר און עס האָט מיך כמעט אַ האָר נישט געאַרט די געפאַר, וואָס מיר איז נאָך פאַרגעשטאַנען.

און וואָס מער רויק און קאַלטבלוטיק איך האָב זיך אַרויסגעצייגט, אַלץ מער נערוועז און צערודערט האָט צ. אויסגעזעען.

— הלוואַי זאָל אַלץ אָפּגיין גלאַט — האָט ער שטיל געבורטשעט. און צ. האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן. ער איז

צוגעלאָפן צו זיין טשעמאָדאַן און אַרויסגענומען אַ פּאָר טונקל-בלויע ברילן, וואָס מיין פאָטער האָט מיר געשיקט צוליב סגולה וועגן.

ווען די צוגעמאַכטע דראָזשקע איז אַרויפגעפאָרן אויפן הויף, האָט די באַלעבאָסטע פון האָטעל אָנגעקלאַפּט אין טיר. צ. האָט זי אַריינגעלאָזט און ווען דער איזוואָזשטשיק האָט דעם קאָרב אַרויסגעטראָגן, האָט זי איבערגעקוקט דעם צימער צו זעען, אויב מען האָט איר דאָרט קיין זאַך נישט איבערגעלאָזט. זי האָט מיך אָנגעקוקט גאַנץ פריינדלעך און ווען צ. האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר אַלס אַ ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנט, האָט זי זיך העפלעך פארנייגט און צוגעשמייכלט מיט אַ כיטרע שמייכעלע.

— איר זאָלט באַגעגענען אליהו הנביא אויפן וועג — האָט די באַלעבאָסטע פון האָטעל אונז צוגעווונטשן, ווען מיר זענען אין דראָזשקע אַריינגעשטיגן.

אַנטלאָפֿן.

דער וועג פֿון האָטעל צום וואָקזאַל איז געווען אַ גאַנץ קורצער, אָבער אויסגעזועען האָט ער מיר, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. דאָס פֿערד האָט מיט די קאָפּיטעס מאָנאָטאָן געקלאַפּט איבערן צעדרייטן ברוק, די דראָזשקע האָט זיך געוויגט אויף די שטאַרק-אויסגעאַרבעטע ספּרווזשינעס, און דער קאָרב, וואָס דער איזוואָזטשיק האָט געהאַלטן לעבן זיך, האָט בעסקריפּעט און געהאַלטן אין איין אַרונטערגליטשן זיך פֿון קעלניע.

צ. איז געזעסן שטום ווי די וואַנט. ער האָט זיך געהיטן צו מאַכן די קלענסטע באַוועגונג און האָט מיט אָנשטרענגונג אַריינגעצויגן דעם אָטעם, ווי אַ קאָנטראַבאַנדשטשיק, ווען ער גייט די גרענעץ זיך אַריבערכאַפּן. דער פֿאַרצווייפֿלטער אויסדרוק אויף זיין פּנים האָט מיר קלאָר געזאָגט, אַז ער האָט שטאַרק חרטה אויפֿן גאַנצן עסק און ווינטשט זיך, ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט אונטערגענומען צו העלפֿן מיר אין מיין אַנטלויפֿן.

דער איזוואָזטשיק האָט פֿון צייט-צו-צייט אַ קנאַק געטון מיט דער בייטש און זיך אַרומגעקוקט מיט גאווה אויף די ליידיק-פֿאַרבייפֿאָרנדע דראָזשקעס. זיין פֿריש-אונטערגעשוירענע קוטשמע האָט געפֿלאַטערט אינם פֿרילינג-שאַרפֿן ווינטל און זיין לאַקירענער קאָזיראָק האָט געבלישטשעט ווי אַ שפּיגל אין דער שיין פֿון דער זון.

דער ערב פּסח האָט אַרויסגעקוקט פֿון יעדן ווינקעלע. קינדער אין אין נייע אַנצוגלעך האָבן זיך פֿריילעך איבער דער גאַס אַרומגעדרייט און מענער און פֿרויען זענען באַשמייעט פֿון ריאַד קראָמען געלאָפֿן מיט פּעקלעך אונטער די אָרעמס. אין דער לופֿט האָט זיך געטראָגן דער ריח

פון פרישן מעד און די אטמאספערע איז געווען אנגעפולט מיטן יום-טוב פון באפרייונג.

אפילו די וואיעננע, וואס האבן זיך ארומגעדרייט שטייף אויף די טראטוארן און געקלונגען שטאלץ מיט זייערע שפארן, האבן אויסגעקוקט פסחדיק.

אויפן וואקזאל זענען מיר אנגעקומען א האלבע שעה, איידער די באן האט באדארפט אפגיין.

צ. האט באזארגט די בעלעטן און דעם באגאזש און ווען ער איז דערמיט פארטיק געווארן, האט ער זיך אוועקגעדרייט ווו, און און איך האב נישט געוווסט ווו ער איז אהינגעקומען.

איך האב נישט געוווסט וואס צו טון מיט זיך. יעדע מינוט האט זיך פאר מיר אויסגעצויגן ווי א יאר. איך בין געווען דער איינציקער ייד, וואס האט זיך געפונען אויפן וואקזאל און האב געפילט, אז יעדער בליק, וואס טרעפט מיך, לייגט זיך אויף מיר מיט פארדאכט.

— ווו קאן דאס אזא זשידאק פארן איצט ? — האט איך מיטאמאל דערהערט איין מיעשטשאנין פרעגן א צווייטן. — בא זיי איז דאך היינט באנאכט פאסכא ?

— מאלע, ווו ער פארט — איז דער ענטפער געווען. — דו ווייסט דאך, די יידן קויפן, האנדלען קאנטראבאנד. היינטיקע יידן קימערן זיך ווייניק-וואס פאר פרומקייט.

איך האב זיך געמאכט, ווי איך הער נישט, וואס זיי רעדן, כ'בין א ווײלע געזעסן, כלומרשט רויק, דאן האב איך זיך אויפגעהויבן און בין צוגעגאנגען צו דער וואנט, ווו פארשידענע מאפעס זענען געווען אויס-געהאנגען.

דער עולם אויפן וואקזאל האט גענומען וואקסן. אלע ווײלע איז א נייע דראזשקע צוגעפארן און געבראכט פרישע מענטשן און באגאזש. די דריטע קלאס איז באלד פול געווארן מיט רויך און טומל און דער נאטשאלניק סטאנציע האט ארומגעשפאצירט איבער דער פלאטפארמע מיט דער האנט פארלייגט אויף הינטן, בלאזנדיק פון זיך מיט גדלות.

באלד האב איך דערזעען א יידיש פנים אויפן וואקזאל. עס איז געווען דער עקספעדיטאר זיסקינד, וואס איז געקומען אין זיינע יום-טובדיקע מלבושים צו באזארגן פראכט פארן גיין אין שול. דער אלטער

עקספעדיטאָר האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ווען ער האָט מיך באַמערקט, און איך האָב געקאָנט זעען אין זיין פּנים, אַז ער האָט געטראָפן, וואָס פאַר אַ פּאַסאַזשיר איך בין. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ שטומע ברכה און איז אַוועק באַזאָרגן זיין פּראַכט.

באַלד האָבן סאָלדאַטן זיך גענומען באַווייזן אין און אַרום וואָקזאַל. עס איז גראָד געווען אַ חגא־טאָג און קיין זאַניאַטע אין די קאַזאַרמעס איז נישט געווען.

ווען איך האָב דערזעען פונדערווייטנס אַ פּאָר סאָלדאַטן מיט רויטע אָקאָלושקעס אָנקומען, איז מיר אין האַרץ איינגעפאַלן. מיר איז גלייך אַרויף אויפן זינען, וואָס צ. האָט מיר דערציילט וועגן די צוויי יידישע סאָלדאַטן פון פּערמסקען פּולק. איך האָב זיך פאַרקוקט אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך נישט באַמערקן. איך האָב אָבער געפילט, אַז מיט מיין קליי־דונג און אויסזעען האָב איך געמוזט ציען אויף זיך אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט.

אַ פּאָר סאָלדאַטן פון וויאַטסקען פּולק זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען. איינער איז געווען אַ ייד, פון דער דריטער ראָטע, וועלכן איך האָב גלייך דערקענט. ער האָט מיך אָבער נישט געקאָנט דערקענען. די בלויע ברילן און די פּיקסאַטור אויף מיינע וואָנסעס האָבן מיין פּנים ווי אונ־טער אַ מאַסקע פאַרשטעלט.

פון צ. איז קיין שפּור נישט געווען צו זעען. נאָר אַז ער האָט באַזאָרגט די בילעטן און דעם באַגאַזש, בין איך געווען איבערצייגט. איך האָב דערזעען פון ווייטן, ווי אַ נאָסילשטשיק האָט מיין קאָרב צוגע־שלעפּט צו דער וואָג און ווי עפּעס אַ באַאַמטער האָט אויף דעם קאָרב אָנגעוויזן און אַרויפגעקלעפּט אַ צעטל אויף אים. דאָס האַרץ האָט אין מיר שנעל געקלאַפּט, ווען דער באַאַמטער האָט גענומען אַרומקוקן דעם קאָרב צו זעען, אויב ער איז גוט פאַרבונדן. מיך האָט געשראָקן טאָמער דערשפּירט ער דעם ריח פון די סאָלדאַטסקע קליידער.

ווי איך בין אַזוי געשטאַנען אין שרעק און פאַרצווייפלונג, האָב איך דערפילט מיטאַמאָל אַ האַנט אָנרירן מיך באַם שולטער. מיין גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטון און איך האָב געפילט, אַז קיין איינציקער טראָפּן בלוט איז אין מיין פּנים פאַרבליבן.

ביז איך האָב זיך אַרומגעדרייט און דערזעען לעבן זיך מיין פריינט צ.,

האָבן די געדאַנקען בײַ מיר אין מוח טויזנט מאָל זיך איבערגעקערט. אַלץ מעגלעכס און אוממעגלעכס איז מיר מיט איין מאָל איינגעפאַלן און איך האָב זיך שוין באַטראַכט ניין און ניינציק פּראָצענט פאַרלוירן.

צ. האָט געזעען, וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט דורכגעלעבט און האָט געזוכט צו באַרויקן מיך מיט זיין בליק. דאַן האָט ער שטיל באַמערקט, דאָס נאָך צען מינוט וועלן מיר קאָנען אַריין אין וואַגאָן. ער האָט אָבער געראָטן, איך זאָל פאַר דער קורצער צייט אַריין אין אַ צווייטער אָדער ערשטער וואַגאָן-קלאַס, ווייל אין דריטן דרייען זיך אַרום צו-פיל סאָלדאַטן און ער האָט מורא, אַז מען שפּירט מיר נאָך. איך האָב די עצה אָן וועלכער איבערלייגונג געפאָלגט און בין אָן שהיות אַריין אין דער ערשטער קלאַס.

אייניקע אָפיצירן זענען געשטאַנען בײַם בופעט און עפּעס געטרונקען. בײַ אַ טישל זענען געזעסן אַרום גלעזער שאָקאָלאַדע צוויי פרויען, צוויי אָפיצירן און אַן אַלטער מאַן פון וואַיענגעם אויסזעען אין ציוויל-נע קליידער. אַרום אַ צווייטן טיש זענען געזעסן צוויי יונגע פרויען און אַ מיטל-יעריקער פּאַרוטשיק, וועמענס נאָז האָט געבליט פון שכרות. זיי האָבן מיך אַלע באַטראַכט מיט וואַיענגער גאווה און האָבן זיך באַלד צוריק פאַרטיפט אין זייערע גלעזער און געשפּרעך. איך האָב באַשטעלט אַ גלאָז טיי און מעשה סוחר זיך באַקוועם געמאַכט אין אַ ווייכער שטול לעבן אַ קליין קיילעכדיקן מאַרמאָר-טישל.

פון קאָרידאָר, וואָס פירט פון דער צווייטער קלאַס צו דער ערש-טער, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ קלינגען פון שפּאָרן און אַ באַ-קאַנטן הוסט און איידער איך האָב געהאַט צייט זיך צו דערמאָנען וועמענס הוסט דאָס איז, איז אַרויסגעשוווּמען פאַר מיינע אויגן דאָס געשטאַלט פון מיין פאָל-ראָטנעם קאָמאַנדיר פּאָדפּאָרוטשיק קאַמינסקי.

עס איז אַריבער אַ קעלט איבער מיינע גלידער און מיין רעכטע האַנט, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן מאַרמאָרענעם טישל, האָט זיך אַרונטערגעגליטשט אין מיין שויס. צום גליק האָט עס דער פּאָדפּאָרוטשיק נישט באַמערקט. זיינע געדאַנקען זענען קענטיק געווען מיט עפּעס שטאַרקס פאַרנומען.

די אָפיצירן, וואָס זענען געשטאַנען בײַם בופעט, האָבן זיך מיט

קאַמינסקין באַגריסט און דער פּאָל־ראָטנער איז באַלד צוגעשטאַנען צו זייער קאָמפּאַניע.

איך האָב געפֿילט, אַז אין דער ערשטער קלאַס בין איך ווייניקער זיכער, ווי אין דער דריטער. מיר האָט זיך נישט געלאָזט גלייבן, אַז מיין פּאָל־ראָטנער, וואָס האָט תּמיד אַרויסגעצייגט אַ ספּעציעלע פּאַראַכטונג צו מיר, זאָל מיך נישט דערקענען.

איך האָב אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטון מיינע ברילן, צי זיי האַלטן זיך אויף דער נאָז און האָב זיך גוט באַקוקט. אויב איך טראָג טאַקע ווירקלעך ציווילנע קליידער.

איך האָב דאָס גלאָז טיי נישט געקאָנט ענדיקן. איך האָב עס געלאָזט שטיין און בין אַריין אין צווייטער קלאַס, וואָס איז געווען כּמעט ליידיק.

מיינע נערוון זענען געווען שרעקלעך געשפּאַנט. איך האָב געפֿילט, אַז אָט, אָט ברעך איך זיך צוזאַמען. בײַ די שלייפֿן האָט מיר ווי מיט צוואַנגען געקלעמט און די ווייזערס פֿון גרויסן זייגער איבערן בופֿעט האָבן מיט קאַלטער אכזריות מיר אין די אויגן געצילט און אויף להכעיס זיך נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט. נאָך פֿינף מינוט צו וואַרטן און יעדע סעקונדע איז אַ פֿיינלעכע אייביקייט...

בײַ דער טיר האָט זיך באַוויזן צ., אָבער איידער ער האָט צוויי טריט געמאַכט, האָט ער זיך גלייך אומגעקערט. דאָס קלינגען פֿון שפּאָרן, וואָס האָט זיך פֿון קאָרידאָר געטראָגן, האָט אים איבערגעשראָקן.

קאַמינסקי און איינער פֿון דער גרופּע, מיט וועלכער ער האָט צו־זאַמען געטרונקען, זענען אַריין אין צווייטער קלאַס. זיי האָבן, קענטיק, געהאַט צו רעדן עפּעס אינטימס. קאַמינסקי איז געווען נישקשהדיק אָנ־געטרונקען און זיין אויסגעקרומטע פיגור האָט זיך צוגעוויגט, ווען ער איז מיט זיין קאָלעגע אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן זאַל.

מיין פּאָל־ראָטנער, וואָס האָט פֿריער, בײַ זיין אַריינקומען אין דער ערשטער קלאַס, גאָרנישט אַ קוק געטון אין מיין ווינקל, האָט מיך איצט באַטראַכט מיט זיין פֿאַרזשמורעטן מענטשן־פֿיינטלעכן בליק און זיין אַל־טער, קראַנקהאַפֿטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע בלויע, פֿאַר־פּרעסטע ליפּן. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, אויב ער האָט נישט וווּ באַגעגנט אַזאַ פּערזאָן ווי איך.

דאַן האָט ער עפּעס אַריינגעשושקעט זיין חבר אין אויער און יענער האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר און צוגעשמייכלט.

עס האָט מיר אַ שלאָג געטון אַ היץ אין קאָפּ. איך בין געווען זיכער, אַז איך בין „געפּאַקט". איך האָב שיער געמאַכט אַ באַוועגונג צו נעמען לויפן, אָבער עפּעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט האָט מיך אָפּגעהאַלטן.

קאַמינסקי און דער צווייטער אָפיציר האָבן געפירט אַ שטיל געשפּרעך, פון וועלכן עס האָבן זיך דערטראָגן צו מיר די ווערטער „זשידי קאָנטראַבאַנדשיקי" און איך האָב באַלד זיך איבערצייגט, אַז מיין פאַלראַטנער האָט מיך נישט דערקענט.

ביז איך האָב דערלעבט צו הערן דעם דריטן „וואָנאַק", זענען די אויגן פון מיין קאָפּ שיער נישט אַרויסגעקראָכן.

באַם דריטן קלונג האָט צ. זיך באַוויזן אין טיר און מיר אַ ווונק געטון, איך זאָל אַרויס צו דער פּלאַטפאָרמע דורך דער ערשטער קלאַס.

ווען איך בין אין וואַגאָן אַריין, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט ווי טויזנט בערג האָבן זיך פון מיר מיט איין מאָל אַרונטערגעקייקלט און אַזוי גיך ווי דער צוג האָט זיך גענומען רירן, האָב איך די ברילן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און גענומען אָפּווישן די פּיקסאַטור פון מיינע וואָנסעס.

פאַרבייפאָרנדיק די וויאַטסקע קאַזאַרמעס, האָט אַ טרער זיך געשטעלט אין מיינע אויגן. איך האָב געזוכט צו דערקענען די פענצטער קעגנאיבער מיין קאַיקע, דורך וועלכע איך האָב אַ גאַנצן ווינטער פאַרצווייפלט געקוקט אויף דער פרייער וועלט, אָבער איידער איך האָב זיי געקאָנט אויסגעפינען, איז דער צוג אַריין אין וואַלד און איז באַלד פאַרטרונקען געוואָרן אין אַ ים פון נאַקעטע ביימער.